STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08785

SHEPT NAHES

M. Nudelman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שעפט נחת

שעפּט נחת

פון

מ. נודעלמאַן

הומאָר פון אידישן לעבן אין אַמעריקע

ניו־יאָרק 1958

Copyright 1958 *by*
M. NUDELMAN
NEW YORK, N. Y.

אַדרעס פון מחבר:
M. NUDELMAN
1650 OCEAN PARKWAY
Brooklyn 23, N. Y.

Printed in the USA by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East Fourth Street **New York 3, N. Y.**
253

אינהאַלט

אַ בוך איז געבוירן געוואָרן

אַ בוך ווערט געבוירן........ 9
אַ בוך ווערט געלויבט........ 13
אַ בוך ווערט דערהויבן........ 16
אַ בוך ווערט פאַרקויפט........ 20

אַ קניפּ אין בעקל

אַ געזעלשאַפטלעכער דזשאַב........ 25
ווי אַזוי כ'בין געוואָרן טשערמאַן פון אַ יובל־קאָמיטעט........ 29
אַ לעקטאָר — אַן עקשן........ 33
צוריקגייענדיק פון אייגענעם באַנקעט........ 37
אַ קאַמפּעינער דערציילט........ 40
כבוד — טעלעגראַפיש........ 44

פאַרפאַלקסטימלעך

ווען מ'האָט אַ ווייב — אַ כלל־טוערין........ 49
עס ברענט אַ פייער........ 54
אַ הונגער־סטרייק........ 58
געמיטלעכער פאַמיליע־שמועס........ 62

ניין מאָם רייד

„מיס אלמנה"........ 67
„פליז, נעמט אַ קענדי!"........ 71
אַ ראָמאַנטישע באַגעגעניש........ 77

„גאָלדענע בערג"

שונא נומער איינס פון וואַקאַציע........ 81
איידעלע געסט........ 85
ער האָט ליב די נאַטור........ 89
אַ האָטעל צו פאַרלירן וואָג........ 94
אַ הונט אויף וואַקאַציע........ 98
טאָג־בוך פון אַ מאָסקיטאָ........ 103

אין דער קיזלעווקער סאָסייעטי

קיזלעווקער פרעזידענטן........ 109
אַ מעמבער פון די מעמבערס........ 114
צוויי וויס־פרעזידענטן ביי דער אַרבעט........ 117
אַרויסגע'גנב'עט דעם לעקטשורער........ 120

יום־טוב אינדערוואָכן

אַ חזן אָן אַ שטימע........ 125
אַ פריידענקער פאַרקויפט מיר אַ מחזור........ 129
אַ צוואה פון אַ כפרה........ 132
ווען אַן אײנדיק וואָלט געקאָנט רעדן........ 136
לאַטקעס (חנוכה־סצענקע)........ 139
אַן אייניקל ווערט בר־מצוה........ 144

צום געזונט!

אַ באַזוך ביים קראַנקן........ 149
קרענק מיט בוכהאַלטעריע........ 153
אַ פאַציענט אַ ספעציאַליסט........ 156
נישט געטראָפן מיטן זון........ 160
ער רויכערט נישט מער........ 164
דער שלאָפלאָזער........ 168
ווער האָט געשטעלט דעם דאָקטאָר אויף די פיס?........ 171

מיט דער פעדער צוקאָפנס

אַ צוזאַמענפלי פון קלאַסיקער........ 175
צוויי יונגע פּאָעטן מיט אַמביציע........ 178
ווער האָט געצויגן דעם עולם?........ 182

פּסיכאָלאָגיע אונטער דר'ערד

צוליב איין פּעני........ 185
אַ מלחמה מיט זיך אַליין........ 190
אויטאָמאַטן דערציילן פון חדר........ 194

אויף אַלע פראָנטן

ער קען פערזענלעך די גאַנצע וועלט........ 199
מיינע צוויי באַרבערס........ 203
דער פּאַציפיסט........ 207
נחת'דיקע צרות........ 211
ס'איז לאַנגווייליק, ברודער!........ 215
ציוויליזאַציע, — ווער דאַרף עס?........ 218
„וואָס הערט מען עפּעס?"........ 222
טויטע ביזנעס........ 225
אַ דאַנק־בריוול........ 228

הינטערן זיידענעם פאָרהאַנג

דיפּלאָמאַטן........ 231
אַ מאַטראָז — אַ משגיח........ 237
נאָר מיט פּסיכאָלאָגיע!........ 243

לאָמיר אינאײנעם!

יעדער איד איז אַ הומאָריסט: אָדער ער לאַכט פון יענעם, אָדער יענער לאַכט פון אים!

די העלדן אינם דאָזיקן בוך, דאַרפן דעריבער נישט האָבן קײן פאַראיבל, וואָס זײ ווערן דאָ געקיבעצט. דער מחבר מײנט נישט דווקא ז י י, — ער מײנט ז י ך א ל י י ן אויך.

אינם בוך ווערן קרום אָפּגעשפּיגלט פאַרשידענע ווינקעלעך פון אידישן לעבן אין אַמעריקע.

איר זעט, — מער אָדער ווײניקער, — אינם שפּיגל: דעם כלל־טוער און דעם קאָכלעפל; דעם כבוד־זוכער און דעם כבוד־כאַפּער; דעם שרײבער מיט דער פעדער צו־קאָפּנס, און דעם רעדנער, וואָס אנשטאָט אַ זײגער, — באַנוצט ער אַ קאַלענדאַר.

איר וועט אַ גוטן זוך־טאָן, וועט איר אפילו געפינען דעם ברײטהאַרציקן נדבן, וואָס לאָזט־איבער אַ צוואה: „פאַרמאָגן, פאַרמאָג איך גאָרנישט, שולדיק בין איך אַ סך. דעם גאַנצן אונטערשיד שענק איך פאַר „טשאַריטי״!״

איר זעט זײ אַלע אין עפנטלעכן לעבן, ווען זײ טראָגן פרעמדע פּנים׳ער; און איר זעט זײ אין זײערע הײמען, ווען זײ טראָגן אײגענע פּנים׳ער.

דורך די זײטלעך פון דאָזיקן בוך גײען־פאַרבײ פאַר־שידענע טיפּן, וואָס זענען אָנגעלאָדן מיט אומגעלומפּערטע פּעקלעך. יעדעס פּעקל באַזונדער איז פאַרקריפּלט און לע־כערלעך. ווען מען נעמט אָבער אַלע פּעקלעך צוזאַמען, שאַפט זיך אַן אויסוואַל פון אַלעם, און — עס פעלט גאָר־נישט.

ס׳איז פונקט, ווי מיט יענעם פּאַציענט, וואָס איז געקומען צום דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר האָט אים געפרעגט:

„וואָס פעלט אייך?"

„ס׳איז נישט גוט, דאָקטאָר", — האָט דער פּאַציענט געענטפערט, — „עס רוישט מיר אין קאָפּ, עס ציען מיר די הענט, עס רייסן מיר די פיס, עס קלינגט מיר אין די אויערן און עס שטעכט מיר אין פּלייצע!"

„אויב אַזוי", — רופט זיך אָן דער דאָקטאָר, — „האָט איר דאָך אַלץ, — עס פעלט אייך גאָרנישט!!"

אמת, דעם פּאַציענט „פעלט גאָרנישט", אָבער — אינם בוך פעלט נאָך אַסך. ס׳איז בלויז אַ טראָפּן אין ים.

נאָט-זשע אייך, דערווייל, ליבע לייענער, אַ טראָפּן אין ים, אַן אַדערויף ביז צום קומענדיקן בוך, און — לאָמיר אינאײנעם שעפּן נחת!

מ. נודעלמאַן

אַ בוך איז געבוירן געוואָרן

פרעגט אַ מחבר ביים לייענער:
— האָט איר געלייענט מיין בוך?
— געלייענט! דער סוף געפעלט מיר אוי־
סערגעווייגלעך!
— און ווי געפעלט אייך דער אָנהויב?
— דאָס, ווייס איך נישט, — איך האַלט
נאָך נישט אַזוי ווייט!

אַ בוך ווערט געבוירן

דער שרייבער אַזעלכער און
אַזעלכער איז אין אַ יום־טוב׳דיקער שטימונג. אַ בוך איז געבוירן געוואָרן!

ער האָט נאָר־וואָס אָנגעשטעלט דאָס לעצטע פּינטעלע נאָכן לעצטן קאַפּיטל אויפן לעצטן זייטל פון זיין בוך, — אַ בוך, וואָס דאַרף אינגיכן אַריין אין קאַטאַלאָג פון דער אייביקייט.

אַ שווערע געבורט געווען, אָבער בשלום איבערגעקומען. אַ פּנים, די אידישע אותיות האָבן זיך געמיט פאַר אים. ז י י ע ר זכות איז אים ביגעשטאַנען!

האָט דער שרייבער אַזעלכער און אַזעלכער פרייער אָפּגעאָטעמט און

אַרויסגעזיפּצט מיט אַ פריידיקן אידישן זיפץ: „איך האָב מיינס אָפּגע־טאָן, און איצט האָט דאָס וואָרט דער לייענער!"

האָט זיך די טיר געעפנט, און מיט אַ ברייטן שלום עליכם איז אַריינ־געקומען — ווער מיינט איר? — דער לייענער.

— יאָ!... דאַכט זיך, כ'האָב געטראָפן! לאָמיך זיך פאָרשטעלן פאַר איך: כ'בין אייערער אַ לייענער!

— אַ לייענער?! זייט־זשע מוחל און זעצט אייך! טאַקע אַ לייענער?

— אַלץ הייסט אַ לייענער?! איך לייען איך שוין אַסך יאָרן. לויט מיין חשבון קומט־אויס, איך לייען איך שוין לענגער, ווי איר שרייבט! נישט איין מאָל געזוכט אַ געלעגנהייט אייך צו כאַפּן, אָבער גיי כאַפּ אַ שרייבער! מ'קאָן אַ שרייבער כאַפּן ביי אַ פעלער, כאַפּן ביי אַ נאַרישקייט, כאַפּן ביי דער האַנט, אָבער כאַפּן אַ שרייבער אויף אַ שמועס, דאָס איז נישט פון די גרינגע זאַכן! איר שרייבערס זענט דאָך פאַרנומענע מענטשן! אָדער איר שרייבט, אָדער איר טראַכט! מילא, דאָס שרייבן, בין איך אייך מוחל, אָבער דאָס טראַכטן, פאַרשטייט איך, קומט אייך אָן ווי קריעת ים־סוף! עס נעמט אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער! מ'קאָן אַמאָל טראַכטן אַ גאַנצן טאָג און גאָרנישט אויסטראַכטן! דאָס הייסט — באַגראָבן אַ טאָג מיט גאָרנישט, איאָ?

דער שרייבער האָט אַ שאָקעל־געטאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ", — ער האָט נישט געוואָלט איינרייסן מיטן לייענער.

— איז אויב כ'האָב אייך שוין יאָ געכאַפּט, וויל איך אייך געבן אַן עצה פאַר אייער טובה־וועגן! די מעשה איז די: איך בין אייערער אַ ליי־ענער, במילא בין איך דאָך אַ שטיקל שותף צו אייערע ווערק; און אויב כ'בין שוין יאָ אַ שטיקל שותף, מעג איך דאָך האָבן אַ שטיקל דעה, איאָ? איז לאָמיר צוטרעטן צום תוך! כ'האָב געהערט, איר גיט אַרויס אַ בוך, — ס'שטימט?

— ס'שטימט!

— און זיך פריער נישט מיישב־געווען?

— מיט וועמען?

— מיט די שותפים, מיט די לייענער?

— ניין! איך שטעל זיי פאַר אַ געשעענעם פאַקט!...

— מילא... טוט ווי איר פֿאַרשטייט! איר זענט אַ דערוואַקסענער מענטש! איך וועל אייך נישט אָפּרעדן דערפֿון! ס'איז נישט מיין וואָגן, און נישט מיין פֿערד. איר ווילט נעמען אַ שאַנס — נעמט! ווי זאָגט ס'ווערטל: אַזוי ווי מען בעט זיך, אַזוי שלאָפֿט מען! אָבער איך וויל אייך געבן אַן עצה צו ראַטעווען, וואָס עס לאָזט זיך!

— דהיינו?

— דהיינו, אַזוי ווי אַרויסגעבן אַ בוך קאָסט היינט אַ פֿאַרמעגן און פּאַפּיר איז מיט גאָלד צוגליך, האָב איך אַ פּלאַן, ווי אַזוי איר זאָלט אַריינגעבן אין בוך וואָס מער געדאַנקען, און נוצן וואָס ווייניקער פּאַפּיר!

— ווי אַזוי?

— גאָר פּשוט! איר שרייבערס האָט אַ טבע צו פֿאַרשווענדן ס'פּאַפּיר מיט אַ ים מיט פּינטעלעך און מיט קאָמאָס און מיט פֿראַגע־צייכנס און מיט אויסרוף־צייכנס און מיט נאָך אַזעלכע צאַצקעס. פֿאָלגט מיך, נעמט און וואַרפֿט דאָס אַלץ אַרויס, וועט איר זען, ווי גראַם און לופּטיק ס'וועט אייך ווערן אין בוך. צו וואָס דאַרפֿט איר עס? — אויף טישאַנצע כפּרות! עס פֿאַרנעמט פּלאַץ און עס גיט אייך גאָרנישט!

— איר מאַכט אַ טעות, מיין ליבער לייענער, — האָט זיך אָנגערופֿן דער שרייבער, — מען מוז יאָ האָבן אָט די אַלע זאַכן, ווייל — —

— ווייל... כ'ווייס וואָס איר גייט מיר זאָגן! מ'דאַרף האָבן דאָס פּינטעלע, ווייל ס'פּינטעלע ווייזט ווען דער זאַץ ענדיקט זיך. מ'דאַרף האָבן די קאָמאַ, ווייל די קאָמאַ ווייזט ווען דער לייענער זאָל זיך אָפּרוען און כאַפּן דעם אָטעם. אָבער — דער לייענער ווייס אַן דעם פּינטעלע, ווען דער זאַץ ענדיקט זיך! און ער ווייס אַן דער קאָמאַ, ווען צו כאַפּן דעם אָטעם. און צו וועלכע גוטע יאָר דאַרפֿט איר האָבן פֿראַגע־צייכנס? — אַ שרייבער דאַרף נישט פֿרעגן! אַ שרייבער דאַרף אַ ל י י ן וויסן! און מיט די אויסרוף־צייכנס איז דאָך גלאַט אַ סקאַנדאַל! אַן אויסרוף־צייכן איז אַ געבייזער, און וואָס עפּעס בייזערן זיך אויף אַ לייענער? פֿאַ מאַיעמו דאַרף אַ שרייבער גיין מיט גוטן צום לייענער, און נישט מיט בייזן! קיין שום שרייבער איז נאָך מיט בייזן ווייט נישט פֿאַרפֿאָרן! אַ לייענער זעט, דער שרייבער בייזערט זיך, נעמט ער, דער לייענער, און וואַרפֿט אַוועק ס'בוך!

דערפאַר זאָג איך: וואַרפט־אַרויס די פּינטעלעך! מ׳דאַרף זיי נישט! בעסער א י י ן געדאַנק, איידער — צ ע ן פּינטעלעך!

כ׳זע, איר שמייכלט אין די וואָנצעס אריין, און איר טראַכט: „מאַלע וואָס אַ לייענער פּלאַפּלט!״

איר זענט גערעכט, איר מעגט שמייכלען. מ י ר זיינען ווערט דעם שטעקן! מיר לייענער האָבן אייך, שרייבער, צעבאַלעוועט.

ווער שרייבט ביכער? — דער שרייבער, נישט דער לייענער!

וועגן וועמען שרייבט מען קריטיק? — וועגן שרייבער, נישט וועגן לייענער!

ווער קריגט פּרעמיעס? — דער שרייבער, נישט דער לייענער!

פון וועמען נעמט מען אויטאָגראַפס? — פון שרייבער, נישט פון לייענער!

ס׳איז נאָך קיינעם נישט איינגעפאַלן צו קומען צו מיר בעטן אַן אויטאָגראַף!

ווער בין איך צו געבן אויטאָגראַפס? און צוריק־געשמועסט, ווער בין איך, אַז אַ שרייבער זאָל פאָלגן מיינע עצות? אָלראַיט, פאָלגט מיך נישט, און לאָזט איבער די פּינטעלעך. מילא, האָב איך נישט געטראָפן אין פּינטעלע!

גלויבט מיר, כ׳וועל בלייבן דער זעלבער פריינט אייערער, ווי פריער! און גלויבט מיר, וואָס איך ווינטש אייך, מעג איך מקוים־ווערן אַ העלפט, — וועט איר אויך האָבן פּלענטי!

און ווייסט איר, וואָס איך ווינטש אייך? — כ׳ווינטש אייך, אויף יעדן פּינטעלע אין בוך, זאָל איך צוקומען אַ לייענער! איר וועט דאַמאָלס האָבן אַזאַ שפע מיט לייענער, ווי אין די אקדמות שטייט: ווען אַלע הימלען זאָלן זיין פּאַרמעט און אַלע ימ׳ען זאָלן זיין טינט, וועט איר נישט קאָנען שרייבן אַזוי פיל, וויפיל מ׳וועט פון אייך פאָדערן!

שיין פון מיין זייט?! האָט־זשע מיר אַ גוטן, און מערטשעם אויף אַ באַנקעט לכבוד אייער בוך.

אַ בוך ווערט געלויבט

דער שרייבער אַזעלכער און אַזעלכער, איז געזעסן אויבן־אָן פון באַנקעט, וואָס מ׳האָט געפּראַוועט לכבוד זיין בוך.

דער שרייבער איז געווען אין זיבעטן הימל, ווען ער האָט געזען וויפיל חשובע געסט עס זיינען געקומען אים אָפּגעבן כבוד.

ער האָט זיך געשמאָלצן אין נחת, ווען ער האָט געהערט די לויב־געזאַנגען פון די רעדנער. ביז איצט האָבן שוין זעקס רעדנער גערעדט. זיי האָבן געהאַלטן ערלעכע רעדעס. יעדער פון זיי האָט מודה־געווען, אַז ער האָט דאָס בוך נאָך נישט געלייענט, כאָטש דאָס בוך איז גרויס און מעכטיק און וועט בלייבן גרויס און מעכטיק אויף דור־דורות!

אומגעפּער אַזוי האָבן זיך אויסגעדריקט די ערשטע זעקס רעדנער.

ווען דער זיבעטער רעדנער האָט באַקומען ס׳וואָרט און האָט אָנגעהויבן: — „איך בין זיך מודה...״, האָט שוין דער עולם געוואוסט, אין פאָראויס, וועגן וואָס עס גייט.

„איך בין זיך מודה״, — האָט דער זיבעטער רעדנער געזאָגט, — „אַז

איך האָב נאָך דאָס בוך פון אונזער בעל־שמחה נ י ש ט געלייענט!
איך קען אָבער דעם בעל־שמחה אַזוי לאַנג, אַז ער האָט ביי מיר קרעדיט!
איך בין גרייט צו וועטן זיך 10 צו 1, אַז ס׳בוך איז אַ געראָטן בוך!
לאָמיר אים האַרציק באַגריסן און אים ווינטשן אַ שעפערישע צוקונפט!

דער אַכטער רעדנער האָט גערעדט פּאַטעטיש:

„טייערע פריינט! איך בין געקומען דירעקט פון ניו־דזשוירזי באַגריסן דעם מחבר, און דערלויבט מיר ביי דער געלעגנהייט אים צו ווינטשן, אַז זיינע ווייטערדיקע ביכער זאָלן נישט זיין ערגער, ווי זיין איצטיק בוך! אמת, איך האָב ס׳איצטיקע בוך נישט באַוויזן צו לייענען. אָבער נישט מ י י ן לייענען איז דער עיקר, — ז י י ן שרייבן איז דער עיקר! אַזוי ווי ער האָט שוין ביז איצט אָנגעשריבן עטלעכע גוטע ביכער, וואָס כ׳האָב נאָך אויך נישט געלייענט, זע איך נישט די סיבה, פאַרוואָס זיין איצטיק בוך זאָל זיין ש ל ע כ ט געשריבן! איך ווינטש דעם אויטאָר אריכת ימים!"

דער נײַנטער רעדנער האָט גערעדט מיט אַ שטילן, געדעמפטן טאָן. מעגלעך, אַז ער האָט גערעדט אַזוי שטיל דערפאַר, ווייל עס איז אים געווען אַביסל פריקרע, וואָס ער האָט דאָס בוך פון בעל־שמחה נאָך נישט געהאַט געלייענט.

„ליבער מחבר", — האָט ער אָנגעהויבן, — „און האַרצעדיקע געסט! איך וויל באַלד פון אָנהויב זאָגן, אַז כ׳האָב ס׳בוך נאָך נישט געלייענט! ווען איר זאָלט זען וויפיל ביכער עס ליגן ביי מיר אויפן טיש, וואָס כ׳האָב נאָך ביז איצט נישט געלייענט, וואָלטן זיך אייך די האָר אויפן קאָפּ קאַפּויער געשטעלט. כ׳בין אַ פאַרנומענער מענטש, און אַז כ׳האָב אַ פרייע מינוט, בין איך דאָך אַליין אויך אַ שרייבער, — שרייב איך! איך סאָלידאַריזיר מיך דעריבער מיט מיינע חשובע פאָררעדנער, און איך וויל אייך אַלע פאַרזיכערן, אַז ס׳בוך איז אַ געלונגען בוך!"

ווען דער בעל־שמחה גופא האָט באַקומען דאָס וואָרט, האָט גענומען שטאַרקע דריטהאַלבן מינוט, ביז ער האָט געזאָגט „מיסטער טשערמאַן". טרערן פון שמחה האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן, און אים נישט געלאָזט גיין ווייטער.

ענדלעך האָט ער זיך באַהערשט און מיט אַ ציטערדיקער שטימע אַרויסגעציטערט:

„מיסטער טשערמאַן, טייערע פריינט, קאָלעגן און סימפּאַטיקער!

עס איז שווער פאַר מיר אַרויסצורעדן אַ וואָרט אינם איצטיקן געהויבענעם מאָמענט! איך פיל מיך גליקלעך צו הערן פון אייך אַזעלכע לויב־געזאַנגען אויפן אַדרעס פון מיין בוך!

איצט איז געקומען די ריי אויף מיר, וויל איך זיך דעריבער מתנצל זיין:

כ'בין געווען אַזוי פאַרנומען מיטן שרייבן ס'בוך, און איצט בין איך אַזוי פאַרנומען מיטן פאַרקויפן ס'בוך, אַז כ'האָב פּשוט נישט קיין פרייע מינוט ווען דורכצולייענען ס'בוך.

און איך ענדיק איצט מיין רעדע מיט די ווערטער פון אַ גרויסן קריטיקער: „בעסער אַ גוט בוך נישט צו לייענען, איידער אַ שלעכט בוך נישט אָנצושרייבן!"

כ'האָב געענדיקט!

אַ בוך ווערט דערהויבן

וו'ען אינדרויסן האָט געני־
שאַריען אויף טאָג, האָבן די ביכער אויף די פּאָליצעס איינציקווייז זיך גענומען איבערוועקן.

— חברה, שטייט אויף! — האָט אַן אויסגעפּאַשעט געשיכטע־בוך אָנגעהויבן מינטערן די חברים, — פאַרגעסט נישט, היינט הויבט זיך אָן דער חודש פון אידישן בוך!

אַ בוך מיט דערציילונגען האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט און פּראָבירט אַריינצוכאַפּן נאָך אַביסל שלאָף, אָבער עס איז נישט געגאַנגען.

אַ מעמואַרן־בוך האָט זיך אויסגעצויגן ווי גרויס עס איז, און גענומען גענעצן מיט אַ מידן געניץ פון אַ נישט־דערשלאָפענעם.

אַ ראָמאַן־בוך האָט זיך אויפגעזעצט און גענומען מאַכן גימנאַסטיק זיצנדיקערהייט.

אַלע ביכער זיינען וואַך־געוואָרן; בלויז אַ בוך מיט לידער איז ווייטער געשלאָפן מיט אַ פעסטן שלאָף.

דאָס אויסגעפּאַשעטע געשיכטע־בוך האָט זיך פאַרקעמט די טאָוולען און ווייטער גענומען הויך קאָמאַנדעווען:

— שנעלער, חברה! לאָמיר מאַכן טאָג! גענוג זיך אויסגעשלאָפן אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר! קונים וועלן באַלד אָנהויבן קומען אונז אָנקוקן,
— לאָמיר אויסזען לייטיש! חברה, גלייכט אויס די רוקנס! בלאָזט אַראָפּ דעם שטויב!

פילאָזאָפיש בוך: פּוצן זיך?! בלאָזן דעם שטויב?! צו־וואָס?!
— דער, וואָס זוכט אונז, וועט אונז נעמען אַפילו מיטן שטויב!

בוך מיט לידער: (אויפכאַפּנדיק זיך) רבותי, זאָל זיין שטיל, — לאָזט כאַפּן אַ גראַם!

הומאָריסטיש בוך: גראַם־שטראַם מאַך מיר אַ לעטניק!

בוך מיט עסייען: (בייז) ער מיט זיינע חכמות! אוי, וואו נעמט מען זיין גרינגן קאָפּ?!

בוך מיט קריטיק: איר וועט אייך אויפהערן אַרומצוקריגן, יאָ צי ניין?! — כ'וועל אייך אַלע אַראָפּרייסן ווי גרויס איר זענט!

בוך מיט דערציילונגען: וואָס סטראַשעסטו מיט אַראָפּרייסן?! האָסט שוין מיך אַראָפּגעריסן, און כ'האָב פונדעסטוועגן באַקומען אַ פּרעמיע!

בוך מיט עסייען: און אַז ער האָט מיך נישט אַראָפּגעריסן, נאָר גע־לויבט, — האָב איך דען עפּעס דערפון?! כ'ליג אויף דער פּאָליצע ווי אַן אָפּגעריסענער! די זייטן טוען מיר שוין ווי פון ליגן!

בוך מיט אַ ראָמאַן: דאָס זעלבע פון מיר צו הערן! כ'ליג אין אַן ענגשאַפט, מען צעקוועטשט מיר די טאָוולען און כ'קאָן נישט אָטעמען!

הומאָריסטיש בוך: ווער הייסט דיך זיין אַזוי דיק? ווען דו ביזט מיט עטלעכע קאַפּיטלען מאָגערער, וואָלט געווען גערעמער אויף דער פּאָליצע!

בוך מיט מיניאַטורן: צו מיר קאָנט איר נישט האָבן קיין טענות, אַז כ'מאַך אייך ענג די פּאָליצע — איך בין דאַר און איינגעשרומפּן!
— איך זע שוין באַלד אויס, ווי מיין מחבר!

בוך מיט עסייען: אַז כ'קוק דיך אָן, זע איך ווי איך זע אויס!

בוך מיט לידער: און איך, מיינט איר, לעק האָניק?!

בוך מיט אַ ראָמאַן: און וועגן מיין מערכה, וועל איך רעדן אַ צווייט מאָל. פאָרזעצונג קומט!

בוך פאַר געשיכטע: יאָ, נייע צייטן, נייע ביכער! אַמאָל איז ס׳אידישע בוך מער געגאַנגען!

הומאָריסטיש בוך: און היינט גייט דער מחבר מער, ווי ס׳בוך!

בוך מיט דערציילונגען: (לאַכט) אוי, מיינע זייטן!

פילאָזאָפיש בוך: מיינע ליבע פריינט: איר מיינט אַלע, אַז איר שטייט מיטן רוקן צום עולם? — ס׳איז פונקט קאַפּויער: דער עולם שטייט מיטן רוקן צו אייך!

הומאָריסטיש בוך: מיין פאַרעדע זאָל מיר אַזוי געזונט זיין, ווי דער בחור איז גערעכט!

בוך מיט מעמואַרן: (קרעכצט) איי, ווי עס בענקט זיך נאָך יענע צייטן, ווען מ׳האָט אונז אין יעדער אידישער היים געצערטלט, גע־פיעשטשעט און געגלעט!

בוך מיט לידער: ...און מ׳האָט געהאַט דרך ארץ פאַר שמאָלע שורות!

בוך מיט אַ ראָמאַן: און ברייטע שורות האָבן זיך גע׳שמד׳ט? וואו נעמט מען יענע צייטן, ווען מ׳האָט מיינע העלדן געטראָגן אויף די הענט?!

בוך מיט קריטיק: נישט געזאָרגט קינדער! האַלט אייך פעסט געבונדן, — ס׳קומט דער חודש פון אידישן בוך!

פילאָזאָפיש בוך: חודש־אַהין, חודש־אַהער! איך האַלט, ס׳איז בעסער צו לעבן אַ „גוטן טאָג״, ווי צו לעבן אַ גוטן חודש!

בוך מיט דערציילונגען: מיר האָט זיך גע׳חלומ׳ט, אַז די גאַס איז שוואַרץ פון לייענער! מען רייסט ביכער פון די הענט! די פּאָליצעס זיינען אויסגעליידיקט! יעדעס בוך איז מיט גאָלד צוגלייך!

בוך מיט עסייען: אַ שונדישער חלום! וואָס מיר דאַרפן, איז נישט קיין חלומות, נאָר — אַ ממשות׳דיקע רפואה!

בוך מיט לידער: אַ טראַנספּאָזיציע פון אידישע אותיות און אידישע הימען — דאָס דאַרפן מיר!

הומאָריסטיש בוך: דאָס, וואָס מיר דאַרפן — איז אַן אָפּעראַציע! מיר מוזן קומען אונטערן מעסער! אַ בוך האָט ליב, אַז מען שניידט עס אויף!!!

בוך פון שוי־פענסטער: חברה, שטיל זאָל זיין, — פאַרמאַכט די טאָוולען! דער באַלעבאָס קומט אַן מיט אַ נייעם פּאַק ביכער!

בוך מיט קריטיק: זייַ־זשע מוחל, כאַפּ דאָרט אַ בליק, ווער ס׳איז דער מחבר!

בוך פון שוי־פענסטער: (לייענט דורך די שויבן) „דער שרייבער אַזעלכער־און־אַזעלכער״!

בוך מיט קריטיק: (מיט אַ קרעכץ) ווער ס׳איז אים מקנא!... אַ סוף, חברה, מאַכטס פּלאַץ! גיט אייך אַ רוק! גיט אייך אַ רוק!...

***

און דאָס נייע בוך פון שרייבער אַזעלכער־און־אַזעלכער איז דער־הויבן געוואָרן אויף דער העכסטער פּאָליצע.

דאָס בוך פילט זיך היימיש אינם חשוב׳ן ביכער־געזינדל און געניסט איצט פון אַלע פּריווילעגיעס צו וועלכע אַ אידיש בוך אין אַמע־ריקע האָט זוכה־געווען...

אַ בוך ווערט פאַרקויפט

דער לייענער איז נישט געקומען צום בוך, איז ס'בוך געקומען צום לייענער.

דער מוכר ספרים האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, און אַ מאַן, אין שרייענדיק־געבלימלטע פּידזשאַמעס, האָט הייזעריק געענטפערט: „קאַמין"!

דער מוכר ספרים איז אַריינגעקומען מיט ביכער אונטערן אָרעם:

— העלאָו!

— העלאָו, העלאָו! וואָס זאָגט איר עפּעס גוטס? שוין ווידער ביכער?! ווען זענט איר געווען ביי מיר ס'לעצטע מאָל?

— מיט אַ יאָר צוריק!

מיט אַ יאָר צוריק און איר קומט שוין ווידער?! וואָס איז ס'איילעניש? איר לאָזט דאָך נישט כאַפּן דעם אָטעם!

— איר פאַרשטייט, — נעמט זיך פאַרענטפערן דער מוכר ספרים, — ווען עס האַנדלט זיך וועגן קולטור — —

— פּליז, סטאָפּ איט! רעדט נישט צו מיר וועגן קאָלטשור, — רעדט בעסער וועגן די ביכער!

איך האָב שוין ביי קאַלטשור, מיינע ציין אויפגעגעסן!

איך האָב, מיין ליבער פריינט, מיין אייגענעם קוק אויף קאַלטשור! ביי אייך איז רעכט, ווען איר זעט עמיצן, וואָס האָט שוין זעקס חדשים נישט גענומען קיין העירקאַט, אַז איר זאָלט מיינען, ער איז אַ פילאָזאָף אָדער אַ קאָפּ־מענטש. אָבער מיך קאָן מען נישט אַריינגאַרן. איך קוק נישט אויף די האָר. ביי מיר זיינען די האָר בלאָטע. איך האָב אַ ווייטערן קוק. איך קוק וואָס עס טוט זיך אונטער די האָר. ביי מיר איז דער קאָפּ דער עיקר, מ׳קאָן זיין באַוואַקסן און האָבן רעטעך אין קאָפּ; און מ׳קאָן האָבן אַ ליסינע, און זיין קליגער פון אַ פילאָזאָף.

אַבעטשע, אַז איר הערט ערגיץ אַ לעקטשור, איז עס ביי אייך תורת־לאָקשן, איאָ?! — ביי מיר איז עס גאָרנישט!

איך האָב אַ פּריוויטשקע, אַז מער ווי אַכט־צען מינוט זיץ איך נישט אויף אַ לעקציע.

אויב מ׳קאָן נישט אָנכאַפּן ביים לעקטשורער דעם פּאָינט אין די ערשטע אַכט־צען מינוט, — ווערט איר שוין אין אַ שעה אַרום אויך נישט כאַפּן, יעסער!

און פון מואוויס האַלט איר? — איך נישט! פון אַ טעאַטער מיט לעבעדיקע עקטאָרס האַלט איך יאָ! אָבער נישט אַלע שאָוס גלייך איך! איך האָב ליב אַז אַן עקטאָר שיסט זיך, סמ׳ט זיך, הענגט זיך, — ס׳זאָל זיין לעבעדיק האָב איך ליב!

טענץ גלייך איך נישט! איך האַלט, אַז טענץ זיינען בלאָף! אַז דער עקטאָר האָט נישט וואָס צו זאָגן, — טאַנצט ער!

אָבער לאָמיר בעסער רעדן וועגן אייער לאַין — וועגן ביכער. איך וויל מיך נישט באַרימען פאַר אייך, אַז איך לייען. צום לייענען דאַרף מען האָבן געדולד און צייט און נערוון. און איך האָב אַלע דריי זאַכן — נישט! אָבער ביכער האָב איך פּלענטי. אַ גאַנצע אַרמיי. קליינע ביכער שטייען אויסגעשטעלט ווי די סאָלדאַטן. און די גאָר גרויסע ביכער האָב איך אַוועקגעשטעלט אין דער הויך, ווי די גענעראַלן. אַז איך קוק צו זיי אַרויף — סאַלוטיר איך! נו, גענוג גערעדט וועגן קאַלטשור!

ווייזט נאָר אַהער ס׳בוך! וועמענס איז עס? ס׳איז אייער אַרבעט?

— ניין, אַן אַנדערער האָט עס געמאַכט!

— אויב אַן אַנדערער האָט עס געמאַכט, טאָ וואָס קומט איר עס פאַרקויפן? פאַרוואָס קומט נישט דער פאַרשוין אַליין?! עס פּאַסט אים נישט צו קומען צו מיר?!

— ניין, — ער איז אַ פאַרנומענער מענטש!

— ביי וואָס פאַרנומען? ער האָט אַ ביזנעס? אַ פעקטאָרי?

— ניין! פאַרנומען ביים שרייבן אַן אַנדער בוך!

— צוואָוואָס דאַרף ער שרייבן אַן אַנדער בוך, אַז דאָס בוך איז נאָך דערווייל נישט פאַרקויפט?

— ער שרייבט דעם צווייטן טייל פון בוך!

— אַ צווייטער טייל גייט נאָך אויך? ווער איר, הייסט עס, קומען צו מיר נאָך אַמאָל?

— אויב איר ווילט קאָן איך אייך שוין אין פאָראויס פאַרקויפן אויך דעם צווייטן טייל.

— נאָו, סער! איך קויף נישט קיין קאַץ אין זאַק! איך האָב ליב אַנצוטאַפּן, וואָס איך קויף.

— קויפט׳זשע דערווייל דעם ערשטן טייל!

— וואָס איז עס: אַ דראַמע? אַ סטאָרי?

— מעמוארן!

— וואָס?! — רעדט צו מיר מענטשלעך, כ׳זאָל פאַרשטיין!

— זכרונות! דער שרייבער דערציילט פון זיין אייגן לעבן!

— און דאָס איז זיין בילד?

— יאָ!

— ער זעט אויס צו זיין אַ יונגער מענטש. וויפיל איז ער אַלט דער שניעק?

— אַ יאָר פערציק!

— אַ יונגער מענטש! וואָס קאָן ער שוין האָבן צו דערציילן פון זיין לעבן? איך האָב שוין מער איבערגעלעבט פון אים און פונדעסטוועגן פאַלט מיר גאָרנישט איין צו שרייבן קיין בוקס! וויפיל פעידזשעס האָט דאָס בוך?

— איר זעט דאָך, — דריי הונדערט און פופציק זייטן! ס׳איז אויפגעשריבן!

— מאַלע וואָס עס איז אויפגעשריבן! אַז מען קויפט עפּעס דאַרף מען איבערציילן. אפשר פעלן אינדערמיט אַביסל בלעטלעך! אָקעי... נעווער מאַינד! גיט אַהער אַ בוך. איר זענט געקומען, וויל איך איך שוין נישט אַרויסלאָזן מיט ליידיקע הענט! פּליז, גיט מיר דאָס בוך מיט די גראָע טאָוולען. איך האָב ליב גראָ. מיינע אַלע סוטס זיינען אויך גראָ! אַ סוף, גיט מיר נאָך אַ גראָ בוך, וועט איר זיך איינשפּאָרן אַ וועג און נישט דאַרפן קומען מיטן צווייטן טייל.

...און דער מחבר אַזעלכער און אַזעלכער איז אין יענעם מאָמענט, באַרייכערט געוואָרן מיט נאָך איין לייענער...

א קניפּ אין בּעקל

אויף געזעלשאַפטלעכע טוער זאָגט מען: „זיי זענען פעאיק אויף אַלעם, און אפשר — אויף נאָך מער".

אַ געזעלשאַפטלעכער דזשאָב

איך אַרבעט אויף אַ דזשאָב אין אַ געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע. אָנגעקומען בין איך ווי אַ סעקרעטאַר; אָבער מ'האָט מיר צוגעזאָגט, אויב כ'וועל מאַכן אַ גוטן דזשאָב, וועל איך וואַקסן און גיין העכער. איך קען אפילו דערגיין — האָט מען מיר געזאָגט — ביז צום ראַנג פון גענעראַל־סעקרעטאַר!

איך קאָן זיך נישט באַקלאָגן, אַז כ'האָב שלעכטע באַדינגונגען.

איך זיץ אין אַ לופטיקן צימער.

כ'האָב אַ פּרעכטיקן שרייב־טיש.

כ'האָב צוויי טעלעפאָנען.

כ׳האָב עלעקטרישע באַהייצונג אויף ווינטער, און עיר קאָנדישאָ־ניגג — זומער.

כ׳האָב אַ ראַדיאָ, אַ טעלעוויזיע־אַפּאַראַט און צוויי שרייב־מאַשינען — אַן ענגלישע און אַ אידישע.

וואָס קאָן שוין זיין בעסער ?!

איז אָבער די צרה, וואָס איך בין בלויז איין מענטש אין אָפּיס; און ווי פאַר איין מענטש, האָט מען אויף מיר אַרויפגעלייגט צופיל אַרבעט און צופיל פליכטן.

קודם כל דאַרף איך, איינער אַליין, סאָרטירן די גאַנצע פּאָסט, וואָס קומט אָן יעדן טאָג, און טיילמאָל — צוויי מאָל אין טאָג.

נאָכן סאָרטירן דאַרף מען לייענען; און נאָכן לייענען דאַרף מען אָפּ־ענטפערן. דערויף בין איך סעקרעטאַר, אַז ווען עס קומען אָן בריוו, זאָלן זיי נישט בלייבן ליגן אָן אַן ענטפער.

און דאָס אַלץ — אויף איין מענטש!

אוודאי ראַטעוועט מיך דאָס, וואָס זינט איך אַרבעט — און איך אַרבעט שוין אַ שיינע פּאָר חדשים — איז נאָך קיין בריוו צו אונז נישט אָנגעקומען. און ווי כ׳האָב געהערט, איז צום פריערדיקן סעקרעטאַר, — וועלכער איז שוין איצט ריטאַיערט, — אויך נישט אָנגעקומען קיין בריוו.

אָבער נישט בלויז בריוו געהערן צו די פליכטן פון אַ סעקרעטאַר. עס פעלט נישט קיין אַרבעט.

כ׳דאַרף אויך האָבן אויפן קאָפּ אַן עול פון אָפּענטפערן אויף טעלע־פאָנען. ס׳איז דאָך אַן אינסטיטוציע. און טאָמער קלינגט מען, דאַרף מען אָפּענטפערן. דערצו נאָך האָב איך צוויי אַפּאַראַטן, און גראָד צו מיין שלימ׳מזל, קאָנען אין דער זעלבער צייט קלינגען ביידע אַפּאַראַטן, און איך בין נישט מער, ווי איין מענטש, — כ׳קאָן מיך נישט צערייסן.

אַ נס, וואָס קיינער קלינגט נישט. און ווערליק כ׳האָב געהערט, האָט צו אונזער פריערדיקן סעקרעטאַר, — וועלכער איז שוין היינט ריטאַיערט — אויך קיינער נישט געקלונגען.

אָבער — יאָ קלינגען, נישט קלינגען — ביי די אַפּאַראַטן מוז איך זיצן, ווי צוגעקלאַמערט, און די אויערן פון סעקרעטאַר מוזן זיין אָנגע־שפּיצט און שטיין אויף דער וואַך. אַ קשיא אויף אַ מעשה, טאָמער קלינגט

פּאַרט עמיצער, און קיינער וועט זיך נישט אָפּרופן, קאָנען מיר האָבן אַ שיין פּנים!

מוז איך דעריבער אָפּהיטן די טעלעפאָנען, ווי ס׳שוואַרצע אַפּעל פון אויג, און כ׳קאָן מיך אפילו נישט אָוועקרייסן און אַראָפּשפּרינגען אין קאַפּעטעריע אױ׳ן כאַפּן אַ טעפּעלע קאַווע!

אַ נס, וואָס כ׳האָב אין אָפּיס אַ מאַשינקע און כ׳קאָן מיר אַליין פאַרבריען קאַווע.

אָבער — איך נוץ נישט די מאַשינקע, און לויף יאָ אַראָפּ טרינקען קאַווע, ווייל די טעלעפאָנען שוויגן. איך דערמאָן מיך נישט ביז איצט, — און איך אַרבעט שוין אַ שיינע פּאָר חדשים, — אַז עמיצער זאָל, אין די אינטערעסן פון דער אינסטיטוציע, האָבן געקלונגען.

און אויב אַפילו די טעלעפאָנען שוויגן, האָט אַ סעקרעטאַר פון אַן אינסטיטוציע אויך פּלענטי וואָס צו טאָן!

אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, ווייסט איר דאָך אַליין, דאַרף מאַכן באַראַטונגען און עקזעקוטיוו־זיצונגען. און ווער מאַכט עס?! עס מאַכט זיך, מיינט איר, אַליין?! — אַלץ דער סעקרעטאַר!

דער סעקרעטאַר דאַרף רופן און דערמאָנען און מונטערן און מאַכן רעפּאָרטן און צוזאַמענשטעלן פּראָטאָקאָלן. און דאָס אַלץ דאַרף טאָן איין מענטש. מ׳קאָן משוגע ווערן!

אַ נס, וואָס אונזער עקזעקוטיוו רייסט זיך נישט צו קיין זיצונגען. דורך דער גאַנצער צייט, וואָס איך אַרבעט דאָ, — און איך אַרבעט שוין אַ שיינע פּאָר חדשים, — האָט געזאָלט פאָרקומען איין זיצונג, איז זי אויך נישט פאָרגעקומען. אַנישט ווייס איך גאָרנישט, ווי איך, איין מענטש אליין, וואָלט מיר אַן עצה־געגעבן!

אָבער אפילו אָן זיצונגען פעלט אויך נישט קיין אַרבעט.

גלויבט מיר, דער עול פון אָפּגעבן דעם פּרעזידענט יעדן טאָג אַ באַריכט וועגן אַלץ וואָס עס געשעט אין אָפּיס, איז גאָרנישט פון די לייכטע זאַכן. און דערצו נאָך, ווען דאָס אַלץ ליגט אויפן קאָפּ פון איין מענטש!

גראָד איז מיר געשען אַ נס, וואָס דער פּרעזידענט מישט זיך וויניק און ער וואַרט נישט אויף מיינע באַריכטן, ווייל ער האָט זיינע פּריוואַטע קאָפּ־פאַרדרייעניש.

נישט ער בעט ביי מיר אַ באַריכט, און נישט איך גיב אים!

אָבער וואָס טו איך, ווען עס גיט אים יאָ אַ פאַל־איין צו וועלן אַ באַ־ריכט, און דאָ בין איך איין מענטש אליין — כ׳קאָן מיך נישט צערייסן!

האָב איך מיך דעריבער געווענדעט שריפטלעך צו דער עקזעקוטיווע, — שריפטלעך, ווייל פערזענלעך זע איך קיינעם נישט, — און כ׳האָב געמאָלדן, אַז מ׳האָט אַרויפגעלייגט צופיל אַרבעט פאַר איין מענטשן, און כ׳האָב געבעטן מ׳זאָל זען עפּעס טאָן וועגן דעם. טאָמער וועט מען גאָרנישט טאָן וועגן דעם, — האָב איך זיי געשריבן, — וועל איך מיך, חלילה, אַוועק׳הרג׳ענען; און דעמאָלט וועט זיין ערגער — די אינסטיטוציע וועט בלייבן אָן אַ סעקרעטאַר.

האָבן זיי, ווייזט אויס, געזען, אַז כ׳בין געזעצט און אַז כ׳רעד מענטש־לעך, — האָבן זיי מיר געענטפערט אַ בריוו, שוואַרץ אויף ווייס, אַז אויב ס׳איז מיר שווער, וועלן זיי מיר געבן אַ געהילף!

דער עיקר: מ׳איז געוואַלדיק צופרידן פון מיין אַרבעט.

כ׳בין דער ריכטיקער מענטש אויפן ריכטיקן פּלאַץ!

איך וועל נאָך ווערן דער גענעראַל־סעקרעטאַר. איר וועט זען!

ווי אַזוי כ׳בין געוואָרן טשערמאַן פון אַ יובל־קאָמיטעט

אריינגעקומען איז צו מיר אַ דעלעגאַציע פון דריי אידן, וועלכע איך קען נישט; און זיי האָבן מיר פאָרגעלייגט, כ׳זאָל ווערן טשערמאַן פונם באַנקעט־קאָמיטעט לכבוד מאיר וועלוול רובינטשיק׳ן, וועלכן איך קען אויך נישט.

פרעג איך קודם כל די דעלעגאַטן:

— זאָגט מיר, כ׳בעט איך, ווער זענט איר?

זאָגן זיי:

— וואָס איז אייך אַ חילוק ווער מיר זיינען? ווען מיר וואָלטן גע־קומען צו אייך וועגן אונזער אַ פּערזענלעכן ענין, וואָלט איר געדאַרפט וויסן, ווער מיר זיינען; אָבער אַזוי ווי מיר קומען צו אייך וועגן אַן ענין פון מאיר וועלוול רובינטשיק — טאָ וואָס דאַרפט איר וויסן ווער מיר זיינען?!

— און ווער איז מאיר וועלוול רובינטשיק?

— מאיר וועלוול רובינטשיק איז דער איד, וועלכן מיר מאַכן אַ באַנקעט!

— פאַרוואָס, — פרעג איך, — מאַכט איר רובינטשיק׳ן אַ באַנקעט?

— וואָס גייט עס אייך אָן? מען מאַכט אים אַ באַנקעט, און — דאַטסאָל!

— און וואָס ווילט איר פון מיר?

— מיר ווילן אייך געבן דעם כבוד פון זיין טשערמאַן פון דער קאָמיטע. אַזאַ שאַנס טרעפט זיך איין מאָל אין זעכציק יאָר. רובינטשיק ווערט דעם אַנדערן חודש זעכציק יאָר!

— און אַז מען ווערט אַלט זעכציק יאָר, דאַרף מען מאַכן אַ באַנקעט?

— וואָס אַרט אייך, אַז אַ איד וועט האָבן אַ באַנקעט? אַ קאָמיטע האָבן מיר שוין, און ס׳פעלט אונז בלויז אַ טשערמאַן. מ׳האָט אונז נאַראַיעט אייך צו נעמען. נו, מסכים?

— און אַז כ׳וועל אייך זאָגן — יאָ!

— וועלן מיר לאָזן אָפּדרוקן בריוו־בויגנס מיט די נעמען פון דער קאָמיטע, און מיט אייער נאָמען אויפן סאָמע אויבן־אָן, נאַ שפּיץ!

— און דערנאָך וועט זיך אָנהויבן אַ מעשה מיט זיצונגען?

— וואָס מיר זיצונגען?! ווען מיר זיצונגען?! אַלץ וועלן מיר שוין אַליין מאַכן! איר וועט אונז נישט זען און מיר וועלן אייך נישט זען, ביז צום באַנקעט!

— און צום באַנקעט מוז איך קומען?

— וואָס דען, אויפן באַנקעט ווילט איר אויך נישט קומען? איר וועט דאָך זיין טשערמאַן פון באַנקעט!

— ניין, כ׳וועל נישט קאָנען קומען. כ׳האָב נישט קיין צייט דערצו.

— ווי לאַנג וועט עס דען נעמען? — אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט. דער עולם וועט זיך פאַרשפּעטיקן מיט אַ שעה, אויף אייך וועט מען דערנאָך צווואַרטן אַ האַלבע שעה, — איז שוין צוזאַמען אַנדערהאַלבן שעה. מיט אַ שעה פריער וועט איר ענדיקן, האָט איר שוין צוזאַמען דריט־האַלבן איינגעשפּאָרטע שטונדן; דערנאָך וועט איר האַלטן אייער ספּיטש וועגן יובילאַר און איר גייט אַהיים.

— דאַרף איך, הייסט עס, האַלטן אַ ספּיטש וועגן יובילאַר?

— וואָס דען האָט איר געוואָלט, אַז דער יובילאַר זאָל האַלטן אַ ספּיטש וועגן אייך?!

— איך קען דאָך אים נישט. פרעגט מיך בחרם, ווער עס איז רובינטשיק. איך הער זיין נאָמען צום ערשטן מאָל.

— צו וואָס דאַרפט איר אים קענען?! איר גייט אַהיים, און איר קענט אים ווייטער נישט.

— אָבער, אַז מ'האַלט אַ ספּיטש וועגן אַ מענטשן, דאַרף מען דאָך וויסן וועגן אים!

— גלויבט מיר, אַז ס'איז אַמאָל בעסער, אַז מ'ווייסט ווייניקער.

— וואָס־זשע, אַ שטייגער, — פרעג איך, — זאָל איך רעדן וועגן אים אין מיין ספּיטש?

— כ'ווייס, רעכנט אויס די מעלות זיינע!

— וואָסערע מעלות, למשל, האָט ער, אַ חוץ די מעלה, וואָס ער איז געוואָרן זעכציק יאָר?

— כ'ווייס, זאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ גרויסער בעל־צדקה!

— אַ מתן־בסתר'ניק?

— ניין, אַזעלכע שווערע ווערטער זאָלט איר נישט באַנוצן, ווייל ער פאַרשטייט זיך נישט דערויף. ער איז אַ שטיקל גראָבער יונג!

— טאָ אפשר זאָל איך רעדן נישט אַזוי ווייט וועגן אים, ווי וועגן זיין ווייב און קינדער?

— באַהיט און באַשירעמט זאָלט איר ווערן! דאָס איז זיין שוואַכער פּונקט. אַז איר וועט דערמאָנען אַ וואָרט וועגן פאַמיליע, קאָן ער מאַכן אַ סקאַנדאַל!

— טאָ וואָס, — זאָג איך, — שלעפּט איר מיך אַריין אין אַ בלאָטע? לאָזט מיך אַרויס פון די ביזנעס! איך וועל נישט קיין טשער־מאַן און איך דאַרף נישט קיין סקאַנדאַלן!

— אויב אַזוי, — זאָגן צו מיר די דעלעגאַטן, — וועט זיין פאַר אייך נאָך ערגער. מיר האָבן אים שוין צוגעזאָגט, אַז איר וועט זיין טשערמאַן. און קוים דרייט איר זיך איצט אַרויס דערפון, וועט איר האָבן מיט אים צו טאָן!

דער סוף איז געווען, אַז די דעלעגאַציע איז נישט אַוועק מיט ליידיקע הענט, — כ'האָב מסכים געווען צו זיין טשערמאַן.

דער באַנקעט איז שוין אַריבער.

מ. נודעלמאַן

מען זאָגט, אַז מיין רעדע איז געווען די בעסטע פון אַלע רעדעס.
איך האָב אַזוי געלויבט דעם בעל־שמחה, אַז איך אַליין בין שוין געווען נייגעריק, נאָכן באַנקעט, זיך צו באַקענען מיטן בעל־שמחה.

ווען כ׳האָב מיך ביים סוף פון באַנקעט פאָרגעשטעלט פאַר אים, האָט ער מיר געדריקט די האַנט און געזאָגט, אַז איך געפעל אים, און ער וואָלט זיך געוואָלט מיט מיר נענטער באַקענען...

אַ לעקטאָר — אַן עקשן

א איד, אַ לעקטאָר, האָט מיר די טעג דערציילט וועגן די העלדישקייטן, וואָס ער באַווייזט ביי זיינע לעקציעס.

ביי מיינע אויפטריטן, זאָגט מיר דער איד, שפּילט אַ גרויסע ראָלע, נישט אַזוי ווייט די רעדע ווי — די עקשנות. אַז אַ לעקטאָר איז נישט קיין עקשן, קאָן ער מאָראַליש אויסציען די קאַפּיטעס!

און ער נעמט מיר דערציילן, ווי אַזוי זיין עקשנות האָט אים אַנומלט, בעת אַ לעקציע, געראַטעוועט פון אַ מאָראַלישן אונטערגאַנג.

— כ'בין אויפגעטראָטן, — זאָגט ער, — אין אַ ברענטש מיט מיין אייביקן רעפּעראַט אויף דער טעמע: „ליידנשאַפט אין מיטלאַלטער".

קומט צו דער טשערמאַן און פרעגט מיך:

„אפשר זאָל מען אָפּלייגן די לעקציע, דער זאַל איז ליידיקלעך!"

זאָג איך: „ביי מיר לייגט מען נישט אָפּ קיין לעקציעס!"

זאָגט ער: „ס'איז דאָך אָבער דאָ אַ קליינער עולם?!"

זאָג איך: „וואָס קלענער דער עולם, אַלץ שענער די שמחה! איך

דאַרף נישט האָבן די פּאָר הונדערט מענטשן, וואָס פעלן אין זאַל. מענטשן, וואָס קומען מיך נישט הערן, דאַרף איך נישט האָבן. און אַ חוץ אַלעם, האָב איך אַ כלל: ביי מיר איז ליבער איין גאַסט, וואָס קומט, איידער הונדערט געסט, וואָס קומען נישט!"

זעט דער טשערמאַן, אַז כ'בין אַ איד אַן עקשן, זאָגט ער צו מיר אַ רעזיגנירטער:

„אויב אייך איז ליב, נעמט רעדן, כ'גיב אייך די פלאָר. פליז, מיסטער..." און ער האָט פאַרגעסן ווי כ'הייס.

האָב איך מיר אָנגעגאָסן אַ גלעזל וואַסער, געגעבן אַ שלוק, און דערווייל איבערגעציילט די אודיטאָריע: נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי... ביי זיבעצן האָב איך שוין נישט געהאַט וואָס צו ציילן.

נעם איך און זאָג צום זאַל:

„חשוב'ער עולם! מיר הויבן אָן די לעקציע. מאַכט אייך נישט קיין צרות, וואָס מיר האָבן אַזאַ קליינעם עולם, ווייל מיר זיינען געוואוינט דערצו. אַמאָל איז דאָ אַ קליינער עולם, אַמאָל — אַ קלענערער. איצט זיינען מיר, אָן עין הרע, אַן אודיטאָריע פון זעכצן לייטע; דער טשערמאַן און איך האָבן זיך אויך נישט גע'שמד'ט, זיינען מיר שוין צוזאַמען — אַכצן; מסתמא וועט נאָך אינמיטן דער רעדע אַריינקומען אַן עולם — וועלן מיר שוין, הייסט עס, האָבן אַ קימא לן פון ניינצן לייטע, און אויב אַזוי מעג מען דרייסט אָנהויבן".

האָט זיך אַ פאַרפאַלק, פון דער צווייטער ריי, אויפגעהויבן פון די בענקלעך און זיך אַרויסגעשאַרט.

זיינען מיר געבליבן זעכצן.

אָבער איך קוק נישט דערויף, וואָס די מאַסן האָבן זיך פאַרקלענערט אויף עטלעכע פּראָצענט, און איך רעד ווייטער. איך בין אַ איד אַן עקשן.

הויבן זיך אויף דריי מענטשן, געזעגענען זיך מיט אַ גרופּע שכנים, איינער זאָגט: „אַי'ל סי יו לעיטער", און גייען אַוועק.

זע איך, אַז מיר בלייבן ביי דרייצן — האָט מיר אַ קלאַפּ־געטאָן אין האַרצן. פאַר די צאָל „13" ציטער איך!

„איך וועל פאַר דרייצן מענטשן נישט רעדן, אַפילו מ'זאָל מיך

צעהאַקן. אָבער וועמען פון די מאַסן הייסט מען דאָ אַוועקגיין, אַז עס זאָל בלייבן — צוועלף?"

זע איך, ווי איינער, אין דער ערשטער ריי, זיצט און שלאָפט. פויל איך מיך נישט און שריי אַראָפּ צו דעם אידן:

— מיסטער, זייט־זשע מוחל, כאַפּט אייך אויף! וואָס וועט איר דאָ זיצן, אַז איר זענט שלעפעריק?! גייט אַהיים, טוט אייך אויס און שלאָפט ווי אַ מענטש. פון אַזאַ אומגעלומפּערט שלאָפן אויף אַ בענקל, וועט איר אַהיימגיין אַ צעבראָכענער!

די שכנה, אויף וועלכער דער שלאָפנדיקער איד האָט זיך אָנגעשפּאַרט, האָט אים געגעבן אַ זעץ און ער האָט אויפגעוואַכט. כ'האָב דערקענט לויטן זעץ, אַז זי איז זיין ווייב.

ווייס איך נישט, צי מיינע רייד האָבן געהאָלפן, אָדער ער איז אַליין געקומען אויפן דאָזיקן געדאַנק, — ער האָט זיך אויסגעווישט די אויגן, זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען.

איז מיר אַ שטיין אַראָפּ פון האַרצן. אויס — דרייצן. אויס שלימ־מזל'דיקער ציפער!

וויל איך שוין אָנהויבן רעדן פאַר צוועלף מענטשן, דערהער איך אַ כראָפּעניש אין דער פערטער אָדער פינפטער ריי.

גיב איך אַ געשריי: „אָנצינדן ליכט אין זאַל!"

די פּראַקטיק האָט מיר באַוויזן, אַז ווען ס'איז דאָ ליכט אין זאַל, שלאָפט מען ווייניקער.

רוימט מיר איין דער טשערמאַן, אַז דער, וואָס צינדט און לעשט די ליכט, איז שוין אַוועקגעגאַנגען.

דערווייל האָט אין דער סומאַטאָכע אויפגעהערט ס'כראָפּעניש. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ גאַנצע ריי פון זיבן מאַן אין איינגעשלאָפן, און ביי מיין געשריי: „אָנצינדן ליכט אין זאַל!" — האָבן זיי זיך אויפגע־כאַפּט.

אויפגעכאַפּט זיך, ווי ס'וואָלט שוין געווען נאָך דער לעקציע, און אַרויס פון זאַל.

איז פון די צוועלף געבליבן — פינף. שוין צוזאַמען מיט מיר און מיטן טשערמאַן.

קוקט מיך דער טשערמאַן אָן; שוויג איך נישט און כ׳קוק אים אויך אָן.

נעמט ער און רוימט מיר איין:

„כ׳מיין, מיסטער... (ס׳איז אים גראָד אַרויס פון זינען, ווי איך הייס), אַז פאַר דריי מענטשן אין זאַל, לוינט נישט צו האַלטן קיין לעקציע!"

בין איך אָבער אַ לעקטשורער — אַן עקשן, זאָג איך אים: „איר קענט נישט מיך! די לעקציע וועט געהאַלטן ווערן, אַפילו די ווייטער־דיקע מאַסן זאָלן פאַרלאָזן די אוידיטאָריע!"

און נאָך איידער כ׳וויל זאָגן דעם טשערמאַן: „פאַרשליסן די טיר און קיינעם נישט אַרויסלאָזן!" — רוקן זיך מיר אַרויס צוויי מענטשן פון זאַל און דער טשערמאַן גופא שלעפּט זיך אויך נאָך.

בין איך איינער געבליבן אויף דער בינע, און איין איד איז געבליבן אין זאַל.

נעם איך אַריינטראַכטן: וואָס זאָל איך טאָן? צי זאָל איך דעם גאַסט אַרויפבעטן אויף דער טריבונע, אָדער זאָל איך אַראָפּגיין צום גאַסט אין זאַל?

בין איך אַראָפּ צום גאַסט אין זאַל, אים פריינטלעך באַגריסט און געזאָגט:

— איר ווייטס, מיסטער, איר געפעלט מיר! איר זענט פון מיין שניט מענטשן! איך בין אַ לעקטשורער — אַן עקשן, און איר זענט אַ גאַסט — אַן עקשן. מיר ביידע זיינען ווי סאָלדאַטן אויפן שלאַכט־פעלד, וואָס גיבן זיך נישט אונטער, ביז זיי שיסן אויס די לעצטע קויל! איך מיין, אַז מיר קאָנען שוין ביידע גיין!

— וואָס איילט איר אייך? — רופט זיך אָן דער איד, — זיצט נאָך אַביסל, וועט מיר זיין היימלעכער! איך בין דער היטער ביי דער טיר. איך נעכטיק דאָ!

צוריקגייענדיק פון אייגענעם באַנקעט

כ׳ בין אַוועק פון מיין אייגע־
נעם באַנקעט אַן אַנטוישטער, אַ פאַרצוויפלטער, אַ מאָראַליש־צעבראָכענער.

ווען כ׳האָב געמאַכט דעם סך־הכל פון די רעדעס, וואָס מ׳האָט גע־
האַלטן לכבוד מיר, האָב איך מיך איבערצייגט, אַז כ׳האָב נישט צווישן
מיינע פריינט קיין איין גוטן פריינט. און אויב כ׳האָב יאָ אַ גוטן פריינט,
געפינט ער זיך נאָר צווישן די שונאים מיינע, וואָס זיינען צום באַנקעט
נישט געקומען!

ווען כ׳האָב אויפן וועג, — גייענדיק אַהיים פון באַנקעט, — מיך
דערמאָנט די רעדע, וואָס מיין רעכטע האַנט, דער וויס־פּרעזידענט, האָט
געהאַלטן וועגן מיר, — בין איך פשוט אויפגעציטערט געוואָרן.

„איך בין״, — האָט ער געזאָגט וועגן מיר, — „דער ראַיעלסטער,
דער ערלעכסטער מענטש, וואָס ער האָט ווען עס איז באַגעגנט״.

נו, פרעג איך אייך: האָט אַזאַ וויס־פּרעזידענט מיר געדאַרפט זאָגן
אַזעלכע ווערטער אין אָנוועזנהייט פון אַזוי פיל געסט?! אמת, ער קען

מיך גוט. ער ווייס, אַז כ׳האָב ליב אַמאָל אַ דריי־צו־טאָן ביי ביזנעס, נו, קומט מיך דערפאַר צו פאַרשעמען עפנטלעך?! קומט מיר צו פאַרשטערן די שמחה און מיר אַ שטאָך־טאָן און זאָגן, אַז „כ׳בין דער ראַיעלסטער מענטש וואָס ער האָט ווען עס איז געזען?״

און דער טרעזשורער, וואָס דערקלערט זיך מיר כסדר אין ליבע און שרייט, אַז ער איז מיין בעסטער גוטער פריינט, — ווי אַזוי האָט ער גערעדט אויפן באַנקעט?!

ער האָט גערעדט ווי אַ צבוע׳ק, ווי אַ כיטרע־פאַלש באַשעפעניש!

„לײדיס ענד דזשעלטעלמען״, — האָט ער אָנגעהויבן זיין רעדע, — „אויב עס איז פאַראַן אַ מענטש וועמענס וואָרט ס׳איז שטאָל און אייזן און מ׳קאָן דערויף בויען בריקן, — איז עס אונזער פרעזידענט, לכבוד וועמען מיר פייערן איצט אַ באַנקעט!״

נו, איז דאָס נישט קיין געמיינהייט צו רעדן אַזעלכע ווערטער אויף אַ שמחה?!

איך ווייס דאָך יאָ, וואָס הינטער די דאָזיקע זיסע ווערטער שטעקט. לאָמיך זאָגן, ס׳איז אמת — איך האַלט נישט קיין פּלעדזשעס! לאָמיך זאָגן, ס׳איז אמת — כ׳זאָג־צו צו געבן און כ׳גיב נישט! אָבער — אויב ער רעקלאַמירט זיך פאַר מיינעם אַ גוטן פריינט — דאַרף ער מיר עפנטלעך אַריינזאָגן, אַז כ׳בין „אַ מענטש, וועמענס וואָרט ס׳איז שטאָל און אייזן, און מ׳קאָן דערויף בויען בריקן?!״

אויב דו האָסט מיר צו מאַכן אַ פאַרוואורף, רוף מיך אַוועק אין אַ זייט און מאַך מיר! אָבער קום נישט אויף מיין באַנקעט אויסצופּלאַפּלען דאָס, וואָס מ׳דאַרף נישט!

און דער רעקאָרדינג־סעקרעטאַר, מ׳שטיינס געזאָגט, איז דען בעסער?!

ווען ער האָט גענומען די פלאָר און געגאַנגען רעדן וועגן מיר, האָט ער געמאַכט אַזאַ אומשולדיק פּנימ׳ל, ווי ער וואָלט געווען גאָט די נשמה שולדיק.

אָבער באַלד ווי ער האָט גענומען רעדן די ערשטע ווערטער, האָט ער געוויזן זיין חזיר־פיסל.

„מיינע טייערע פריינט״, — האָט ער געזאָגט, און מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז האָניק רינט אים פון זיין מויל, — „מיינע טייערע פריינט!

איך פיל מיך גליקלעך, וואָס כ׳האָב די פּריווילעגיע צו באַגריסן אונזער חשוב׳ן יובילאַר, דעם פּרעזידענט. צו־לאַנג וואָלט געדאַרפט נעמען אויסצורעכענען דאָ אַלע זיינע מעלות; אָבער איין מעלה מוז איך דער־מאָנען און מיר אַלע דאַרפן דאָס אָפּשאַצן! — זעלטן צו געפינען נאָך אַזאַ פּינקטלעכן מענטש, ווי ער איז!״

אמת טאַקע, כ׳בין נישט פּינקטלעך. כ׳מאַך אַפּאָינטמענטס און איך האַלט נישט. כ׳רוף אַ מיטינג און כ׳קום נישט. כ׳דאַרף אונטערשרייבן אַ טשעק און כ׳שרייב נישט. אָבער דאָס זיינען דאָך אַלץ זאַכן פאַר אַן ענגן קרייז, פאַר אַן עקזעקוטיוו. טאָ וואָס דאַרף וועגן דעם וויסן אַ פּולער זאַל מיט מענטשן, וואָס איז געקומען מיך באַערן צו מיין שמחה?!

אַזאַ האַנדלונג איז כוליגאַנסטווע! מ׳דאַרף נישט וואַשן קיין שמוציקע וועש דווקא דעמאָלט ווען יענער האָט אַ יום־טוב!

נו, איז דאָס נישט חזירייִ פּיערווי סאָרט?!

דאָ בין איך שוין געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, אַז עס האָט געפעלט אַ האָר כ׳זאָל אַ זעץ־טאָן אין טיש און אויפרייסן דעם באַנקעט.

אָ, ניין! מער קיין באַנקעטן וועלן זיי פון מיר נישט האָבן! כ׳וועל זיי נישט געבן מער קיין געלעגנהייט מיך צו לויבן!

מיך וועלן זיי נישט בלאָפן! כ׳קאָן בעסער די מלאכה פון זיי! — איך בין פּרעזידענט!..

אַ קאַמפּעינער דערציילט

כ׳ וויל מיך נישט באַרימען
פאַר אייך, אָבער דעם אמת מעג איך זאָגן:
צווישן קאַמפּעינערס בין איך דער קייסער!
איך קאָן אַזוי גוט די מלאכה פון זאַמלען געלט און פון מאַכן אַן אַפּיל, אַז מ׳זאָגט אויף מיר, אַז אין דער מאַמעס בויך האָב איך שוין געמאַכט אַן אַפּיל און געזאַמלט געלט!
אַ קאַמפּעינער — דאָס איז אַ ספּעציעלע שולע. אַ קאַמפּעינער דאַרף זיין ווי אַן אויטאָמאַט — מען גיט אַ קוועטש אויפן קנעפּל און די רעדע דאַרף שוין אַליין גיין ווי אַ מזמור. און נישט אַלעמאָל דאַרף מען רעדן גלייך; עס ווענדט זיך וואָסער עולם איר האָט. טיילמאָל דאַרפט איר רעדן שטיל, טיילמאָל — הויך, טיילמאָל — הייזעריק, טיילמאָל גייט מען מיט גוטן און טיילמאָל — מיט בייזן; פאַראַן געבערס, וואָס גיבן נישט אַן אַ זעץ אין טיש — גיב איך אַ זעץ אין טיש. פאַראַן ווידער געבערס, וואָס גיבן נאָר דעמאָלט ווען מען מאַכט זיי וויינען — מילא, מאַך איך זיי וויינען! איך האָב אַלעמאָל אַ טרערעלע ביי זיך אין רעזערוו!

איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס אַלע אינסטיטוציעס רייסן זיך איבער מיר. אַלע ווילן מיך האָבן. און נישט צוליב מיינע שיינע אויגן ווילן זיי מיך האָבן, נאָר דערפֿאַר, ווייל כ׳בין אַ ברויט מיט אַ מעסער.

איך אַרבעט פֿאַר מושב־זקנים׳ס, פֿאַר יתומים, פֿאַר צוריקגעשטאַנענע קינדער, פֿאַר קולטור, — פֿאַר אַלע אַרבעט איך. און פֿאַר יעדן צוועק האָב איך אַ באַזונדערע רעדע.

אין דער מינדעסטער וואָך קלאַפּ איך מיר אָפּ מיינע עטלעכע צענדליק רעדעס אויף לאָנטשאָנס, אויף מיטינגען, אויף באַנקעטן.

אויך פֿון אַ לוויה זאָג איך מיך נישט אָפּ, וואָרום איך רייס פֿון טויט און פֿון לעבעדיק!

אָבער — אַפֿילו אַ קאַמפּעינער איז נישט קיין מלאך. אַז מ׳האָט אַזוי פֿיל אינסטיטוציעס צו באַאַרבעטן, און מ׳דאַרף לויפֿן פֿון איין רעדע צו דער צווייטער, איז זייער גרינג זיך אויסצוגליטשן.

אַנומלט טאַקע, — כ׳וועל מיך גאָרנישט שעמען פֿאַר אייך, — האָב איך זיך שיער־שיער אויסגעגליטשט.

כ׳האָב גראָד דעמאָלט געהאַט אַ שווערן טאָג. כ׳בין געלאָפֿן ווי אַ משוגענער פֿון איין פֿאַרזאַמלונג צו דער צווייטער, אָבער אומעטום בין איך געווען אַ סוקסעס. ביז איך בין געקומען אויף איין פֿאַרזאַמלונג, דער טשערמאַן האָט מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַרן עולם, כ׳הויב אָן רעדן, און כ׳ווייס נישט וועגן וואָס צו רעדן. כאַטש נעם און צעהאַק מיך — כ׳געדענק נישט אין וואָסער אינסטיטוציע איך געפֿין מיך!.. ס׳אַ פּאַס־קודנע געשיכטע! נישט כ׳וועל גיין פֿרעגן דעם עולם אויף וואָסער צוועק איך דאַרף ביי זיי זאַמלען געלט, און נישט איך וועל פֿרעגן דעם טשער־מאַן אויף וואָס דער אַפּיל גייט... ס׳ערשטע מאָל אין מיין קאַמפּעינער־קאַריערע, טרעפֿט זיך מיר אַזאַ אומגליק!

אָבער איך האָב מיך נישט פֿאַרלוירן, און מיך גענומען ראַטעווען מיט אייגענע כוחות. כ׳וועל אָנהויבן, — טראַכט איך מיר, — רעדן און כ׳וועל שוין דערשנאַפּן אויף די פּנים׳ער פֿון עולם אין זאַל, צי כ׳בין אויפֿן ריכטיקן וועג, צי איך בלאָנדזשע...

האָב איך אָנגעהויבן צו רעדן וועגן בויען אַ נייעם פּאַוויליאָן פֿאַרן

מושב זקנים „אנשי אברהם״. כ׳האָב נאַטירלעך באַנוצט ביי דער רעדע דעם גאַנצן רעפּערטואַר מיינעם, וואָס איך באַנוץ געוויינלעך ביי מיינע אַפּילס פאַר אַ מושב זקנים. כ׳האָב געוואָרנט דעם עולם, אַז אייביק איז מען נישט יונג, און אַז די עלטער קאָן, חלילה, פּונקט אַזוי זיין אַ קללה ווי — אַ ברכה; און איינזאַמקייט און עלנדקייט איז די ערגסטע מכה פון אַלע מכות; און אַז דער פּסוק „אל תשליכנו לעת זקנה״ האָט אַ טיפן זין; און אַז אַ מושב זקנים איז די דערהויבנסטע אינסטיטוציע פון אַלע טשאַריטי־אינסטיטוציעס; און אַז אַ מושב זקנים בויט אַ נייעם פּאַוויליאָן, איז עס אַ היסטאָרישע געשעעניש; און מען דאַרף האָבן געלט.

אָט אַזאַ רעדע האָב איך געגעבן אַ זאָג אָפּ, אַז דער גאַנצער זאַל איז מיטגעריסן געוואָרן.

דערווייל האָב איך געגעבן אַ כאַפּ אַ בליק צום טשערמאַן, האָב איך דערזען, אַז ער איז ווייס ווי די וואַנט און ער ווינקט צו מיר...

האָב איך מיך גלייך געכאַפּט, אַז די קלאָג איז פאַרטיק — כ׳בין נישט אויפן ריכטיקן וועג.

פאַרליר איך מיך נישט און גיי איבער צו יתומים. איך דערלאַנג אַ דרשה׳לע וועגן דער גרויסער מצווה פון העלפן יתומים. און ווען יתומים וואָלטן געהאַט טאַטע־מאַמע, וואָלט זייער לאַגע געווען אַ סך גרינגער!

איך גיב מיך אַ דריי אויס צום טשערמאַן, און כ׳זע ווי דער טשער־מאַן איז ווייס ווי די וואַנט. ער צופּט די נעגל און בייסט די ליפּן.

באַלעמוטשע איך נישט און איך וואַרף מיך איבער צו מעות חיטים. איך הויב אָן צו זעצן אין טיש, אַז מ׳זאָל געבן מעות חיטים.

און דער טשערמאַן? — דעם טשערמאַן הויבט עס פון בענקל, ווי ער וואָלט געזעסן אויף הייסע קוילן.

טראַכט איך נישט לאַנג און גיב מיך אַ וואַרף־איבער מיט דער רעדע צו אינוואַלידן.

כ׳בין שוין געוואָרן הייזעריק פון רעדן. כ׳האָב מיך שוין מורא געהאַט אויסצודרייען און אָנקוקן דעם טשערמאַן, ווייל כ׳האָב געפילט, אַז כ׳בין נאָך אַלץ נישט אַרויף אויפן ריכטיקן וועג.

ווייזט אויס, אַז דער טשערמאַן האָט דערזען, אַז איך פאַרקריך וואָס אַמאָל אין אַ טיפערער זומפּ, האָט ער מיר צוגעשיקט אַ צעטעלע:

„פּליז, רעדט צום פּאָינט! וואָס באַדערט איר די פּאָבליק מיט אַן אָלד איידזש האָום, מיט יתומים און אינוואַלידס?! איר האָט אַן אָרדער צו רעדן וועגן דער אַנטי־שמד באַוועגונג און דאַטסאָל!"

איבערגעלייענט דאָס צעטעלע, איז מיר געוואָרן לייכטער; ווי אַ שטיין וואָלט מיר אַראָפּ פון האַרצן.

אַבי איך וויס שוין וואו איך בין!

איז וואָס־זשע, מיינט איר, האָב איך געטאָן?

כ'האָב מיך גאָרנישט וויסנדיק געמאַכט און כ'האָב פאַרענדיקט די ביז־איצטיקע רעדע מיט איין פּאַראַגראַף: „...און דערפאַר בעט איך אייך, ליבער עולם, האָט גאָט אין האַרצן און שמד'ט אייך נישט!"...

און איר האָט געדאַרפט זען, ווי דער עולם האָט מיך געפּאָלגט!

קיין איינער האָט זיך נישט גע'שמד'ט!

כבוד — טעלעגראַפיש

איך האָב ליב מיטינגען,
קאָנפערענצן, באַנקעטן, זיצונגען.
איך האָב ליב עס זאָל זיך רודערן.
איך האָב ליב מ׳זאָל האַלטן רעדעס, מ׳זאָל באַגריסן, מ׳זאָל זיך אַריינזאָגן, מ׳זאָל אָפּשטימען, מ׳זאָל הויבן אַ האַנט, מ׳זאָל הויבן אַ בענקל!
איך פּאָרע מיך שוין ביי געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אַ סך לענגער ווי איר מיינט.
ווען איך האָב צום ערשטן מאָל אַ געשריי־געטאָן „מיסטער טשערמאַן, גיט מיר די פלאָר!״, זענט איר אַלע נאָך געווען צוציקעס.
אָבער — ביז היינט האָב איך נאָך די פלאָר נישט באַקומען!
עפּעס אַ בייזער שלימ׳מזל קריכט מיר נאָך ס׳גאַנצע לעבן, און עס גייט מיר מיט דער פוטער אַראָפּ!
וויפיל פּראַצע איך האָב שוין אַריינגעלייגט אַרויפצושווימען געזעל־שאַפטלעך, און — עס גייט נישט.
מיין קאַנדידאַטור האָט מען נאָך קיינמאָל נישט אַרויסגעשטעלט.

מיין נאָמען האָט מען נאָך קיינמאָל נישט אויסגערופן. איך בין נאָך אפילו אין לעבן צו קיין „פּאָינט אָוו אָרדער" נישט דערגאַנגען. און וועגן האַלטן אַ רעדע איז אוודאי נישטאָ וואָס צו רעדן. עס זיינען שטענדיק פאַראַן וויכטיקערע פון מיר.

אויף יעדן מיטינג גרייט איך מיך צו רעדן. איך שריי „מיסטער טשערמאַן!", און איך בליב ביים שרייען. ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, אַז כ'זאָל מיך אַוועקזעצן און וואַרטן אויף שפּעטער. און ווען ס'קומט שפּעטער, איז שוין דער עולם מיד, די אויגן קלעבן זיך שוין, דער טשערמאַן איז שוין שלעפעריק. אַפילו אַ טשערמאַן ווערט אויך שלעפעריק!

און אויף באַנקעטן, בין איך פּונקט אַזוי אויף צרות, ווי — אויף מיטינגען. אַלע באַגריסן, און איך זיץ און דריק אין זיך.

אויבן־אָן זעצט מען מיך קיינמאָל נישט אַוועק. פאַרן אויבן־אָן זיינען פאַראַן ספּעציעלע „סובסקראַיבערס", בילכערע פון מיר. מיך פאַרשטעקט מען שטענדיק אין אַ ווינקל, און מען זעט אפילו נישט, אַז איך עקזיסטיר.

אַזוי אַרום בין איך געבליבן אַ באַהאַלטענער געזעלשאַפטלעכער טוער. ווען כ'שעם זיך נישט, וואָלט איך געזאָגט — אַ געזעלשאַפטלעכער לאַמעד־וואָוו'ניק!

האָב איך גענומען טראַכטן וועגן אַ תכלית, און בין געפאַלן אויף אַ גאָלדענעם געדאַנק, ווי אַזוי צו ראַטעווען מיין כבוד.

וואָס מיינט איר האָב איך געטאָן? איין קלייניקייט: טעלעגראַמעס!

אנשטאָט צו קומען אויף אַ באַנקעט, אויף אַ קבלת פּנים, אויף אַ יובל, — האָב איך בעסער איינגעפירט צו שיקן טעלעגראַמעס.

און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פּלאַן אַרבעט בעסער, ווי כ'האָב מיר פאָרגעשטעלט.

צוואָס זיך שלעפּן פּערזענלעך אויף דער שמחה, און מ'זאָל זיך אויף מיר אומקוקן ווי אויף אַ בלינד פּערד, — אַז כ'קאָן בעסער שיקן אַ טעלעגראַמע, און מ'זאָל געוואויר ווערן, אַז איך עקזיסטיר!

פון איין צוגעשיקטער טעלעגראַמע, האָב איך מער פּובליסיטי, ווי פון הונדערט מאָל קריכן פּערזענלעך אויף דער שמחה!

אַז איך שיק אַ טעלעגראַמע, לייענט מען הויך מיין נאָמען, און מען פּאַטשט בראַוואָ!

ווען וואָלט איך דערלעבט מען זאָל דערמאָנען עפּנטלעך מיין נאָמען און נאָך פּאַטשן בראַוואָ אויך? — אפשר אויף יענער וועלט!

און וואָס, מיינט איר, שרייב איך אין דער טעלעגראַמע? — נישט קיין גרויסע זיבן זאַכן!

איך הויב שטענדיק אָן מיט אַ פּאָר באַגריסונגס־ווערטער; דערנאָך גייען עטלעכע שורות וועגן דעם, אַז איך באַדויער געוואַלדיק, וואָס כ׳האָב נישט געקאָנט קומען פּערזענלעך.

יעדעס מאָל, גיב איך אויף אַן אַנדערן תירוץ. איין מאָל באַנוץ איך מיך מיט אַ תירוץ, אַז כ׳ליג קראַנק. אַ צווייט מאָל — אַ נאָענטע חתונה, אַ דריט מאָל — אַ ברית, אַ בר־מצווה. כ׳האָב שוין אַפּילו מיין ווייב אַמאָל אויסגענוצט אין אַ טעלעגראַמע. כ׳האָב גראָד נישט געהאַט אונטער דער האַנט קיין אַנדער תירוץ, האָב איך געשריבן, אַז זי האָט געהאַט אַן עקסידענט.

און איר דאַרפט זען, ווי די אַלע טעלעגראַמעס ווירקן!

כ׳האָב מיך אַמאָל אַליין אַריינגעגנבעט אויף אַ באַנקעט צו הערן ווי מען לייענט מיין טעלעגראַמע. מיך האָט קיינער נישט געזען. אָבער איך האָב אַלץ געזען.

ס׳האַרץ איז מיר פּשוט געוואַקסן פון נחת, ווען כ׳האָב געהערט לייענען מיין טעלעגראַמע און דער עולם האָט געפּאַטשט בראַוואָ. כ׳וועל מיך גאָרנישט שעמען פאַר אייך, — איך אליין האָב אויך געגעבן עטלעכע פּעטשלעך, ווען מ׳האָט דערמאָנט מיין נאָמען.

זינט איך שיק טעלעגראַמעס, בין איך דאָך געוואָרן אַ נייער מענטש. כ׳בין אויפגעשטאַנען תחית המתים!

נאָך יעדער טעלעגראַמע, קריג איך טעלעפאָנען אין שטוב אַריין. מען ווינטשט מיר מזל טוב נאָך אַ טעלעגראַמע מיט אַ חתונה־תירוץ. מען דריקט מיר אויס מיטלייד נאָך אַ לוויה־תירוץ.

מ׳האָט מיך שוין אָנגעפרעגט, ווי אַזוי מיין ווייב האָט געהאַט דעם עקסידענט, ווי זי פילט זיך, און צי כ׳זע עפּעס אַ בעסערונג?...

וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן, זינט איך באַנוץ די נייע פּאָליסי, בין

איך געזעלשאַפטלעך אויפגעריכט געוואָרן. מיין נאָמען וואַקסט, און דער כבוד קומט צו מיר דורך טיר און פענסטער. איך נעם מיר איצט אָפּ כבוד מיט פּראָצענט, פאַר אַלע מיינע פאַרלוירענע יאָרן!

אוודאי קאָסט מיך געלט מיין נייע פּאָליסי, אָבער — איך גיב מיר אַן עצה.

אַז מען קריגט כבוד, קריגט מען שוין שכל אויך.

זינט כ׳האָב אָנגעהויבן צו שיקן טעלעגראַמעס, האָב איך אויפגעהערט צאָלן „דיוס״. און דאָס, וואָס איך שפּאָר מיר איין פון צאָלן דיוס, — לייג איך אַריין אין טעלעגראַמעס.

זעט איר, מיט איין זאַך איז שלעכט: איך הויב אָן צו פילן אַ מאַנגל אין תירוצים.

קיין מיטינגען און באַנקעטן פעלן מיר נישט, אָבער די תירוצים הויבן זיך מיר אָן אויסצושעפּן.

אַט גיי איך איצט שיקן אַ טעלעגראַמע אויף אַ באַנקעט, און איך בייס מיר אָפּ די נעגל פאַר אַ תירוץ. אַלע תירוצים שוין אויסגענוצט אין די פריערדיקע טעלעגראַמעס, און איך וויל מיך נישט איבערחזרן.

אפשר האָט איר ביי זיך אַ גוט תירוצ׳ל, — גיט מיר. מערטשעם אויף אייער באַנקעט, וועל איך מיך אָפּדינען!

פאַרפאָלקסטימליך

„חתונה־האָבן איז אַן ענין פאַר פרויען.
פאַר מענער — איז דאָס נישט קיין ענין".

(אַן אויסגעבאָרגטער געדאַנק
פון אַ פילאָזאָף — אַ בחור).

ווען מ׳האָט אַ ווייב
אַ כלל־טוערין

גאָט האָט מיר געבענטשט מיט אַ ווייב אַ כלל־טוערין, וואָס אַרבעט געזעלשאַפטלעך אין אַ טוץ אינסטיטוציעס.

איין נאַכט טאַנצט זי לטובת אַ ליידיס אָוקזילערי. אַ צווייטע נאַכט שפּילט זי בינגאָ לטובת אַ קאָנגרעגעישאָן. אַ דריטע נאַכט קומט זי אַהיים שפּעט לטובת אַ האָום פאַר זקנים.

קיינמאָל איז זי נישט אינדערהיים!

און ווען זי איז יאָ אינדערהיים, איז זי דען אינדערהיים? — זי גייט אַרום אין הויז, צווישן די שכנים, זאַמלען געלט.

איין נאַכט זאַמלט זי פאַר אַסטמע, איין נאַכט — פאַרן האַרץ, איין נאַכט — פאַר אַרטרייטיס. זי האָט אַלע קרענק אויפן קאָפּ, — אַזאַ געזונטן קאָפּ האָט זי!

און ווען זי מאַכט אירע זאַמלונגען, פאַרנעם איך אַן אַנגעזעצן אָרט אויפן בויגן. איך בין שטענדיק דער ערשטער אויף דער ליסטע פון די ספּענדערס. אַז איך מאַך — זאָגט זי — דעם פּאַטשאַטעק, גייט איר מזל׳דיק!

איר גייט מזל׳דיק, אָבער נישט — מיר!

אירע אַפּילס קאָסטן מיך צו־טייער.

דעם נדן, וואָס איך האָב פון איר באַקומען מיט אַכט און צוואַנציק יאָר צוריק, האָב איך איר שוין צוריקגעצאָלט מיט אַן עודף. ס׳אַ באַנקראָט־געשעפט!

כ׳בין שוין אַזוי צוגעוואוינט צום געבן, אַז איך וואַרט שוין גאַר־נישט זי זאָל מיך מאָנען.

ווען כ׳קום פון אָפיס און זי שפּרינגט מיר אַנטקעגן אַ פריילעכע, אַן אויפגעלייגטע — פרעג איך גלייך: „פאַר וועמען היינט?"

זאָגט זי: פאַרן אָלד עידדש האָום!

זאָג איך באַלד: „דריי טאָלער!"

נעמט זי זיך מיט מיר דינגען: דריי טאָלער פאַר זעכציק זקנים?!

אַ ניקל פאַר אַ זקן?! — צען טאָלער קאָסט עס, קיין סענט נישט ווייניקער!

און אַז זי זאָגט צען, — איז צען!

נאָך איידער איך ענטפער, איז שוין אויפגעשריבן; און נאָך איידער ס׳איז אויפגעשריבן, איז שוין באַצאָלט; און נאָך איידער ס׳איז באַצאָלט, איז שוין דאָ אַ נייער פאָנד! אַ נערוון־פאָנד. אַ וואַקאַציע־פאָנד. אַ יתומים־פאָנד. עס זאָלן מיר אַזוי נישט פעלן קיין צענערלעך, ווי איר פעלן נישט קיין פאָנדן!

אַנומלט האָט זי מיר טעלעפאָנירט אין אָפיס און געמאָלדן אָפיציעל, אַז זי קלינגט נישט איצט, ווי מיין ווייב, נאָר — ווי די וויים־פרעזידענטין פון האָום.

— ס׳אַ פאַרגעניגן, — זאָג איך, — מיסעס וויים־פרעזידענטין, וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך?

— פאַר מיר גאַרנישט, אָבער פאַר אונזער האָום קאָנט איר אַ סך טאָן! איך בין איצט אין אָפיס פון האָום. מיר האָבן נאָר־וואָס באַשלאָסן אַנצוהויבן אַן אַקציע פאַר צובויען אַ נייעם פלאָר! מיר מאַכן איצט אַ ליסט פון דאָנעישאָנס, זענט איר צווישן די ערשטע. וויפיל ציגל גיט איר?

דערהערט די פראַגע, איז אַזוי ווי כ׳וואָלט געקראָגן מיט אַ ציגל איבערן קאָפּ!

— וויפיל — פרעג איך — קאָסט אַ ציגל?

— אַ פינף און צוואַנציקער — אַ שטיק!

— פינף און צוואַנציק טאָלער?! און קיין ביליקערע ציגל האָט איר נישט?

— ווען כ׳וואָלט געהאַט, וואָלט איך אייך אויך נישט געגעבן. איר זענט דער ערשטער אויף דער ליסט, טאָ וואָס קאָן שוין זיין ווייניקער ווי פיר ציגל פאַר אַ הונדערטער? און איצט זאָגט מיר, וויפיל בעטלעך גיט איר?

— בעטלעך? — האָב איך איבערגעפרעגט, — וואָס עפּעס בעטלעך?!

— וואָס דען האָט איר געמיינט, אַז די אַלטע לייט וועלן שלאָפן אויף ציגל? איר שלאָפט אייך אויף ציגל? אַזוי ווי מ׳וועט פאַרטיק מאַכן דעם נייעם פלאָר, שטעלן מיר אַריין פופציק נייע בעטלעך! וויפיל בעטלעך גיט איר?

— כ׳בעט דיך, מיין ווייב, — בין איך שוין איבערגעגאַנגען פון דער וויס־פּרעזידענטין צום ווייב, — לאָמיר איצט נישט רעדן וועגן דעם! מיר׳ן אינדערהיים רעדן וועגן די בעטלעך!

— נאָו סער! אינדערהיים וועלן מיר רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, און איצט מוז איך שוין וויסן וועגן די בעטלעך!

האָב איך מיך נישט געקאָנט אַרויסדרייען און איר צוגעזאָגט אַ בעטל.

האָב איך שוין, הייסט עס, אַ בעטל מיט פיר ציגל!

אַזוי ווי כ׳בין אַהיימגעקומען, האָט זי שוין גענומען מאָנען ס׳געלט. פאַר די ציגל האָב איך גלייך באַצאָלט, און ס׳בעטל — האָט זי מיר געטאָן אַ טובה — קאָן וואַרטן נאָך אַ וואָך.

נאָך עטלעכע טעג — אַ נייע מעשה!

כ׳קום אַהיים, פרעגט זי מיך, וואו כ׳האָב ערגעץ אַהינגעטאָן דעם נייעם וואָלענעם סוועטער, וואָס מ׳האָט מיר געבראַכט אַ מתנה פון איטאַליע.

פרעג איך, צו וואָס זי דאַרף אים, דערציילט זי מיר, אַז די אָוקזילערי גרייט אַ באַזאַר מיט אַ „ראַפל״ און יעדער דאַרף עפּעס ספּענדן, האָט זי באַשלאָסן צו ספּענדן מיין נייעם סוועטער!

גיב איך איר צו פאַרשטיין, אַז דער וואָלענער סוועטער איז אַ פּער־זענלעכע מתנה פאַר מיר, כ׳האָב אים נאָך נישט געטראָגן און ס׳איז צו־טייער צום אָוועקשענקען. נישט יעדן טאָג קריג איך מתנות פון איטאַליע. ס׳איז אַן אָנדענקונג! אָנשטאָט דעם סוועטער, בין איך מנדר דעם זיידענעם שאַל מיינעם! ער איז טאַקע נישט פון איטאַליע נאָר פון די בראָנקס, אָבער ער איז ניי!

ווער איך געוואויר, אַז דעם שאַל האָט זי שוין סיי־ווי גענומען, אָן מיין עצה, אָבער דער בלויזער שאַל איז צו־ווייניק, זי מוז האָבן דעם סוועטער אויך!

האָב איך איר געגעבן דעם סוועטער.

און ווען זי האָט שוין געהאָט דעם סוועטער, זאָגט זי צו מיר: אין איינוועגס קויף שוין עטלעכע „ראַפּלס״ אויך! נעם אַ גאַנץ ביכעלע! פינף און צוואַנציק שטיק צו דאָלער! נעם, וועסט פאַרקויפן!

— צו וואָס דאַרף איך עס? וואו וועל איך עס פאַרקויפן?

— ס׳שפּילט אַ ראָלע ביי דיר צו פאַרקויפן פינף און צוואַנציק טיקעטס? ביזט דאָך אין ביזנעס! מיט איין טעלעפאָן, פאַרקויפסטו די גאַנצע סחורה!

מיט אַ וואָך שפּעטער איז זי מיר אַנטקעגנגעלאָפן מיט אַ שמחה:

— ס׳קומט דיר אַ מזל טוב! ס׳איז היינט געווען די ציאונג און דו האָסט געוואונען!

— וואָס האָב איך געוואונען? — פרעג איך.

— האָסט געוואונען דיין זיידענעם שאַל! גיב מיר פינף דאָלער! עס פירט זיך ביי אונז, אַז מען גיט אַ דאָנעישאָן, אויב מען געווינט עפּעס!

האָב איך איר צוליב געטאָן. וואָס וועל איך מיך אַנטקעגנשטעלן, ס׳וועט מיר דען העלפן?!

— נאַדיר פינף דאָלער און לאָמיך זען דעם שאַל!

— צו וואָס דאַרפסטו דעם שאַל? — פרעגט זי מיך, — כ׳האָב אים שוין אַוועקגעשאָנקען צו אַן אַנדער ראַפּל, — פאַרן אָלד עידזש האָום!

***

וואָס ווייטער? — יאָ, איר האָט געטראָפן: כ׳האָב שוין ווידער אַ גאַנץ ביכעלע מיט ראַפּלס!

דעם זיידענעם שאַל, זעט איר דאָך, האָב איך געוואונען. אפשר וועל איך האָבן מזל, און כ׳וועל דעם וואָלענעם סוועטער אויך געווינען!...

עס ברענט אַ פייער

אאיך פיר אַ קאַלטע מלחמה מיטן קליידער־געוועלב, וואָס געפינט זיך אויפן בלאָק, וואו איך וואוין.

די אָפּטע סעילס רואינירן מיך.

אַזוי ווי מ׳הענגט נאָר אַרויס אַ צעטל אויפן פענסטער — „סעיל״, וואוינען שוין אין סטאָר מיין ווייב און מיינע טעכטער. זיי זוכן באַרגענס, און — דאָס אומגליק איז — זיי געפינען!

וואָלטן די סעילס כאָטש געווען בלויז איין מאָל אין אַ יובל, — וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה; אָבער, אַז אַ סטאָר־קיפּער נעמט און מאַכט סעילס יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, דאָס איז שוין נישט פאַר מיינע כוחות!

די באַרגענס עסן מיך אויף!

האָב איך אָנגעהויבן צו אונטערהאַנדלען מיט מיין ווייב און טעכ־טער, אַז זיי זאָלן אויפהערן צו גיין אויף דער זעלבער זייט פון בלאָק וואו דער סטאָר געפינט זיך.

„כ׳בעט אייך, גייט אויף דער צווייטער זייט פון בלאָק! אַז איר וועט

נישט זען דעם צעטל „סעיל״, וועל איך מיר איינשפּאָרן אַ שיינע פּאָר טאָלער! וואָס אויס די אויגן, איז אויסן האַרץ!״

אָבער ווער איז אימשטאַנד ביי זיי צו פּועל׳ן אַזאַ זאַך?! — דער סעיל איז שטאַרקער פון מאַן און שטאַרקער פון טאַטן!

האָב איך באַשלאָסן אָנצוהויבן די אונטערהאַנדלונגען מיטן בעל דבר גופא, — מיטן באַלעבאָס פון געוועלב.

צוערשט בין איך געגאַנגען מיט גוטן.

כ׳האָב אים געפרעגט:

— ווי לאַנג, כ׳בעט אייך, האָט איר בדעה צו מאַכן סעילס!

— מישט אייך נישט, — ענטפערט ער מיר, — אין מיינע ביזנעס!

— ס׳איז נישט, — זאָג איך, — אייערע ביזנעס, — ס׳איז מיינע ביזנעס! צוליב אייערע סעילס גיי איך געבראָכן! איר ווייסט, אַז נאָך אייער „פייער־סעיל״, האָב איך געמוזט אָנקומען נאָך אַ הלוואה אין דער באַנק?! צי ווייסט איר, אַז אַלע קליידער, וואָס איר האָט אָפּגעראַטעוועט פון פייער, זיינען אַריינגעפאַלן צו מיין ווייב און צו מיינע טעכטער?! און אַ חוץ אַלעם, זאָגט מיר, ווען, אַ שטייגער, איז ביי אייך אין סטאָר געווען אַ פייער? איך גיי דאָ פאַרביי יעדן טאָג און איך האָב קיין איין מאָל נישט געזען, אַז ביי אייך זאָל ברענען!...

— הייסט עס, — זאָגט צו מיר דער באַלעבאָס, — עס פאַרדריסט אייך, וואָס ביי מיר האָט נישט געברענט?!

— שור, פאַרדריסט מיך! ממה נפשך: אויב עס האָט נישט געברענט, טאָ פאַרוואָס בלאָפט איר מיט פייער־סעילס, און אויב —

— און אויב עס האָט יאָ געברענט?!

— אויב עס האָט יאָ געברענט, פאַרדריסט מיך, פאַרוואָס איר האָט אָפּגעראַטעוועט אַזוי פיל קליידער?! ווען מ׳וואָלט געלאָשן אַ ביסל ווייניקער, וואָלט איך געווען רייכער מיט אַ שיינע פּאָר טאָלער!

— איר האָט עפּעס נאָך אַנדערע טענות צו מיר?

— יאָ, — זאָג איך, — כ׳האָב נאָך אַ סך טענות! עס הענגט שוין אין דרויסן אַ סאַין וועגן אַן עניוואַירסערי־סעיל, — וואָסער עניוואַירסערי איז דאָס?!

— נישט אייערע ביזנעס!

— ס׳איז יאָ מיינע ביזנעס! איך בין ביי אייך דער גרעסטער קאַס־טומער, האָב איך אַ רעכט צו וויסן! אייער סטאָר עקזיסטירט אַ קימאַ־לן פון זיבן און אַ האַלב יאָר, טאָ וואָסער קיילעכדיקע דאַטע איז דאָס צו מאַכן עניוואַירסעריס?! ווען בלאָפט איר, ווען?! וואָס מיינט איר, ס׳איז אַ הפקר־וועלט?! איר וועט מאַכן עניוואַירסערי־סעילס סתם אין דער וועלט אַריין?! איר מיינט טאָקע, אַז קיינער פירט נישט קיין חשבון?! איך האַלט אייך גוט אויפן אויג; מיר וועט איר נישט דרייען קיין היטל! איך וויס אַלץ, וואָס עס טוט זיך ביי אייך! איר קאָסט מיך שוין צופיל געלט, אַז איך זאָל נישט וויסן! איך וואָרן אייך, אַז קוים זע איך ביי אייך נאָך איין „לינקן" עניוואַירסערי־סעיל, וועט זיך טאָן חושך! איך וועל אייך מאַכן פאַר אויס סעיל־מאַכער!...

מיין סטאָר־קיפּער האָט מיר געוואָלט דערויף עפּעס ענטפערן, אָבער נאָך איידער ער איז געגאַנגען ענטפערן, בין איך ווייטער אָנגעגאַנגען מיט לשון:

— ...און דער גרעסטער בלאָף פון אַלע אייערע בלאָפס איז — אייער ליקווידאַציע־סעיל! שוין דריי מאָל ווי איר האָט אַרויסגעהאַנגען אַ שילד „גאָינג אַוט אָוו ביזנעס" און — אַ נעכטיקער טאָג! איר גייט און גייט און שטייט אויף איין אָרט!... לויט מיין חשבון האָט נאָך מיט פיר יאָר צוריק געדאַרפט דאָ הענגען אַ שלאָס אויף דער טיר! אויב נישט אַ שלאָס, האָט דאָ געדאַרפט שוין וואוינען אַ בוטשער, אַ גראָסערי־מאַן, אַ ביוטי־פּאַרלאָר אָדער כאָטש אַ קלינער! וואָס טוט איר נאָך דאָ אין די ביזנעס, זאָגט מיר?! וויפל מאָל קלערט איר נאָך — אויף מיין חשבון, — צו ליקווידירן די ביזנעס? מיסטער, איך וואָרן אייך, טאָמער ליקווידירט איר נאָך איין מאָל די ביזנעס, — זאָל איך אייך צומאָרגנס דאָ אויף דער שוועל נישט זען. איר הערט, וואָס מען רעדט צו אייך?!

איך האָב פאַרהאַקט די טיר און בין אַרויסגעלאָפן.

האָב איך געהאַט עטלעכע רואיקע וואָכן און געמיינט, אַז כ׳האָב געשאָסן דעם פויגל.

אַנומלט גיי איך פאַרביי, און כ׳זע ווידער אויף דער שויב אַ שילד: „פייער־סעיל".

בין איך אויפגעקאָכט געוואָרן: נישט געזען קיין רויך, נישט געזען

קיין אַש, נישט געזען קיין פּייערלעשער, — טאָ פון וואַנען נעמט זיך דער פּייער־סעיל?!

בין איך אַריין צום קרעמער און אים אַ פרעג־געטאָן:

— שוין ווידער אַ סעיל?

— יאָ!

— און אַז איך וועל אייך געבן אַ קונה פאַר די גאַנצע ביזנעס, ווער איר נעמען?

כ׳וועל כאַפּן! וואו איז דער קונה?

— איך בין דער קונה! כ׳האָב אויסגערעכנט, אַז ס׳וועט מיר אויס־מאַכן ביליקער אָפּצוקויפן ס׳גאַנצע געוועלב, איידער אייך צו לאָזן ווייטער אויפן פּלאַץ! אַ סוף, זאָגט אַ פּרייז!

— מאַכט איך נישט נאַריש, — האָט ער מיך גענומען אָפּרעדן, — איר קאָנט אייך דען אויף קליידער?

— אויף קליידער קאָן איך מיך נישט, אָבער אויף סעילס קאָן איך מיך! איך וועל נישט מאַכן קיין לינקע סעילס! איר מעגט זיין זיכער, אַז ווען איך וועל מאַכן אַ פּייער־סעיל, וועט ס׳פּייער זיין אַן אמת׳דיק פּייער!

***

מיינע האַרבע רייד האָבן דאַסמאָל יאָ געהאָלפן.

ס׳געוועלב האָב איך טאַקע נישט אָפּגעקויפט; אָבער דערפאַר איז דער סטאָר־קיפּער געוואָרן מיט מיר אַזוי היימיש, אַז ער האָט מיר שוין אַפילו אויסגעזאָגט דעם גאַנצן סוד פון די סעילס:

„ס׳איז אמת, — האָט ער מיר געזאָגט, — נישט אַלע מיינע סעילס זיינען גלאַט־כשר, אָבער — דווקא די פּייער־סעילס זיינען פּאָזיטיוו ראַיעל!

אמת טאַקע, די סחורה גופא האָט נישט געברענט. אָבער אַז איך וועל אייך וויזן מיינע ביכער, און איר וועט זען מיינע חובות און מיין דעפיציט, וועט איר אַליין מודה־זיין, אַז כ׳בין נישט קיין ליגנער, — עס ברענט דאָ אַ פּייער!״

אַ הונגער־סטרייק

האָט איר שוין געהערט, אַז אַ ווייב זאָל סטראַשען מיט אַ הונגער־סטרייק, אויב דער מאַן קויפט איר נישט דאָס, וואָס זי פאַרלאַנגט?!

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט סטראַשען. זי וויל כ׳זאָל קויפן אַ קאַר, אויב נישט, — מאַכט זי אַ הונגער־סטרייק.

האָב איך דעם סטראַשונאָק נישט גענומען ערנסט. מאַלע וואָס אַ ווייב רעדט, ווען ס׳קומט איר אָן די מינוט פון רעדן?!

וואו האָב איך געלט אויף אַ קאַר?! — אַז טיילמאָל פעלט מיר אפילו אויף קאַרפעיר!

אָבער ווער זאָל זיך ריכטן, אַז ס׳איז נישט גלאַט געסטראַשעט, נאָר טאַקע געטאָן אויך!

כ׳קום איינמאָל אַהיים פון אָפיס, טרעף איך דעם טיש סערווירט מיט איין טעלער. זי דערלאַנגט מיר עסן, און זי אַליין זעצט זיך אַוועק וואַטשן טעלעוויזיע.

פרעג איך:

— וואָס עפּעס איך אַליין? וואָס איז מיט דיין עסן?

זאָגט זי:

— איך עס נישט! איך האָב פון איינס אַזייגער נאָכמיטאָג אָנגעהויבן דעם הונגער־סטרייק!

— אָבער איצט — זאָגט איך, — איז שוין דער זייגער — זיבן! און פון איינס ביז זיבן דאַרפסטו שוין זיין הונגעריק!

— כ׳האָב שוין געפילט, — זאָגט זי, — הונגער נאָך מיט צוויי שעה צוריק, אָבער כ׳וועל נישט ברעכן דעם סטרייק! איך בין נישט קיין סטרייק־ברעכערין!

— און ווי לאַנג קלערסטו אַזוי צו סטרייקן?

— ביז דו וועסט קויפן די קאַר!

— אָבער ביז צום קויפן די קאַר, — גיב איך איר לייכט צו פאַרשטיין, — מעגסטו דאָך פאַרזוכן אַ ביסל זופּ! — די זופּ איז דיר היינט געראָטן. זי האָט טויזנט טעם!

— זי זאָל אפילו זיין פון גאָלד, וועל איך זי אויך נישט פאַרזוכן. איך, אַז כ׳סטרייק, סטרייק איך!

— אָבער מיטן סטעיק וועלן מיר זיך יאָ טיילן!

— אַלץ — נאָכן סטרייק!

— מיינסטו טאַקע ערנסט מיטן סטרייק?

— און וואָס האָסטו געמיינט — פרעגט זי מיך צוריק, — ס׳איז אַ קינדער־שפּילעכל?

וואָס אַן אמת, האָב איך טאַקע געמיינט, ס׳איז אַ קינדער־שפּילעכל. אָבער אַז כ׳האָב געזען, צומאָרגנס חזר׳ט זיך איבער די זעלבע געשיכטע, און מער ווי איין טעלער איז נישטאָ אויפן טיש, — האָב איך שוין גענומען אַ ביסל אַריינטראַכטן אין די סטרייק־ביזנעס.

— האָסט שוין געגעסן סאַפּער? — פרעג איך.

— ווער רעדט פון סאַפּער, — ענטפערט זי, — כ׳האָב נאָך קיין לאָנטש אויך נישט געגעסן. כ׳לעב שוין דעם צווייטן טאָג אויף קרעקערס, אויף אַ ביסל קאָפע מיט סאַכאַרין, אויף אַ פרוכט, און דאַטסאָל! וועגן פלייש און ברויט און סופּ און קעיק און פּוטער און מילך איז נישטאָ וואָס צו רעדן!

און זי האָט שוין — זאָגט זי, — אפילו פאַרקלענערט אויף אַ העלפט די אָרדערס אין גראָסערי אוןביים בוטשער און ביים מילך־מאַן!

— ווייסט שוין, הייסט עס, וועגן דיין הונגער־סטרייק דער בוטשער און דער מילך־מאַן און דער גראָסערימאַן?

— מאָל דיר, אַז נישט נאָר זיי ווייסן דערפון, נאָר אַלע שכנים פון גאַנצן הויז ווייסן שוין אויך דערפון!

— און וואָס וועט זיין, פרעג איך, — דער סוף? וועסט אַזוי ווייטער פירן דעם סטרייק?

— אַז דיר איז ליב, — זאָגט זי, — איז מיר ניחא! אויב דו קאָנסט צוקוקן ווי אַן אייגן ווייב גייט־אויס פון טאָג צו טאָג צוליב אַ נאַרישער קאַר, דאַרפסטו דיך שעמען, און נישט איך!

דער ענין איז מיר אַריין אין קאָפּ. פון אַלע זייטן האָט מען מיר אָנגעהויבן אָפּגעבן גרוסן: „דיין ווייב עסט נישט צוליב דיר!" „דיין ווייב האָט געמאַכט אַ הונגער־סטרייק און דו שווייגסט?!"

עס האָבן שוין אפילו אָנגעהויבן צו קומען דעלעגאַציעס פון די שכנים. טייל האָבן גערעדט מיט גוטן, און טייל האָבן געסטראַשעט, אַז אויב איך וועל גאָרנישט טאָן דערצו, וועלן זיי מוזן עפּעס טאָן דערצו.

און טאָמער איז דאָס וויניק, האָט מיין ווייב נאָך איינגעקויפט אַ וואָג אין הויז אַריין, און יעדן טאָג ווען כ'בין אַהיימגעקומען, האָט זי אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ בולעטין: „איך וועג שוין מיט צוויי פונט וויניקער", „איך וועג שוין מיט דריי פונט וויניקער".

און ווען כ'האָב געקוקט אויף איר, האָב איך געזען, אַז זי זאָגט נישט קיין ליגן. כ'זע, אַז דער חשבון שטימט. זי פאַרלירט מיר וואָג, פון טאָג־צו־טאָג.

האָב איך געזאָגט:

— הער־אויס, מיין ווייב! ווייטער קאָן אַזוי נישט גיין! דו ביסט דאָך שוין באַלד אַ העלפט דערפון, וואָס דו ביסט געווען! לאָמיר רעדן תכלית: וואָס פאַרלאַנגסטו?

— אַ קאַר פאַרלאַנג איך!

— און אַז כ'וועל מיך אָנשטרענגען און דיר קויפן אַ קאַר, וועסטו אויפגעבן דעם סטרייק?

— אַז כ׳וועל האָבן די שליסלען פון דער קאַר, וועל איך אויפגעבן דעם סטרייק און צוריק אָנהויבן עסן!

האָב איך שוין נישט געוואָלט פאַרשלעפּן דעם ענין אין דער ווײַטער באַנק, און בין אַריין אין דער נאָענטסטער באַנק און געבאָרגט געלט אויף אַ קאַר.

גלייך נאָכן קויפן די קאַר, איז זי געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. צוריק אָנגעהויבן סערווירן צוויי טעלער און געגומען עסן מיט אַזאַ אַפּעטיט, ווי נאָך אַ הונגער־סטרייק.

איצט גייט שוין אַלץ גלאַטיק; און נישט נאָר עס גייט, נאָר עס פאָרט, — די קאַר פאָרט. שוין אפילו געהאַט צוויי עקסידענטס אויך.

וואָלט דאָך אַלץ גוט געווען, ווען נישט איין קלייניקייט:

כ׳בין געוואויר געוואָרן, אַז דער הונגער־סטרייק איז גאָר נישט געווען צוליב דער קאַר, נאָר צוליבן — דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט איר געהייסן פאַרלירן צען פונט, האָט זי אויפגעהערט צו עסן און איז געגאַנגען אויף אַ סטריקטלי דאַיעט.

דורך דער צייט פון דאַיעט האָט זי פאַרלוירן ניין פונט, און ווען איך האָב שכל און וואַרט נאָך בלויז איין טאָג, וואָלט זי פאַרלוירן אירע צען פונט, און זי וואָלט צוריק אָנגעהויבן צו עסן אפילו ווען כ׳קויף איר נישט די קאַר.

איצט בין איך פאַרשולדיקט ביז איבער די אויערן, און זי פאָרט מיט דער קאַר.

איך האָב פאַרשפּילט ביידע וועלטן: כ׳האָב פאַרלוירן געלט און פאַרלוירן דעם סטרייק.

זי האָט געוואונען דעם סטרייק, און די פאַרלוירענע צען פונט, האָט זי שוין באַלד אויך צוריק געוואונען.

אַ געמיטלעכער פאַמיליע־שמועס

וועו טעלעוויזיע שפּילט נישט

(מאַן און ווייב אין הויז. ער זיצט מיט אַ בוך, און זי זיצט מיט אַ בוך. ער לייענט און מישט די בלעטלעך. זי מישט די בלעטלעך און לייענט נישט.)

זי: סעם, וואָס טוסטו?
ער: זעסט נישט? — איך לייען אַ בוך!
זי: קאָנסט איבעררייסן?
ער: כ׳קאָן איבעררייסן.
זי: רייס׳זשע איבער!
ער: כ׳האָב שוין איבערגעריסן.
זי: כ׳קאָן מיט דיר רעדן אַ וואָרט?
ער: שור!
זי: ס׳איז דיר נישט אומעטיק אָן טעלעוויזשאָן?
ער: נישט געפערלעך!
זי: ס׳איז יאָ געפערלעך. מ׳דאַרף אים פאַרריכטן!
ער: ס׳ברענט נישט!
זי: שור ברענט נישט! אַז ס׳שפּילט נישט, — ברענט נישט!

ער: ס׳ברענט נישט און ס׳שפּילט נישט און ס׳איז שטיל אין הויז. שטיל, — ווי אין אַן אויער!

זי: שטיל ווי אַן אויער? — ס׳קלינגט מיר אין אויער! הער!

ער: ס׳דאַכט זיך דיר!

זי: עס דאַכט זיך מיר נישט! איך הער פּאָזיטיוו!

ער: אַלץ וואָס דו הערסט, דאַרפסטו גלויבן?

זי: ס׳קלינגט מיר אָבער פּאָרט! — אַ סימן, מ׳רעדט פון מיר!

ער: ס׳קאָן זיין!

זי: ווער קאָן עס רעדן וועגן מיר?

ער: פרעגסט מיך?!

זי: אָבער אומגעפער?

ער: אפשר די שאַפּיריכע?

זי: אַ שיינעם דאַנק! ס׳פעלט מיר נישט מער, ווי אַריינצופאַלן צו דער שאַפּיריכע אין מויל!

ער: ווי לאַנג וועט זי דען רעדן? — זי וועט מיד ווערן!

זי: קענסטו נישט די שאַפּיריכע, — זי וועט נישט מיד ווערן!

ער: ס׳קאָן זיין, זי רעדט גוטס וועגן דיר!

זי: נישט די שאַפּיריכע! אויב נישט קיין שלעכטס, וועט זי אינגאַנצן נישט רעדן! מזל טוב!

ער: זאָל זיין מיט מזל! וואָס איז דער מזל טוב?

זי: ס׳צווייטע אויער קלינגט מיר שוין אויך!

ער: אַלץ די שאַפּיריכע!

זי: ס׳קלינגט וואָס אַמאָל שטאַרקער! הערסט גאָרנישט ווי די אויערן קלינגען?

ער: (הערט זיך צו) נישט די אויערן, — דער טעלעפאָן קלינגט דאָך!

זי: טאָ וואָס זיצסטו? גיי אַריין און פרעג, ווער ס׳רעדט!

ער: כ׳גיי!

זי: (שרייט אים נאָך) אויב ס׳איז די שאַפּיריכע, זאָג איר אַ פּאָר ווערטער אין מיין נאָמען!

ער: (צוריקקומענדיק) קיינער נישט!

זי: ס׳קאָן נישט זיין „קיינער נישט״! אויב ס׳קלינגט, — רעדט עמיצער!

ער: אַ „ראָנג נאָמבער״!

זי: אַ ראָנג נאָמבער — דווקא צו אונז?! ס׳פעלן אַנדערע טעלע־פאָנען?

ער: עס פעלן נישט! מ׳קלינגט צו אַנדערע טעלעפאָנען אויך!

זי: וועמען גייען אָן אַנדערע טעלעפאָנען?! מיר גייט אָן מיין טע־לעפאָן! ווער איז עס געווען: אַ מאַן? אַ פרוי?

ער: כ׳ווייס נישט!

זי: אומגעפער?!

ער: אומגעפער — אַ מאַן!

זי: וואָס האָט ער געפרעגט?

ער: צי איך בין מיסטער סאָלקין!

זי: האָסטו אים גלייך געדאַרפט זאָגן, אַז דו ביסט נישט מיסטער סאָלקין!

ער: וואודען?! כ׳האָב אים גלייך געזאָגט, אַז איך בין נישט מיסטער סאָלקין!

זי: און ווער קאָן עס זיין דער מיסטער סאָלקין?!

ער: כ׳ווייס נישט!

זי: אומגעפער?

ער: אומגעפער — ווייס איך אויך נישט!

זי: וואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט, סעם?

ער: כ׳בין נישט אויפגערעגט!

זי: ביסט יאָ אויפגערעגט! דו באַהאַלטסט עפּעס פאַר דיין אייגן ווייב!

ער: וואָס האָב איך צו באַהאַלטן?!

זי: דאַרפסט נישט באַהאַלטן, כ׳גיי שוין סיי ווי!

ער: גיי געזונטערהייט!

זי: כ׳בין דיר גרויס אין די אויגן? — כ׳בלייב אינדערהיים!

ער: בלייב געזונטערהייט!

זי: וואָס וועל איך בלייבן? קיין טעלעוויזשאָן איז נישטאָ, און מיט

דיר קאָן מען נישט רעדן קיין גלייך וואָרט. איך גיי! די ראַדיאָ האָט גע־זאָגט ס׳וועט רעגענען. זאָל איך נעמען דעם שירם?

ער: נעם דעם שירם!

זי: אויב די ראַדיאָ האָט געזאָגט — רעגן, האָט אַ ברירה נישט צו רעגענען!

ער: נעמ׳זשע נישט דעם שירם!

זי: און טאָמער רעגנט, וועל איך ווערן נאַס, ווי אַ קאַץ! גיב אַ קוק דורכן פענסטער, ווי עס זעט אויס דער הימל.

ער: (קוקט) אַ הימל, ווי יעדער הימל!

זי: פאַרוואָלקנט?

ער: איין זייט איז פאַרוואָלקנט, איין זייט איז ריין!

זי: וועלכע זייט איז פאַרוואָלקנט, — אַפּטאַון?

ער: (קוקט) ס׳זעט אַזוי אויס!

זי: גיי איך דאָך אַפּטאַון. גיב מיר דעם שירם!

ער: וואו איז דער שירם?

זי: אין שאַנק איז דער שירם!

ער: (זוכנדיק) כ׳זע נישט דעם שירם!

זי: זוך שוין נישט דעם שירם!

ער: ערגיץ איבערגעלאָזט דעם שירם?

זי: יענע וואָך, — ביי דער שאַפּירכע! ווייניק, וואָס זי האָלט מיין שירם, באַרעדט זי מיך נאָך אויך. פרעגסט מיך גאָרנישט, צי ס׳קלינגט מיר נאָך אין די אויערן?

ער: ס׳קלינגט דיר נאָך אין די אויערן?

זי: וואודען, ס׳קלינגט מיר נישט?! אַז זי הייבט אָן באַרעדן, איז אָן אַ סוף. ערשט ווען זי וועט מיך זען, וועט זי סטאָפּן! — איך גיי צו דער שאַפּירכע! גודבאַי, סעמעלע!

(גייט אַרויס און קומט צוריק)

...און געדענק, טאָמער קלינגט דאָ ווידער אַ ראָנג נאָמבער, זאָלסטו נישט צוגיין צום טעלעפאָן!

נײַן מאָס רייד

פאַר ווייבער איז צוגעטיילט געוואָרן נײַן
מאָס רייד.
פון וואַנען זיי האָבן גענומען מ ע ר , —
דאָס בלייבט אַ סוד!

„מיס אַלמנה"

מאָנאָלאָג פון אַ פרוי מיט אַ צעבראָכן האַרץ

צו מײַן צעבראָכן האַרץ און צו מײַן ביטער געמיט, האָט מיר נאָך צוגעפּעלט צו פאָרן אויף וואַקאַציע!

מײַן גאָטזעליקער מאַן איז אַן עדות, אַז כ׳האָב נישט געוואָלט פאָרן פאַר זײַן ערשטער יאָרצייט.

כ׳בין געווען אויף דער סעמעטערי און כ׳האָב אים אַלץ דערציילט. כ׳האָב אים דערציילט, אַז ס׳האַרץ זאָגט מיר — „פאָר נישט!" און דער דאָקטאָר זאָגט — „פאָר!"

„אויב דו וועסט נישט פאָרן — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — זיך אָפּרוען נאָכן אומגליק, נעם איך פון זיך אַראָפּ יעדע פאַראַנטוואָרטלעכקייט

פאַר דיין געזונט! קום נישט צו מיר מער, און זוך דיר אַן אַנדער דאָקטאָר!״

נו, וועל איך גיין זוכן אַן אַנדער דאָקטאָר?

האָב איך גענומען און געפאָרן!

און אַז איך פאָר שוין אין אַ האָטעל, האָב איך ליב צו פאַרפאָרן אין עפּעס רעכטס. ווי זאָגט ס׳ווערטל? — כ׳הענג שוין מיטן קאָפּ, לאָמיך הענגען מיט די פיס אויך.

בין איך געפאָרן אין אַ האָטעל מיט אַ סווימינג־פּול, מיט אַ קאָקטעיל־באַר, מיט ענטערטעינמענטס און מיט אַלע אַנדערע אימפּראָווּמענטס!

אָבער מיינע שונאים זאָלן פילן אַזאַ טעם פון זייערע האָטעלן, ווי איך האָב געפילט אַ טעם פון מיין האָטעל!

אַז מ׳איז געשטראָפט צו זיין אַן אלמנה, העלפן נישט קיין אימפּראָווּמענטס. אָבער דער דאָקטאָר האָט מיך געצוואונגען, — בין איך געפאָרן!

מ׳קאָן זיצן און פריילעך פאַרברענגען, אָבער ס׳האַרץ פאַרברענגט נישט!

די אויערן קאָנען הערן שפּילן מוזיק, אָבער ס׳האַרץ הערט נישט!

ס׳פּנים לאַכט פונם ענטערטעינערס וויצן, אָבער ס׳האַרץ לאַכט נישט!

מ׳קאָן זיך באָדן ביזן האַלז אין וואַסער, אָבער ס׳האַרץ איז נישט אין וואַסער!

אַ האַרץ פון אַן אלמנה קאָן נישט אַזוי שנעל פאַרגעסן, וואָס זי האָט פאַרלוירן!

האָב איך אָפּגעַ׳חושב׳ט די פאָר וואָכן אין האָטעל, און נישט פאַרגעסן אויף קיין איין מינוט, אַז כ׳בין אַן אלמנה!

מ׳האָט איינמאָל געמאַכט אַ קאָנטעסט פון שווימען, האָב איך גענומען דעם ערשטן פּרייז. אָבער ווער האָט דאָס אין זינען?

מ׳האָט מיך איינגעלאָדן צום שפּילען זיך. האָב איך מיך געשפּילט. איך האָב געשפּילט אויף אַ גיטאַרע און איינער פון די געסט האָט געזונגען.

איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז כ׳האָב אַ גוד טאַים. אָבער וואָס עס האָט זיך דעמאָלט געטאָן אין מיין צעבראָכן האַרץ, דאָס ווייסט קיינער נישט.

מ׳האָט געמאַכט אויספלוגן אין לבנה־נעכט. איך בין אומעטום מיטגעגאַנגען. מ׳האָט געזונגען לידער, האָב איך מיטגעזונגען. מ׳האָט גע־

שטיפּט, האָב איך מיטגעשטיפּט. אָבער וואָס עס האָט זיך דעמאָלט געטאָן אין מיין נשמה, דאָס איז געבליבן אַ סוד צווישן מיר מיט דער לבנה מיטן דאָקטאָר.

מ'האָט גענומען אַ בילד פון אַלע געסט. ווען איר זעט מיך אויפן בילד, ווי איך לאַך, וואָלט איר געמיינט, אַז כ'בין די גליקלעכסטע אין דער וועלט. אָבער גיי דערצייל זיי, אַז עס איז נישט מער, ווי „חתן מאַך דיר אַ האַרץ!". כ'וועל דאָך נישט גיין מאַכן אַ זויער פּנים אויף דער פּיקטשע. וואָס איז דער פאָטאָגראַף שולדיק, אַז איך בין אַן אלמנה. ס'אומגליק איז מיינס און נישט קיינעמס. דאַטסאָל!

און אַז מ'האָט מיך אויסגעקליבן פאַר „מיס־אלמנה" אין מיין האָטעל, האָב איך אָנגענומען דעם טיטל און גאָרנישט גערעדט. כ'האָב געשוויגן און געדריקט אין זיך!

זעקס אלמנות זיינען געווען אין מיין האָטעל, האָט מען, ביים קאָנטעסט, דווקא מיך אויסגעקליבן.

מ'האָט זיך גע'שדכנ'ט צו מיר, און איך האָב אַלע קאַנדידאַטן גע־לאָזט לויפן!

דער מענעדזשער איז פאַר מיר אויסגעגאַנגען, ער איז מיר נאָכגעקראָכן ווי אַ שאָטן.

דער סאָושל־דירעקטאָר איז מיר געפאַלן צו די פיס.

און דער האָטעל־קיפּער איז געווען פאַר מיר די כפּרה. ער האָט מיר אַליין געזאָגט, ווען ער איז אַן אַלמן, וואָלט ער מיט מיר חתונה געהאַט, און האָט מיך געהייסן וואַרטן.

איצט, נאָכן צוריקקומען, רייסן זיי מיר אַלע אָפּ דעם טעלעפאָן.

איך האָב זיי בלויז איין מאָל איבערגעלאָזט דעם נומער, און זיי טעלעפאָנירן כסדר.

אָבער איך איגנאָריר זיי!

כ'האָב אַנומלט געמאַכט אַ פּאַרטי, האָב איך זיי אַפילו נישט איינ־געלאַדן!

די געסט האָבן געזונגען און איך האָב געשפּילט פּיאַנאָ. געשפּילט צו פאַרגעסן אין די צרות.

ווען מיין גאָטזעליקער מאַן האָט געלעבט, האָב איך מיך נישט צוגע־

רירט צו דער פּיאַנאָ. איצט, אַז כ׳זעץ מיך אַוועק שפּילן, קאָן איך מיך נישט אַוועקרייסן, כ׳קוק אויף די שוואַרצע קלאַווישן, דערמאָן איך מיך אין מיין טרויער!

איך שפּיל דען? — די צרות מיינע שפּילן!

כ׳גיי טוישן מיין קאַר. ס׳טוט מיר ווי ס׳האַרץ, ווען כ׳זעץ מיך אַריין אין דער זעלבער קאַר, וואָס מיין גאָטזעליקער מאַן האָט געטריבן. כ׳גיב אַ קוק אויפן רעדל, דערמאָן איך זיך אין מיינע צרות! כ׳דערקען נאָך זיינע פינגער־פּרינטס אויפן רעדל, — ווי איז צו מיר!

כ׳גיי אויך טוישן די פּוירניטשור.

כ׳וויל טוישן דעם אַפּאַרטמענט.

און כ׳וועל אפשר טוישן דעם נאָמען אויך. מיין דאָקטאָר רעדט מיך צו, כ׳זאָל מיט אים חתונה־האָבן.

שוין געדונגען אַ פּלאַץ, שוין אָפּגעמאַכט מיטן קעיטערער.

צוויי הונדערט געסט וועלן זיין.

און וואָס האָב איך דערפון? — אַ ריס אין האַרצן!

וואָס גרעסער דער עולם, — אַלץ גרעסער דער טרויער!

וואָס שענער די שמחה, — אַלץ שטאַרקער דער ווייטיק!

אוי, ווען מיין גאָטזעליקער מאַן וואָלט היינט געלעבט און וואָלט דאָס אַלץ צוגעקוקט.

גלויבט מיר, ס׳גייט מיר נישט אין די גאַנצע שמחה!

„פליז, נעמט אַ קענדי!"

— מאָנאָלאָג אויפן „פּאָרטש" פון האָטעל —

פּליז, מיסעס קעץ, זעצט איך אַוועק נעבן מיר. וויקלט אַרום מיט אַ קאָלדרע די פיס, וועט איר וויסן פון אַ לעבן!

וואָס־אי? איר האָט מורא פאַר אַ קאָלד? נעוועער מאַינד! גלויבט מיר, ס'איז באַשערט אַ קאָלד, קאָן מען אים קעטשן אַפילו ביי זיך אין רום!

איר קענט דאָך די בלאָנדע, וואָס זיצט ביים מיטלסטן טיש און קריגט זיך כסדר אַרום מיטן וועיטער? זי האָט זיך נעכטן ביינאַכט געלייגט געזונט און פריש, און היינט אינדערפרי זיך אויפגעהויבן הייזעריק ווי די וואַנט. געקעטשט אַ קאָלד ביי זיך אין רום. איצט איז שטיל ביי איר טיש — אַ פּלעזשור!

פּליז, מיסעס קעץ, העלפּ יור סעלף, נעמט אַ קענדי! וואָס־אי?! איר טאָרט נישט? איר האָט מורא, איר וועט פעט ווערן? נאָו קידינג! זאָל מיר געשען, וואָס איך קאָן געשען פון איין קענדי! איך האָב היינט געפיקסט אַ גאַנצע באָקס.

בעליוו מי, מיסעס קעץ, פאַר מיר זיינען קענדיס — סם. אָבער

מ׳איז דאָך פאַרט נישט מער ווי אַ מענטש. אַז מ׳האָט ליגן אין רום אַ באָקס מיט קענדיס, גלוסט זיך צו עפּעס עפּענען און אַ קוק טאָן וואָס אינעווייניק טוט זיך. און אַז מען עפנט־אויף, גלוסט זיך שוין צו פאַרזוכן. פאַרזוכט מען צוערשט די טשעריס. איך האָב זייער ליב טשעריס. און אַז מען פאַרזוכט אַלע טשעריס, נעמט מען זיך פאַרזוכן די קאָקאָנאַטס. איך האָב זייער ליב קאָקאָנאַטס. און דערנאָך זוכט מען די פלעין טשאָקאָלעד. און אַזוי פאַרזוכנדיק, איידער מען קוקט זיך אַרום, זעט מען שוין די דנאָ פון באָקסל!...

איר פאַרשטייט, מיסעס קעץ, ס׳אומגליק מיט מיר איז, וואָס איך בין נישט קיין עסערין, נאָר — אַ פאַרזוכערין. און איין וואָך איז מיר צוגעקומען דריי פונט. הרג׳עט מיך, כ׳ווייס נישט פון וואָס.

מיין מאַן קען מיך גוט. ער ווייסט, וואָס איך האָב ליב. שרייבט ער מיר אין יעדן לעטער: „דערבאַרעם דיך, שוירלי, פאַרזוך נישט!״

אָבער איך פאָלגט אים? — אַזוי פאָלג איך אים!

איך האַלט נישט, אַז אַ ווייב דאַרף טאַנצן, ווי דער מאַן שפּילט. איך האַלט, אַז אַ מאַן דאַרף שפּילן, ווי ס׳ווייב טאַנצט.

איך זאָג, אַז אַ ווייב — אַ לעמעשקע, איז ערגער ווי אַ מאַן — אַ פּאַנטאָפל!

אַ ווייב דאַרף קאָנען אויסהאָדעווען דעם מאַן, פּונקט ווי זי דאַרף קאָנען אויסהאָדעווען קינדער.

מיין פּאָליסי איז, אַז אַ מאַן דאַרף פאָלגן, וואָס ס׳ווייב זאָגט. דאַטסאָל!

און אויב איר וועט עס איינפירן באַלד פון אָנהויב אָן, — וועט איר שטענדיק זיין אויפן פערדל!

איר קענט דאָך מיין מאַן, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, איאָ?

איר ווייסט דאָך, אַז ער איז נישט פון הינטערן אויוון און ער האָט פיינט, אַז מען באָסעוועט איבער אים, איאָ?

אָבער נאָר ביי אייך און ביי אַנדערע, קאָן ער זיין אַ דיקטאַטאָר; אָבער ביי מיר? — ביי מיר איז ער נידעריקער פון גראָז!

נאָך מיט יאָרן צוריק האָב איך אים געזאָגט:

„פישל, אַז דו וועסט מיך פאָלגן, וועסטו זיין גוט־אָפּ, און טאָמער נישט, — פּרוביר נאָר!״...

און פון דעמאָלט אָן פאָלגט ער מיך, און ער באַדויערט נישט!

ער האָט זיך שוין אַזוי צוגעוואוינט צום פאָלגן, אַז ער וועט נישט נעמען קיין העירקאָט, אויב איך זאָג אים נישט „גיי און נעם!"

אַוודאי האָט געגומען געגוג לאַנג, ביז כ'האָב געמאַכט פון אים אַ לייט, אָבער — בעסער שפּעטער, ווי קיינמאָל נישט.

ווען איך האָב מיר ס'ערשטע מאָל געפאַרבט די האָר, האָט ער געקרומט מיט דער נאָז, אַז די פאַרב געפעלט אים נישט. נו, האָב איך אים נישט באַלד שטיל געמאַכט? כ'האָב אים געזאָגט קורץ און שאַרף: „וועגן דיין קאָפּ, וועל איך דיר זאָגן דעות, אָבער צו מיין קאָפּ מיש דיך נישט אַריין!"

פון דעמאָלט אָן, איז ער אַן אַנדערער מענטש. וואָס פאַראַ קאָליר קאָפּ כ'זאָל אים נישט אַהיימברענגען, נעמט ער אים אויף קושנדיק. איר געדענקט דאָך, מסתמא, מיין נעיווי־קאָפּ, וואָס מ'האָט מיר פאַראַיאָרן געמאַכט אין ביוטי־פּאַרלאָר? מ'דאַרף שוין נישט מיאוס'ער, ווי איך האָב דעמאָלט אויסגעזען. אַלע האָבן געלאַכט. מ'האָט געזאָגט, אַז כ'האָב די גאַנצע נעיווי אויפן קאָפּ. אָבער מיינער — האָט געשוויגן. צוויי טעג האָט ער געסטרייקט און נישט געוואָלט קוקן אויפן קאָפּ, אָבער אויפן דריטן טאָג האָט ער אָנגעהויבן צו קוקן!

און וועגן קאָכן האָב איך געהאַט פון אים ווייניק אויסצושטיין?!

די ערשטע צייטן איז אים נישט געפעלן געוואָרן מיין קאָכן, און ער האָט כסדר געפלעגט אַריינקומען אין קיטשען מיר געבן עצות. נו, מיינט איר, איך האָב אים נישט אָפּגעוואוינט דערפון?! כ'האָב אים געזאָגט קורץ און שאַרף:

— אין קיטשען זאָלסטו נישט קריכן! האָסט אָפּגעוואַשן די דישעס,
— גיי אַרויס!

און דאָס קאַפּריזוועון ביים עסן, האָב איך אויך געסעטלט.

ער האָט ליב געהאַט סטעיקס, האָב איך אים געפּאַשעט מיט לעבער. איצט, ווען ער איז שוין צוגעטרייעט צו לעבער, — מאַך איך לעמב־טשאָפּס.

איר פאַרשטייט, מ'טאָר נישט דעם מאַן נאָכגעבן די שמד!

ס׳וואָלט אַלץ גוט געווען, נאָר ווען ס׳קומט צו פאַרדינען אויף מאַכן אַ לעבן, איז ער אַ לעמעשקע.

איך באַקלאָג מיך נישט, חלילה, אויף מיין דאָליע. כ׳האָב נישט געמאַכט קיין קאָנטראַקט מיטן רבונו של עולם, אַז עס מוז מיר אַ גאַנץ לעבן גייט פויגלדיק. איר ווייסט דאָך ווי מ׳זאָגט: אַמאָל איז מען אויפן פערדל, און אַמאָל איז מען אונטערן פערדל״.

כ׳האָב שוין געהאַט פאַרשידענע צייטן.

שוין געהאַט שלעכטע צייטן, און ערגערע צייטן. אָבער כ׳זאָל קאָנען זאָגן מיטן פולן מויל, אַז איך בין גוט־אָפּ, דאָס זאָג איך נישט!

אַוודאי שלעפּט זיך ׳שטענדיק נאָך ביים ווייב — דעם מאַנס מזל.

האָט דער מאַן מזל, איז ס׳ווייב אַ „געמאַכטער מענטש״; און טאָמער האָט חלילה דער מאַן נישט קיין מזל, איז נעבעך אָך־און־וויי צום ווייב.

איר דאַרפט נישט זוכן ווייט, — נעמט מיין נעקסטדאָריקע.

זי זאָגט, אַז זי איז אין מיינע יאָרן. אָבער דער אמת איז, זי איז עלטער.

איך האָב די יאָרן אירע אויף דער האַנט. ווען זי האָט מיט 31 יאָר צוריק געשריבן תנאים מיט איר שלים׳מזל, האָב איך ערשט אָנגעהויבן אויסצוגיין מיט מיין שלים׳מזל. און ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט איר שלים׳מזל, האָב איך ערשט תנאים געשריבן מיט מיין שלים׳מזל. און ווען איר ערשטער באָי איז געוואָרן בר־מצווה, האָב איך ערשט אָפּגעלאָזט דעם שידוך.

אָבער, כ׳רעד נישט איצט פון די יאָרן. אַ יאָר אַרויף, אַ יאָר אַראָפּ — כ׳בין אינגער פון איר. אָבער איר מערכה ביים מאַן איז אַ סך אַ בעסערע ווי מיינע!

ס׳הייסט, כ׳זאָג נישט, אַז זי איז מיסעס ראַקעפעלער און עס רינט איר איבערן מויל. זאָל מיר צוקומען, רבונו של עולם, וואָס איר פעלט! אָבער פונדעסטוועגן גייט איר בעסער ביים מאַן, ווי עס גייט מיר!

און אַז עמיצער האָט מזל, שווימט אים צו דורך טירן און דורך פענסטער. — העלפט אים גאָט און ער צעברעכט אַ האַנט אַריינגייענדיק אין באָס און ווערט אויפגעריכט. יעדן חודש ברענגט אים דער בריוו־טרעגער אַ טשעקל פון דער אינשורענס־קאָמפּאַני. עס שניידט מיך ביים

האַרץ, ווען כ׳זע, ווי די האַנט איז אים שוין לאַנג אויסגעהיילט, די גיפּס איז שוין לאַנג אַראָפּגענומען, און דער בריוו־טרעגער קומט נאָך אַלץ מיט טשעקלעך!

איר מיינט אפשר, כ׳בין דזשעלעס, וואָס ער האָט צעבראָכן אַ האַנט?

— כ׳בין אסור נישט דזשעלעס, און ווער עס פאַרגינט אים נישט, זאָל אַליין נישט האָבן?

אָבער פאַרדריסן, — פאַרדריסט עס!

וואָס וואָלט אים געאַרט, דעם פּרנסה־געבער מיינעם, ווען עס מאַכט זיך אים אַמאָל אַן עקסידענטל? איך רעד נישט, חלילה, פון קיין גרויסע אומגליקן, אָבער אַ קליין נאַריש אומגליקל קאָן דאָך אַמאָל זיין מזל׳דיג. פון אויסלענקן זיך אַ האַנט קאָן מען מאַכן אַ לעבן אַ גאַנץ יאָר צייט. פון אַ קליינעם גליטש מיטן פוס קאָן מען אַמאָל סעיפן אַ שיינע פּאָר דאָלער! פון אַ נאַרישן קלאַפּ אין דער ריפּ, קאָן מען זיך אַמאָל „אויס־פּוירנישן" דעם אַפּאַרטמענט.

אָבער גיי רעד, אַז עס איז נישטאָ קיין מזל!

פאַראַן מענער, וואָס ווערן געהאָלפן איבער נאַכט צוליב אַ נאַריש־קייט. זיי דערפינדן עפּעס אַ נייע זאַך, און דערנאָך קאַכט זיך מיט זיי אין די פּעיפּערס. איינער דערפינדט עלעקטרי, אַ צווייטער — טעלעפאָן, אַ דריטער — גאַז, אַ פערטער — טעלעוויזשאַן. און ער קאָן אויס־לעבן די יאָרן — און גאָרנישט געפינען. וויפל מאָל איך האָב אים שוין געזאָגט: „דו דרייסט דיך אַרום ליידיק, דו האָסט צייט, דו טוסט נישט די האַנט אין קאַלטן וואַסער, — טאָ דערפינד כאָטש עפּעס!"

ווייסט איר, וואָס ער ענטפערט מיר: „שוין צו־שפּעט! מ׳האָט מיר שוין אַלץ אויסגעכאַפּט פריער!"

נו, גיי רעד מיט אים, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפן יעדער וואָרט!

כ׳האָב מיך שוין געבעטן ביי אים: „יאָ דערפינדן, נישט דערפינדן — אָבער טו עפּעס אויף, אַז מ׳זאָל רעדן וועגן דיר! זיי אַמאָל אויף דער פּראָנט־פּיידזש! זאָל מען זען אַמאָל דיין נאַריש פּנים אויף אַ פּיקטשור! אַנדערע מענער האָבן מזל און מען מאַכט אויף זיי האָלד־אַפּס און זיי ווערן דערנאָך באַרימט אין די פּעיפּערס! געוואַלד געשריגן, אַ מענטש קומט אַזוי פיל יאָרן אַהיים שפּעט ביינאַכט און עס זאָל זיך דאָס איין מאָל

טרעפן מיט אים אַ האָלד־אַפּ! איך מיין נישט, חלילה, קיין גרויסע האָלד־אַפּס. זאָל זיין אַ קליין האָלד־אַפּעלע, אַבי עס זאָל שטיין אין די פּעיפּערס. און אַז מ׳שטייט שוין אין די פּעיפּערס, קאָן שוין שפּעטער עפּעס אַרויס־קומען דערפון!

אָבער גיי רעד, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפן יעדער וואָרט!

און פּונקט ווי עס גייט אים נישט אויף דער גאַס, אַזוי גייט אים נישט אין הויז. איר ווייסט דאָך וואָס עס טוט זיך אויף די „קוויז־שאָוס" אין טעלעוויזשאָן, דורך עטליכע מינוט קאָנען מענטשן ווערן אויפגעריכט! מיין נעקסט־דאָריקעס מאַן האָט אַנומלט געוואָטשט מיט אונז צוזאַמען אַ קוויז־שאָו, האָט איר געדאַרפט זען, ווי דער פּאַרשוין, — אַ גאָרנישט שב׳גאָרנישט — האָט געענטפערט אויף יעדער פראַגע. ווען ער זיצט דעמאָלט אין סטודיאָ, וואָלט ער אַוועקגעגאַנגען מיט אַ פאָרטשון. און מיינער איז געזעסן ביים סקרין ווי אַ גולם, און אפילו נישט געקאָנט געווינען קיין נאַרישע וואַש־מאַשין!

אַזוי איז ער אַ גאַנץ וואוילער מענטש, מיין מאַן, אָבער נישט קיין גרויסער חכם! די איינציקע קלוגע זאַך, וואָס ער האָט אין זיין לעבן געטאָן, איז דאָס וואָס ער האָט מיט מיר חתונה געהאַט! אָבער אפילו דאָס איז נישט געווען זיין איינפאַל, נאָר — מיינער!

נאָט אייך, מ׳רופט שוין צום עסן. קומט, מיסעס קעץ, לאָמיר אַריינגיין עפּעס פאַרזוכן!

אַ ראָמאַנטישע באַגעגעניש

איר האָט אַ פּאָר מינוט
צייט, מיסעס ברייטהאַרץ, וועל איך אייך דערציילן אַ סטאָרי, וואָס האָט מיט מיר אַנומלט פּאַסירט אין אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר. אַ סטאָרי? — אַ רעגעלע אָנשיקעניש!

אַז איך קום אין אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר, האָב איך אַ טבע צו גיין פון אונטן ביז אויבן. איך הויב אָן אין בעיסמענט, און ענדיק ביים דאַך. ס׳וואָלט נישט געווען קיין דאַך, וואָלט איך געגאַנגען נאָך העכער!

קום איך אַנומלט אַריין אין דעפּאַרטמענט פון העטס, און טרעף דאָרט קעפּ אויף קעפּ, — אַלע ווייבער מעסטן. האָב איך אויך גענומען מעסטן. מיט וואָס איז מיין קאָפּ ערגער פון זייערע קעפּ? קויפן, קויף איך נישט, — לאָמיך כאָטש מעסטן!

קוק איך אַריין אין שפּיגל און זע, ווי נישט וווייט פון מיר שטייט אַ מאַנסביל — אַ קראַסאַוויעץ, אַ רעגעלער מואווי־סטאַר, און קוקט אויף מיר.

טראַכט איך מיר: אַ מאַנסביל קוקט אויף מיר, — זאָל ער קוקן! מסתמא זעט ער דאָך, אַז עס איז דאָ אויף וואָס צו קוקן!

האָב איך אָנגעמאָסטן אַלע העטס, און ווען ס'איז שוין נישט געווען וואָס צו מעסטן, האָב איך איבערגעלאָזט די העטס און בין אַריין אין אַן אַנדער דעפּאַרטמענט, — אין דעפּאַרטמענט פון דזשולערי.

האָב איך געזען דאָרט אַ שנירעלע טייערע פּערל. אַזוי טייער, אַז זיי זיינען נישט פאַר מיין באַדזשעט, אָבער פאַר מיין האַלז זיינען זיי דאָך! האָב איך זיי אָנגעמאָסטן אויפן האַלז. קויפן קויף איך נישט, — לאָמיך כאָטש מעסטן.

קוק איך אַזוי אַריין אין שפּיגל, און וועמען, מיינט איר, דערזע איך? — דעם זעלבן קראַסאַוויעץ. איך זע, ווי ער קוקט אויף מיר און עסט מיך מיט די אויגן!...

דאָ האָב איך שוין אָנגעהויבן צו פאַרדאַכטן, אַז די מעשה איז נישט גלאַטיק.

מילא, פריער ביי די העטס, ווען ער האָט מיר געקוקט אויפן קאָפּ, — האָב איך געשוויגן און אים געלאָזט קוקן. אָבער אַז דער פאַרשוין קוקט מיר שוין אויפן האַלז אויך, מיינט ער דאָך ערנסט. נישט אַנדערש נאָר ער האָט געוואָרפן אויף מיר אַן אויג!

אויב אַזוי, — זאָג איך, — וועל איך שוין איבערלאָזן די דזשולערי און אַריינגיין צו דער קאָסמעטיק. לאָמיך זען, ווי ווייט זיין חוצפה דער־גייט!

און אַזוי גייענדיק, נעם איך שוין, אין מיין קאָפּ, צעלייגן דעם גאַנצן ראָמאַן אויף קליינגעלט:

וואָס האָט ער דערזען אין מיר? וואָס האָט ער געוואָרפן אויף מיר אַן אויג? וואָס בין איך די גרויסע קראַסאַוויצע? כ'וואָלט נאָך פאַרשטאַנען ווען אַזאַ איינער וואָלט מיר נאָכגעקראָכן מיט צען יאָר צוריק, ווען כ'בין געווען מיט אַ פּופצן יאָר איִנגער. אָבער — נישט היינט!

דעמאָלט האָב איך געהאַט שוואַרצע, גליענדיקע אויגן, אַ קאָפּ מיט געקרייזלטע לאָקן, — ס'איז געווען וואָס נאָכצוקריכן. פאַר די בלויזע לאָקן זיינען דעמאָלט די מענער געגאַנגען פאַר מיר די כפּרה! אָבער היינט?...

קום איך אַזוי אַריין אין דעפּאַרטמענט פון קאָסמעטיק און נעם באַ־קוקן אַ פלעשל פּערפיום. קויפן, קויף איך נישט, — לאָמיך כאָטש באַקוקן! דערנאָך גיב איך מיך אַ דריי־אויס, און מאַינד יו, מיסעס ברייטהאַרץ, איך דערזע דעם זעלבן פּאַרשוין שטיין פונדערווייטנס. ער קוקט, און לאָזט נישט אַראָפּ פון מיר קיין אויג.

דאָ האָב איך שוין געזען, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז ער איז דער אמת׳ער נאָמבער! ער קומט ספּעציעל אַהער צו פאַרדרייען די קעפּ ביי נאַאיווע פרויען. אַזאַ איינעם דאַרף מען, איין מאָל פאַר אַלעמאָל, לערנען אַ לעסאָן.

טראַכט איך: כ׳וועל צוגיין און אים אַ זאָג־טאָן קורץ און שאַרף:

„מיסטער, וואָס קריכט איר מיר נאָך די גאַנצע צייט? וואָס עפּעס לאָזט איר נישט אַראָפּ קיין אויג פון מיר? וואָס מיינט איר, איך בין אַ קאַלעדזש־מיידעלע?! איך בין אַ פאַרהייראַטע פרוי! איך האָב אַ זון, וואָס איז שוין אַזוי גרויס ווי איר! און כ׳האָב אַן אײדעם, וואָס איז מיט אַ קאָפּ גרעסער פון אייך! איז אויב איר ווילט נישט, מ׳זאָל אייך אַרויסטראָגן פון דאַנען, זאָלט איר זיך בעסער אַליין אָפּטראָגן און אויפ־הערן וואַרפן אויגן צו אַ מאַמע פון קינדער. איר הערט?!"

און אַזוי ווי איך וויל שוין צוגיין צו אים, ווערט ער מיר פאַר־שוואונדן פון אונטער דער האַנט, אויסגערונען ווי אין וואַסער אַריין!

בין איך נאָך מער בייז געוואָרן. דער פּאַרשוין האָט זיך מסתמא באַהאַלטן צווישן עולם, און קוקט פון ערגיץ אויף מיר. וואָס עפּעס שפּילן זיך מיט מיר אין באַהעלטעניש?! איך וועל אים אויפזוכן!

און כ׳האָב אים אויפגעזוכט!

ער האָט שפּאַצירט לאַנגזאַם צווישן עולם, און זיך געמאַכט תמ׳עוואַטע.

אַזוי תמ׳עוואַטע, ווי ער מיינט גאָרניט מיך!

לאָז איך אים שוין נישט אַראָפּ פון אויג.

ער שפּאַצירט, — איך שפּאַציר הינטער אים.

ער שטעלט זיך אָפּ, — איך שטעל מיך אויך אָפּ.

מ׳וועט זען, — זאָג איך, — ווער פון אונז ביידע עס וועט דאָ מיד ווערן! איך וועל אים איין מאָל פאַר אַלעמאָל — אָנלערנען!

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מיסעס ברייטהאַרץ, כ׳בין אים נאָכגעקראָכן

מ. גודעלמאַן

אַ שיינע פּאָר שעה, ביז דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, און מ׳האָט שוין געהאַלטן ביים שליסן דעם סטאָר.

מיט וואָס האָט זיך עס געענדיקט? — פרעגט בעסער נישט!

ווען כ׳בין אַהיימגעקומען, בין איך געווען אויס־מענטש.

עס האָט מיך נישט געאַרט, וואָס כ׳בין אַהיימגעקומען מיט ליידיקע הענט, — כ׳האָב גאָרנישט געקויפט.

עס האָט מיך אָבער געאַרט, וואָס כ׳בין אַהיימגעקומען מיט געשוואָלענע פיס.

ווער זאָל וויסן, אַז כ׳בין די גאַנצע צייט נאָכגעקראָכן דעם דעטעקטיוו פון דעפּאַרטמענט־סטאָר?!

אוי, וואָס מענער זיינען!

„גאָלדענע בערג"

זאָגן די הימאַלאַיען־בערג צו די קעטסקיל־בערג:
„מיר זענען עלטער און גרעסער און מעכ־טיקער פון אייך. טאָ ווי קומט עס, וואָס איר האָט געמאַכט אַ גרעסערע קאַריערע פון אונז?!"

שונא נומער איינס
פון וואַקאַציע

אַזאַ מענטש ווי איך, טאָר נישט פאָרן אויף וואַקאַציע!

איך האָב דאָרט נישט וואָס צו טאָן. אָבער טאָקע גאָ־אָ־ר־נישט!

אין קאָרטן שפּיל איך נישט. קאָרטן — דאָס איז פאַר לייכטע קעפּ און פאַר שווערע קעשענעס!

שלאָפן בייטאָג? — דאַרף מען דאָך קאָנען! אַז איך שלאָף בייטאָג, קאָן איך שוין נישט שלאָפן ביינאַכט. ווער וועט פאַר מיר שלאָפן ביי־נאַכט? איר וועט פאַר מיר שלאָפן?!

שמועסן מיט מענטשן? — אדרבא, וועגן וואָס זאָל אַזאַ שטייגער מענטש ווי איך שמועסן מיט מענטשן? וועגן פּאָליטיק? — ס'איז נישט

מיין לאַיִן! איך מאַך זיפּערס, און זיפּערס האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט פּאָליטיק!

שמועסן וועגן ליבע? — זייט איר אַ בריה און שמועסט וועגן ליבע, ווען איר פאָרט אויף וואַקאַציע צוזאַמען מיט אייער ווייב!

שמועסן וועגן קאַלטשור? — איך ריר מיך נישט צו דערצו! כ׳האָב מיך שוין געזנוג אָפּגעבריט. כ׳האָב אַמאָל אַריינגעוואָרפן צווישן מענטשן אַ וואָרט וועגן שעקספּירן, האָב איך מיך אַ גאַנצע וואָך נישט געקאָנט ריינוואַשן. און אַלץ — מיין גרויס מויל! כ׳האָב מיך געהאַט אַרויסגע־כאַפּט, אַז שעקספּיר וואוינט אויף מיין בלאָק, האָט מען מיך געוואָלט ממית׳ן. ווער זאָל וויסן, אַז ער האָט געמופט?!

וועט איר אפשר זאָגן, כ׳זאָל לייענען אַ בוך, — האָט איר נישט גע־טראָפן ס׳אָרט! איר וועט ביי מיר נישט פּועל׳ן, כ׳זאָל מיך אָוועקזעצן און באַגראָבן צייט מיט לייענען ביכער! כ׳האָב שוין אַמאָל פּרובירט, און ס׳איז נישט געגאַנגען! אַדורכגעלייענט אַ פּאָר זייטלעך אַהינוועגס און צוריקוועגס, עס האָט זיך נישט געקלעפּט! איך זאָג נישט, חלילה, אַז דער שרייבער איז שולדיק. ווען דער שרייבער זאָל אַפילו האָבן אַ פילאָ־זאָפישן קאָפּ, — אַ קאָפּ פון בלויז אַטאָם און האַידראָזשען, — קאָן ער מיר אויך נישט צוטרעפן מיט זיין שרייבעכץ! אים ליגט אין קאָפּ עפּעס אַנדערש, און מיר ליגט אין קאָפּ עפּעס אַנדערש. מיר זיינען צוויי באַ־זונדערע וועלטן!

איז אויב איך שפּיל נישט אין קאָרטן, און שמועס נישט מיט מענטשן, און כאַפּ נישט קיין דרימל, און לייען נישט קיין בוך, טאָ וואָס־זשע זאָל אַזאַ שטייגער מענטש, ווי איך, טאָן אויף וואַקאַציע? בלייבט מיר, הייסט עס, איבער בלויז דער טייך מיטן ביטש מיט דער זון, אַיאָ?! — בין איך אָבער אַ שונא פון אָט־די אַלע דריי זאַכן!

אויפן ביטש גיי איך נישט, — כ׳האָב פיינט די זון.

ביי מיר איז דער עיקר דער זומער, און נישט די זון.

דעם טייך נוץ איך נישט, ווייל איך האָב פיינט וואַסער. כ׳בין קיינ־מאָל נישט געווען קיין גרויסער חסיד פון באָדן זיך און פון שווימען.

איך האָב נאָך, למשל, האַיאָר נישט געמאַכט קיין שהחיינו איבערן

טייך. איך האָב נאָך, ווי מ׳זאָגט, נישט איינגעטונקען דעם פוס אין קאַלטן וואַסער.

פון מיין באַנגאַלאָו ביז צום טייך איז בלויז עטלעכע שפּאַן, און פונ־דעסטוועגן האָב איך מיך נאָך נישט געבאָדן, כ׳בין נאָך נישט געשוואומען און אַפילו נישט פּרובירט צו כאַפּן אַ פישל.

אמת, עס זיינען נישטאָ דאָרט קיין פיש, אָבער אַפילו ווען עס וואָלטן יאָ געווען פיש, וואָלט איך זיי אויך נישט געכאַפּט.

זייט מיך נישט חושד, אַז איך מייד אויס דעם טייך דערפאַר, ווייל ער איז קליין און אָרעם. אָרעמקייט איז נישט קיין שאַנדע. נישט יעדער טייך איז מחויב צו זיין אַ ים. אַ ים איז אַ ים, און אַ טייך איז אַ טייך!

און אויב איך יוז נישט דעם טייך, איז עס פּשוט דערפאַר, — כ׳וועל מיך גאָרנישט שעמען פאַר אייך, — ווייל איך געהער נישט צו די גרויסע העלדן. און אַחוץ דעם, וואָס כ׳בין נישט קיין העלד — בין איך אַ שטיקל פּחדן אויך! איך וויל נישט ריזיקירן! אין אַ טייך ווייסט מען שטענדיק ווען מ׳גייט אַריין, אָבער ווען מ׳גייט אַרויס, ווייסט מען קיינ־מאָל נישט!

ווער גיט מיר די גאַראַנטיע, אַז כ׳גיי אַריין, און כ׳וועל אַרויסקומען בשלום? אומגעריכט קאָן מיר אַנטקעגנקומען אַ כוואַליע, מיך אָוועקטראָגן און מיך שוין מער נישט צוריקברענגען.

אמת, אין אונזער טייך זעט מען נישט קיין כוואַליעס. ס׳וואַסער זשיפּעט קוים. ס׳גייען אַפילו אַרום קלאַנגען, אַז עס איז אַ שטייענדיק וואַסער. אָבער כ׳וויל נישט נעמען קיין שאַנס. אויף מיין שלימ׳מזל קאָן ס׳טייכל אָנהויבן צו שטראָמען גראָד דעמאָלט, ווען איך שטעק אַריין אַ פוס און טראָג מיך אַרום מיט געדאַנקען זיך צו באָדן!

און שווימען דאַרף איך אויך נישט. אַחוץ דעם, וואָס איך קאָן נישט, דאַרף איך עס נישט.

אַנשטאָט צו שווימען לענג־אויס מיטן ברעג, גיי איך בעסער צו־פוס מיט דער יבשה. ס׳איז שנעלער און זיכערער. אַלע זאָגן אַפילו, אַז ס׳וואַסער איז נישט טיף. עס דערגייט בלויז ביז צו דער קני. אָבער אַפילו ביז צו די קני, וויל איך אויך נישט ריזיקירן.

ביי מיר איז ביז צו דער קני פּונקט אַזוי טייער, ווי העכער פון דער קני!

און ׳שיפּלען זיך, מיינט איר, איז בעסער? דאָס איז אויך אַ שפּיל פאַרן טייוול!

וואָס טו איך, די שעה זאָל נישט זיין, די לופט גיט אַ בלאָז, דאָס ׳שיפּל גיט זיך אַ קער איבער, און איך גיב אַ פאַל אַרויף אויפן וואַסער צי אויפן זאַמד און הויב מיך אָן צו טרינקען? איר ווייסט כאָטש, וואָס עס הייסט טרינקען זיך? — ערגער ווי סמ׳ען זיך!

אין אַזאַ מעמד איז מען אַן אָפּגעקאָכטער. כאָטש נעם און מאַך אַ געוואַלד, אַז ווילד־פרעמדע מענטשן זאָלן אייך קומען ראַטעווען. און וואָס עס הייסט אָנקומען צו פרעמדע מענטשן נאָך הילף, דאָס ווייסט איר דאָך. ס׳גאַנצע לעבן וועט איר אייך נישט קאָנען אויסקויפן צוליבן שטיקל טובה, וואָס יענער האָט אייך געטאָן און אַרויסגעצויגן פון וואַסער.

און דערפאַר זאָג איך, אַז אַזאַ שטייגער מענטש, ווי איך, האָט אויף וואַקאַציע גאָרנישט וואָס צו טאָן, אַחוץ משוגע ווערן פון ליידיק גיין.

איז אויב שוין יאָ משוגע ווערן, וואָס דאַרף איך משוגע ווערן אין דער פרעמד?!

איז דאָך שוין אַ סך בעסער משוגע צו ווערן אינדערהיים, צווישן אייגענע. ווער מיר גוטס גינט!

אײדעלע געסט

הערט אַן עצה פֿון אַן אָפּגעבריטן:

אויב עס וועט אײַך עמיצער רעקאָמענדירן אַ האָטעל מיט גוטע זיטן און שײנע מאַניערן, זאָלט איר אַנטלױפֿן, װי פֿאַר פֿײַער, — עס איז נישט פֿאַר אײַך!

אוודאי איז גוט, װען איר טרעפֿט אַרײַן אין אַ האָטעל מיט העפֿלעכע און אײדעלע געסט. אָבער טאָמער, חלילה, טרעפֿט איר אין אַ פּלאַץ, װאו ס'איז צו־אײדל און צו־העפֿלעך — זענט איר אַן אָפּגעקאָכטער!

האָט איר שוין געהערט, אַז אַכט האָטעל־געסט זאָלן זיך אַװעקזעצן עסן בײַ אײן טיש, און — צוליב העפֿלעכקײט און אײדלקײט, — זאָל אײנער צום צװײטן נישט אַרױסרעדן אַ װאָרט?!

נישט פֿאַר אײַך אָנגעצײכנט, — איך בין אַרײַנגעפֿאַלן אין אַזאַ האָטעל!

בײַ יעדן מאָלצײַט האָבן זיך אַכט מענטשן אַװעקגעזעצט בײַם טיש — שװײַגן. ביז דער קעלנער איז צוגעקומען, האָט מען נישט אַרױסגערעדט קײן װאָרט. מ'האָט בלױז געאָטעמט. און געאָטעמט האָט מען אויך זײער

איידל. אַזוי איידל געאָטעמט, אַז עס זאָל קיינעם ביים טיש נישט פאַר־דריסן.

אַ טויטער טיש. שטיל, ווי אויף אַ בית עולם, ווען ס׳איז נישטאָ קיין לוויה!

אַ שטיקל אויפלעבונג איז געקומען בלויז דעמאָלט, ווען עמיצער ביים טיש האָט געגנאָסן. האָט זיך אָנגעהויבן אַ צאַרטע ווינשערייי — „געזונטהייט!“, און נאָכן „געזונטהייט!“, איז ווידער שטיל געוואָרן!

ווען ס׳איז געקומען צום עסן, האָט מען זיך שוין יאָ אַרויסגעהאָלפן מיט רעדן. אָבער גערעדט האָט מען בלויז וועגן דרינגנדע פּראָבלעמען, — וועגן דערלאַנגען דאָס זאַלץ, דעם צוקער און אַנדערע אַרטיקלען פון ערשטן געברויך.

געוויינלעך פירט זיך ביי יעדן דורכשניטלעכן טיש, אַז ווען מ׳קאָן נישט אַליין דערלאַנגען צום צוקער, זאָגט מען צום שכן: „פּליז, גיט מיר דעם צוקער“. אָבער ביי אונזער טיש האָט מען זיך נישט דערלויבט אויף אַזאַ זאָג. אַז איינער האָט געוואָלט דעם צוקער, האָט ער זיך אויף אַן איידעלן אופן געווענדעט צום שכן: „מיסטער בי., זאָל אייך נישט פאַרדריסן, וואָס איך גיי אייך באַדערן. זייט מיר טויזנט מאָל מוחל פאַר מיין דרייסטקייט. איך נעם מיר די פּריווילעגיע אייך צו בעטן, אויב ס׳איז אייך נישט שווער, און אויב ס׳וועט אייך נישט פאַרשאַפן קיין טראָבל, — מיר צו דערלאַנגען דעם צוקער, וואָס געפינט זיך דאָרט רעכטס, נעבן אייך אין ווינקל. טהענק יו סאָ מאַטש. גאד בלעס יו, מיסטער בי!“

פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז מיר שוין מער ניחא געווען צו טרינקען ביטערע טיי, איידער צו דאַרפן אָנקומען נאָכן צוקער, מיט דער הילף פון אַזאַ רעפעראַט.

און מיט וואָסער איידלקייט מיינע טיש־שכנים האָבן גערעדט צום קעלנער? — ווי דורך אַ זיידן טיכל!

אוודאי דאַרף מען רעדן איידל. אָבער וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז מ׳זאָל זאָגן „טהענק יו“, ווען אַ קעלנער באַגיסט אייך די הויזן מיט הייסן באָרשט?!

און וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ קעלנער באַשפּריצט אייער נייעם זיידענעם קראַוואַט מיט סמעטענע, זאָלט איר נאָך טרייסטן דעם

קעלנער און אים זאָגן: „נעוועך מאַינד, דער קראַוואַט איז אַן אַלטער, — כ׳האָב אים שוין סייווי געוואָלט אַרויסוואַרפן!“

און נאָר ביים טיש? — ביי יעדער געלעגנהייט האָב איך געדאַרפט באַלייגן אַן עקזאַמען פון העפלעכקייט און איידלקייט.

איך האָב געוואוינט אין איין צימער מיט אַן איידעלן שכן. די איידלקייט אַליין. אָבער איין חסרון: ער האָט געשנאָרכט ביינאַכט.

האָב איך צוליב זיין שנאָרכן נישט געקאָנט שלאָפן.

אין אַן אַנדער האָטעל, וואו די איידלקייט שפּילט נישט אַזאַ גרויסע ראָלע, וואָלט מען שוין געפינען אַן עצה אים שטיל צו מאַכן. אָדער מ׳וואָלט אים, בעתן שנאָרכן, אַרויפגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער אויפן פּנים אָדער — מ׳וואָלט צוגעוואָרט ביז אינדערפרי און אים געהייסן פאַרפּאַקן די טשעמאָדאַנעס און גיין שנאָרכן ערגיץ אַנדערש.

אָבער אין אַ האָטעל מיט שיינע מאַניערן און גוטע זיטן, קאָן מען נישט האַנדלען אַזוי גראָב. מ׳דאַרף רעדן צו אַזאַ איינעם איידל, מיט גוטן.

„איך פאַרלאַנג נישט, חלילה, פון אייך, — האָב איך אים געזאָגט. — אַז איר זאָלט אויפהערן אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט צו שנאָרכן. וואָס איך וויל, איז: איר זאָלט אייך באַמיען צו שנאָרכן עטוואָס שטילער. איר וועט דערפון פאַרלירן אַ קלייניקייט, און איך וועל דערפון געניסן — אַ סך!“

און איר האָט געדאַרפט הערן, ווי דער זעלבער איידעלער שכן האָט געזידלט אַן אַנדערן איידעלן גאַסט.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן פאַרן אויסדרוק, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צום צווייטן גאַסט, — איר זענט אַ זשוליק!

— אויב אַזוי, — האָט זיך אָנגערופן דער צווייטער, — בעט איך אייך, נעמט נישט פאַר אומגוט און האָט נישט קיין פאַראיבל, אויב איך גיי אייך זאָגן, אַז כ׳וויל אייך נישט קענען!

איך ווייס נאָך ביז איצט נישט, צוליב וואָס זיי האָבן זיך געזידלט. איך ווייס בלויז, אַז ביידע האָבן אַרויסגעוויזן אַ מאַסע איידלקייט, כדי עס זאָל נישט קומען דערצו, איינער דעם צווייטן זאָל דאַרפן באַליידיקן.

אין אָוונט, ביי די ענטערטעינמענטס, האָט מען נאָך מער געקאָנט אָנטאַפּן די איידלקייט.

אַ זינגערין האָט אָפּגע׳הרג׳עט אַן אַריע, און דער גאַנצער עולם האָט גענומען פּאַטשן בראַוואָ, און שרייען „ביס״.

האָב איך תמ׳עוואַטע אַ פרעג־געטאָן דעם שכן, וואָס איז געזעסן נעבן מיר:

— זי געפעלט אייך?

אַזאַ מזל אויף איר, ווי זי האָט געזונגען! זי האָט נישט די מינדסטע אַנונג!

— טאָ פאַרוואָס פּאַטשט איר בראַוואָ?

— איינס קומט נישט צום צווייטן! זי האָט אַ ברירה נישט צו קאָנען זינגען, אָבער איך דאַרף זיין איידל און העפלעך!

— איך קאָן נאָך, — זאָג איך — פאַרשטיין, ווען איר פּאַטשט בראַוואָ, אָבער פאַרוואָס שרייט איר „ביס״?

— דאָס נעם איך אַ טשענס, — אפשר וועט זי ס׳צווייטע ליד בעסער זינגען!

נאָך עטלעכע טעג האָבן איך מיך אַזוי אָנגעזאָפּט מיט די גוטע זיטן און שיינע מאַניערן פון האָטעל, אַז ס׳האָט שוין געהאַלטן דערביי, כ׳זאָל מיר אַליין זאָגן „העלאָו״ ביים אויפהויבן זיך אינדערפרי פון שלאָף; און ס׳האָט געפעלט אַ האָר, כ׳זאָל מיר אַליין זאָגן „עקסקיוז מי״, ווען כ׳האָב מיר אַביסל צעשניטן דאָס פנים ביים ראַזירן.

די איידעלע אַטמאָספערע האָט מיך שוין אַזוי ווייט אַרויסגעפירט פון די כלים, אַז כ׳האָב איין מאָל אָוועקגערופן דעם מענעדזשער און אים געזאָגט:

— כ׳בעט אייך, טוט מיר אַ טובה און זעצט מיך אַוועק ביי אַ טיש מיט גרעבערע געסט!

— כ׳וואָלט עס געטאָן מיט פאַרגעניגן, — האָט דער באַלעבאָס מיר איידל געענטפערט, — אָבער ס׳איז אוממעגלעך, ווייל מיר האָבן בלויז איידעלע געסט! געווען דאָ איין גראָבהויטיקער גאַסט, אַ שטיקל כאַמולע, איז ער שוין אויך נישטאָ. אונזערע איידעלע געסט האָבן אים יענע וואָך, צו זיין אַוועקפאָרן, געמאַכט אַ באַנקעט!

ער האָט ליב די נאַטור

די ערשטע זאַך, וואָס מיך אינטערעסירט, ווען כ׳פאָר אויף וואַקאַציע, איז — די נאַטור!

איך האָב ליב אַ בוים, אַ בלום, אַ זון, אַ לבנה, אַ הימל, — אַלץ, וואָס איז אויסגעאַרבעט דורך געטלעכע כוחות, און נישט — דורך פּריוואַטע איניציאַטיוו.

איך האָב מיר אויסגעזוכט אַ האָטעל, וואָס שטייט נאָענט צו דער נאַטור. אויף אַ בערגל.

ווען איר שטייט אויפן בערגל און קוקט אַראָפּ צו דער וועלט, זעט איר, אַז גאָט איז אַ זשעני. דאָס, וואָס ער מאַכט, וועט קיינער נישט מאַכן. ער איז איינער אויפן מאַרק. ער איז קאָנקורענצלאָז!

ווען מען נעמט מיר אַוועק ס׳בערגל פון אונטערן האָטעל, ווייס איך נישט, צי כ׳וואָלט דאָרט געשטאַנען אַפילו איין טאָג.

דאָס בערגל פאַר׳כישופ׳ט מיך אַזוי, אַז איך פאַרגעס אָן אַלע חסרונות פון האָטעל.

און חסרונות פעלן נישט!

דער ער׳שטער חסרון איז דאָס, וואָס דאָס בערגל שטייט אין דער הויך.

אַז מ׳וויל גיין צום טייך זיך באָדן, מוז מען אַראָפּקריכן פון בערגל. דערנאָך, ווען מען האָט זיך שוין אָפּגעבאָדן, וויל מען דאָך נישט בלייבן אונטן, — מוז מען ווידער צוריק אַרויפקריכן.

און אַז מען קריכט שוין אַרויף, קומט אייך אַנטקעגן אַ הונט. דער הונט האָט אַ טבע, אַז ער בייסט. ער בייסט נישט קיין סך, אָבער ער בייסט גוט. זיין איין ביס איז שטאַרקער, ווי פינף ביס פון אַן אַנדער הונט. אייגנטלעך בייסט ער נאָר פרעמדע געסט פון פרעמדע האָטעלן. אָבער ביז ער געוואוינט זיך צו צו די אייגענע געסט, בייסט ער דערווייל די אייגענע.

נאָך אַ חסרון פון האָטעל איז — די סביבה. אַ ביטערע סביבה!

איך זוך אַרום צווישן די געסט פון האָטעל נאָך עמעצן פון מיין שניט, וואָס זאָל זיין פאַרליבט אין דער נאַטור, געפין איך נישט!

איינער איז אַריינגעטאָן אין עסן, אַ צווייטער — אין טאַנצן, אַ דריטער — אין פינאַקל, און אין דער נאַטור איז קיינער פון זיי נישט אַריינגעטאָן. אַזוי ווי ס׳וואָלט אינגאַנצן אין דער נאַטור קיין נאַטור נישט געווען. און ווייז איך זיי ס׳בערגל, זאָגן זיי, אַז זיי האָבן ס׳בערגל אין דר׳ערד!

שוין געהאַט עטלעכע אינצידענטן מיטן עולם.

ביי מיין טיש האָט מיך אַ גאַסט אויפגערעגט. אַ מענטש האָט אַ כוח צו זאָגן, אַז די וועדזשעטעיבל־זופּ ׳שמעקט אים נישט. האָב איך גענומען מיט דעם גאַסט איינ׳טענה׳ן:

— מיסטער, ווען איר וואָלט געשטאַנען נאָענט צו דער נאַטור, וואָלט איר נישט געזאָגט דאָס וואָס איר האָט איצט געזאָגט! אַ וועדזשעטעיבל־זופּ, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלע נאַטור שמעקט אייך נישט?! וואָס קאָן שלעכט זיין אַ זופּ, וואָס שמעקט מיט פעלד, מיט גראָז, מיט היי און נאָך אַזעלכע געטלעכע געוויקסן?! אַפילו אַזאַ זופּ זאָל שלעכט זיין, איז זי אויך גוט!

האָט דער פאַרשוין קאַלט אויסגעהערט, וואָס איך רעד צו אים, און ווען כ׳האָב געענדיקט, האָט ער אַרויסגענומען אַ וויזיט־קאַרטע, מיר

דערלאַנגט און געזאָגט, אַז ווען כ׳וועל זיין אין ניו־יאָרק, זאָל איך מיך צו אים אַריינכאַפּן.

גיי וויס, אַז גראָד איז דער פּאַרשוין אַ פּסיכיאַטער!

כ׳האָב שוין אויך געהאַט אַ שטיקל סקאַנדאַל ביי אַ קאָרטן־טישל.

ס׳האָט מיך אַ ברי־געטאָן, ווען כ׳האָב געזען, ווי געסט זיצן פאַרקאָכט ביי די קאָרטן, און פּטר׳ן אָן אָוונט ביי פּויקער און פּינאָקל.

בין איך צוגעגאַנגען צו אַ טישל און גענומען מוסר׳ן איינעם פון די שפּילערס:

„מיסטער, איר וועט מיר מוחל זיין, וואָס איך מיש מיך אַריין אין אייערע ביזנעס, אָבער איך קאָן מיך נישט באַהערשן! זאָגט אַליין, צי וואָלט נישט בעסער געווען, ווען איר גייט, אין אַזאַ געטלעכן אָוונט, אַרויס אינדרויסן, צו ציילן די שטערן אין הימל, אַנשטאָט צו זיצן דאָ און ציילן ס׳געלט?! פאָלגט מיך, גייט אַרויס אינדרויסן, — דער הימל רופט אייך!״

דאַכט זיך גערעדט גאַנץ מענטשלעך, אַיאָ?

אָבער דער פּאַרשוין איז געוואָרן אַזוי צעווילדעוועט, אַז ער האָט מיך געוואָלט איינשלינגען.

„צוליב אייער הימל מיט די שטערן״, — האָט ער גענומען אויף מיר שרייען, — „האָב איך איצט פאַרלוירן מיט דריי עיסעס!״

נו, גיי רעד מיט אַזאַ איינעם וועגן דער נאַטור!

און אַז ס׳איז מיר באַשערט געווען אַריינצוקריגן אַ שכן אין מיין צימער, אַ ביישלאָפער — האָב איך מיט אים אויך נישט געטראָפן.

באַלד אין ערשטן טאָג האָב איך געזען, אַז ער האָט מיט דער נאַטור גאָרנישט וואָס צו טאָן. אַן איגנאָראַמוס.

ווען כ׳האָב אַריינגעטאָן צוויי רויזן אין אַ גלאָז וואַסער, און אָוועק־געשטעלט ס׳גלאָז אויפן טיש, האָט עס אים אַזוי געטשעפּעט, ווי עס טשעפּעט אייך.

אַן אַנדערער אויף זיין אָרט, דו האָסט אין צימער צוויי עכטע בלומען פון גאָטס פעקטאָרי, צוויי גאָט־געבענטשטע אוצרות פון דער נאַטור, — נוץ אויס די געלעגנהייט און זאַפּ אין זיך איין דעם אַראָמאַט, אַנטציק זיך מיט די סודות פון דער נאַטור, שמעק וויפיל עס לאָזט זיך, — ניין, ער זעט נישט און הערט נישט און פילט נישט!

האָב איך גענומען און אים געוויזן דעם בוים, וואָס קוקט אַריין אין אונזער פענסטער:

„דער דאָזיקער בוים", — גיב איך אים צו פאַרשטיין, — „איז ווערט אַלע געלטער! דער בוים מאַכט פריילעך ס'צימער! צי הערט איר נישט, ווי דער בוים רעדט צו אונז מיט אַ בלעטערדיקער שפּראַך און מיט אַ צוויגנדיקן דיאַלעקט?! דער בוים מאַכט דאָך צאַפּלדיק ס'געמיט מיטן ווינטיקן גערויש פון גאָטס מוזיק! אַן עכטע סימפאָניע פון מלאכים!"

הערט ער אויס, וואָס איך רעד צו אים, און גיט מיר דערנאָך אַן ענטפער:

„דרייט מיר נישט קיין היטל מיט אייער בוים! לאָזט אַראָפּ די ראָ־לעטן, ביקאָוז איך לייד נישט, אַז אַ פרעמדער בוים קוקט מיר אַריין אין טעפּל!"

דריי טעג האָט מיר גענומען, ביז איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז דער בוים איז נישט קיין פרעמדער, נאָר — אַן אייגענער.

אויפן פערטן טאָג האָב איך שוין געטראָפן מיין שכן זיצן ביים פענ־סטער און קוקן אויפן בוים. האָב איך געקוואָלן ווען כ'האָב געזען, אַז מיינע רייד האָבן געהאָלפן, — ער הויבט ענדלעך אָן זיך צוזאַמענצו־וואַקסן מיט דער נאַטור!

„בראַוואָ, שכן!", — גיב איך אים אַ זאָג, — „ענדלעך זענט איר געעפאָנגען געוואָרן פון דער נאַטור!"

„נאַטור־שמאַטור!", — רופט ער זיך אָן, — „עס גייט מיר וועגן עפּעס אַנדערש! כ'האָב אויפגעהאַנגען אויפן בוים מיין סוועטער ער זאָל זיך אויסטריקענען, זיץ איך דאָ און היט אים, ער זאָל נישט אַראָפּפליען! זייט מוחל, כאַפּט מיר אַ בליק אויפן בוים, איך קום באַלד אַריין!"...

און אַזוי אַרום בין איך אין האָטעל דער איין און איינציקער נאַטור־פּאַטריאָט.

אַנומלט האָב איך זיך אַראָפּגעגליטשט פון בערגל און זיך אויסגעע־לענקט אַ האַנט. האָבן אַלע געסט מיך באַדויערט, און איך האָב גאָר גע־דאַרפט זיין דער, וואָס זאָל זיי טרייסטן:

„דאָס איז נישט", — האָב איך זיי געזאָגט, — „קיין שעדלעכער

קלאַפּ! ס׳איז אַ קלאַפּ פון דער נאַטור! איך מיט דער נאַטור בין איינס, — ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. און אויב די עלטערע שוועסטער גיט אַמאָל אַ קלאַפּ דעם אינגערן ברודער, איז זי נישט אויסן קיין שלעכטס, — זי מיינט דעם ברודערס טובה!״

איצט, ווי איר זעט, דריי איך מיך אַרום אין שטאָט מיט אַ באַנדאַ־זשירטער האַנט. און ווען איך כאַפּ אַ בליק אויפן באַנדאַזש מיטן גיפּס, זע איך פאַר די אויגן דעם כישוף פון דעם בערגל, פון דער נאַטור און פון דער גאַנצער אומגעגנט.

איך בין אַזוי פאַרליבט אין דער נאַטור, אַז איך בין גרייט אפילו פאַר איר זיך צו לאָזן אויסלענקן אַ האַנט!

אַזאַ נאַטור־פּאַטריאָט בין איך!

אַ האָטעל צו פֿאַרלירן וואָג

איך האָב מיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי איך זאָל מיך אַראָפּכאַפּן אויף עטלעכע טעג אינם דיעטע־האָטעל, וואָס אַ באַקאַנטער האָט מיר רעקאָמענדירט.

„אפֿילו דו דאַרפֿסט נישט", — האָט ער מיר געזאָגט, — „פֿאַר־אַראָפּ און כאַפּ אַ בליק! ס'איז אַן אָריגינעלער האָטעל אויף צו פֿאַרלירן וואָג! מ'גיט דאָרט איין מאָל אין טאָג צו עסן, און פֿיר מאָל אין טאָג וועגט מען זיך! דו צאָלסט נישט דאָרט אויפֿן טאָג, נאָר — אויף דער וואָג! געסט, וואָס פֿאַרלירן אַ העלפֿט, פֿון אָנקומען ביז צום אַוועקפֿאָרן, באַקומען אַן עקסטראַ הנחה: צען פּראָצענט! פֿאָלג מיך, פֿאָר, — וועסט האָבן הנאה!"

ער האָט מיר געמאַכט אַזאַ חשק, אַז כ'האָב באַשלאָסן זיך אַראָפּצו־כאַפּן אויף עטלעכע טעג.

וואָס האָב איך צו פֿאַרלירן? — איך וועג סיי ווי נישט מער, ווי הונ־דערט און פֿיר פֿונט!

ווען כ'בין אַרײַנגעקומען אין דער לאָבי פֿון האָטעל, האָב איך דאָרט

געטראָפן זיך אַרומדרייען עטלעכע אויסגעדאַרטע מענטשן, — גייענדיקע שטעקנס.

איין שטעקן איז צו מיר צוגעקומען און זיך פאָרגעשטעלט:

— איך בין דער מענעדזשער פון האָטעל!

— און ווער, — פרעג איך, — זיינען די אַנדערע אויסגעצערטע מענטשן, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום?

— דאָס זיינען אונזערע אָנגעשטעלטע! אָנגעקומען אַהער זיינען זיי ווי געסט, גראָב און אויסגעפּאַשעט. אָבער נאָך עטלעכע חדשים פון אונ־זער קוראַציע, איז פון זיי געוואָרן דאָס, וואָס איר זעט. און איידער ס׳איז געוואָרן פון זיי גאָרנישט, האָבן מיר זיי אַנגאַזשירט, אַריינגענומען אין אונזער סטעף און זיי מאַכן איצט אַ שיין לעבן!

— און קיין געסט, — גיב איך אים אַ פרעג, — האָט איר נישט?

ער האָט אין זיך אַליין אַריינגעשמייכלט.

— עס פעלן אונז געסט?! אַזוי פיל פונט זאָלט איר פאַרלירן, וויפיל געסט מיר האָבן! אָבער אַזוי ווי זיי זיינען נאָך דערוויייל אַלע אויסגעפּאַ־שעט, האַלטן מיר זיי אָפּגעטיילט אין אַ באַזונדער צימער. אונזער פּאָ־ליסי איז, אַז אויסגעפּאַשעטע געסט דאַרפן זיך נישט וואַרפן אין די אויגן. גלייך נאָכדעם, ווי עס וועט אָנהויבן פון זיי צו פאַלן שטיקער, ברענגען מיר זיי אַריין דאָ אין פראָנט!

איך האָב מיך אַרומגעקוקט און געפרעגט:

— וואו איז דאָ דער עס־צימער?

כ׳האָב באַלד געזען, אַז די פראַגע מיינע האָט אים טיף באַליידיקט.

— זאָלט איר מיר געזונט זיין, — רופט ער זיך אָן, — איר קומט אין אַ האָטעל, וואו מען פאַרלירט וואָג, און איר זוכט אַן עס־צימער? וואָס מיינט איר, מיר זיינען פון יענע האָטעלכלעך, וואָס פּאַשען דעם עולם מיט פינף מאָלצייטן אַ טאָג?! ביי אונז עסט מען נישט, ביי אונז כאַפּט מען בלויז עפּעס איבער!

— ווען האָט מען ביי אייך לעצטנס איבערגעכאַפּט?

— נעכטן פאַרנאַכט!

— וואו, אויף וועלכן אָרט כאַפּט מען דאָ איבער?

— ס׳שפּילט אַ ראַלע? — וואו עס לאָזט זיך! מערסטנטייל כאַפּט מען איבער אין יענעם צימער דאָרט רעכטס!

— ס׳צימער, זע איך, האָט דאָך נישט קיין פענסטער?

— ספּעציעל אַזוי! וואָס דען האָט איר געוואָלט מיט אַלע באַקוועמ־לעכקייטן?! און דער עולם זאָל זיצן און עסן און זיך הייסן געבן נאָך אַ פּאָרציע?! ס׳איז געווען דאָרט אַ פענסטער, האָבן מיר עס פאַר־מויערט. אַז ס׳איז טונקל און ווייניק לופט, יאָגט עס אַרויס די געסט פון צימער!

— און אויב עס מאַכט זיך, אַ גאַסט האָט אַפּעטיט צום עסן?

— פאַרלאָזט אייך אויף אונז, מיר האָבן שוין אַלץ גוט אָרגאַניזירט. ערשטנס האַלטן מיר נישט קיין געסט, וואָס האָבן אַפּעטיט; און צווייטנס, מיר האָבן אַ סאָושל דירעקטאָר, וואָס זאָרגט שוין דערפאַר. ער פאַרווײלט אַזוי די געסט, אַז זיי זאָלן פאַרלירן דעם אַפּעטיט צום עסן!

— איז אויב נישט עסן, צו־וואָס האַלט איר קעלנערס?

— דאַרפן דאַרף מען זיי טאַקע נישט, אָבער פונדעסטוועגן האַלט מען זיי! זיי דרייען זיך ביי דער קיך, און גיבן אַכטונג אַז אַ גאַסט זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן מיט דער הינטער־טיר.

— צו־וואָס אייגנטלעך דאַרפט איר זיך דאָ פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט אַ קיך?

— בלויז צוליבן באַלעבאָס מיט דער פאַמיליע. זיי זיינען אַלע גרויסע עסערס!

— און אויב אַ גאַסט, — פרעג איך אים ווייטער, — ווערט קראַנק, האָט איר כאָטש דאָ אַ דאָקטאָר?

— שור! מיר האָבן אַ דאָקטאָר און אפילו אַ נורס אויך!

— מ׳קאָן זען דעם דאָקטאָר?

— ס׳איז נישטאָ וואָס צו זען! דער גאַנצער דאָקטאָר וועגט צוויי און ניינציק פונט!

— אַזוי ווייניק?

— ס׳איז נישט ווייניק! לויטן טשאַרטער פון אונזער האָטעל מעג דער דאָקטאָר וועגן נישט מער ווי אַכט און זיבעציק פונט! אָבער לאָמיר בעסער רעדן ביזנעס: ווי לאַנג ווילט איר ביי אונז שטיין?

— כ׳ווייס נישט, — ווי לאַנג די כוחות וועלן אויסהאַלטן. איך בין טאַקע דאַר, אָבער איך בין גאָר אַ גרויסער עסער!

— דאָס זאָל איך נישט אַרן! מיר האָבן שוין גרעסערע עסערס פון איך געפּיקסט! איר ווילט אַן איינצל־צימער, אָדער איר ווילט וואוינען מיט אַ שכן?

— ווער איז דער שכן?

— איר קאָנט איך אויסקלויבן! מיר האָבן אַ 200־פונטיקן און מיר האָבן אַ 250־פונטיקן!

— און וואָס איז דער אונטערשיד?

— כ׳זאָג דאָך איך, — אין פופציק פונט איז דער אונטערשייד!

— אַזעלכע דיקע שכנים?

— וואָס אַרט עס איך? איר קריגט פון מיר אַ גאַראַנטיע, אַז נאָך דער ערשטער וואָך וועט איר האָבן אַ האַלבן שכן!

אין מיטן אונזער שמועס האָב איך אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קענדי און מיר געוואָלט דערכאַפּן ס׳האַרץ.

דער מענעדזשער האָט מיר האַסטיק אַ כאַפּ־געטאָן ביי דער האַנט, ווי ער וואָלט געווען זיכער, אַז כ׳גיי שיסן:

— דערבאַרעמט איך, — זאָגט ער, — לאָזט אָפּ און עסט נישט איצט קיין קענדיס! רייסט נישט אויף ביי מענטשן די אויגן! צו־וואָס זיך רייצן? — זיי זיינען נאָך אַלע אויפן ניכטערן מאָגן! אַז איר וועט זיי דערמאָנען וועגן עסן, קאָן זיך אָנהויבן די אמתע חתונה! כל זמן איר זענט נאָך נישט רעגיסטרירט, קאָנט איר נאָך אַרויסגיין אינדרויסן און עסן די קענדי ווען קיינער זעט נישט!

איך האָב אים געפאָלגט. כ׳בין אַרויס אינדרויסן, אָבער מער שוין נישט צוריק אַריינגעקומען.

אויף טשיקאַגאָ האָב איך מיך אינדרויסן געוואויגן.

ווען כ׳האָב אַ קוק־געטאָן אויף דער וואָג, האָב איך מיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט: פונם בלויזן שמועס האָב איך פאַרלוירן אַנדערט־האַלבן פונט!

אַ הונט אויף וואַקאַציע

דאָס, וואָס איך גיי דאָ באַ־שרייבן, שטאַמט פון פּאַרלעסלעכע קוואַלן, — דאָס האָט מיר דערציילט דער האָטעל־באַלעבאָס גופא.

„ווען איך זאָל וויסן, — זאָגט ער, — אַז דער כלב וועט מיר מאַכן אַזאַ וויסטן חורבן אין די ביזנעס, — וואָלט איך אים איבער דער שוועל נישט אַריבערגעלאָזט. ער האָט מיר באַגראָבן אַ סעזאָן!

כ׳בין באַלעבאָס פון אַ קליין האָטעלכל. כ׳נעם קליינע פּרייזן און גיב קליינע פּאָרציעס. איך ווער נישט רייך, און די געסט עסן זיך נישט איבער. אַז אַ גאַסט וויל נאָך אַ פּאָרציע, קריגט ער. איך נעם אַראָפּ פון צווייטן גאַסט, און — ס׳גלייכט זיך אויס.

דער עיקר, די געסט זיינען העכסט צופרידן. זיי אַליין קומען טאַקע נישט נאָך אַמאָל, אָבער דערפאַר שיקן זיי מיר אַנדערע געסט.

מאַכט זיך אַ מעשה, אין אָנהויב סעזאָן קומט אַריין אַ פּאָרפאָלק מיט אַ הונט. אַ באַלעבאַטישער הונט מיט אויערן.

גיט מיך דער מאַן אַ פרעג: „מ׳קאָן אפשר קריגן ביי איך אַ טאָפּלט צימער פאַר דריי?״

פרעג איך צוריק: „ווער איז דער דריטער?״

ווייזן זיי מיר אויפן הונט.

פרעג איך: „ווי לאַנג ווילט איר דאָ שטיין?״

זאָגן זיי: ס׳ווענדט זיך אַן הונט!

איז מיר געווען אַ שאָד אַרויסצולאָזן פון דער האַנט דריי קאָסטאָ־מערס, האָב איך געזאָגט:

„אָקעי, איך גיב איך אַ צימער, אָבער פאַרן הונט וועט איר דאַרפן צאָלן, — אַ הונט איז ביי מיר פונקט, ווי אַ גאַסט!״

און מיר זיינען דורכגעקומען מיטן פּרייז.

אָבער באַלד צומאָרגנס האָב איך געזען, אַז עס טויג נישט.

זיי האָבן מיר געהאַט איינגערעדט, אַז דער הונט איז אַ קנאַפּער עסער, און אויב כ׳וועל אים געבן אויף וועטשערע אַ ביין, וועל איך זיין ביים הונט אַ דזשענטלמען.

ווען ס׳איז געקומען צום ערשטן מאָלצייט, האָב איך געזען, אַז כ׳בין אַריינגעפאַלן מיט די ביינער. דער הונט איז אַ פרעסער. אַ זולל וסובא. וויפל מ׳גיט אים, איז ווייניק. ער עסט פאַר צען געסט.

ס׳איז טאַקע אמת, וואָס זיי האָבן געזאָגט, אַז דער הונט עסט ביי־נער. אָבער זיי האָבן מיר נישט געזאָגט, אַז דער הונט האָט ליב, אַז צו די ביינער זאָל זיך נאָכשלעפּן אַ סטעיק פון אַ צוויי־דריי פונט.

און אַ חוץ דעם האָב איך געזען, עס ווערט מיר אַ חורבן אין צוקער, אין האָניק און אין דער מאַרמעלאַד. אַ הונט — אַ נאַשער. שוין אַליין געגאַנגען צום פרידזשידעיר אויך. אויף אַ שפּאַציר, האָט ער זיך גע־הייסן פירן, אָבער צום פרידזשידעיר האָט ער אַליין געטראָפן!

האָב איך זיי געזאָגט: „ס׳טויג נישט! איך קאָן מיר נישט דערלויבן צו פאַשן אייער הונט! ער וועט מיך רואינירן! ער קאָן אויפעסן אַ האָ־טעל מיטן מאַרגעדזש צוזאַמען! פאַרוואָס האָט איר מיר פריער נישט געזאָגט, אַז דער הונט האָט אַזאַ הינטישן אַפּעטיט? אין צוויי טעג, איז אים דאָך צוגעקומען פיר פונט!

„וואָס דען האָט איר געמיינט, — רופט זיך אָן די פרוי, — אונזער הונט פאַסט תעניתים?!"

„אָבער, — זאָג איך, — ער איז דאָך אַ געפערלעכער נאַשער!"

„מילא, — זאָגט זי, — איז ער אַ נאַשער! איר גייט זיך מיט אים משדך־זיין?! איר גייט אים נעמען פאַר אַן איידעם?!"

הכלל, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, — זיי האָבן מיר עפּעס דערלייגט אויפן פּרייז, אַבי כ'זאָל באַהאַנדלען דעם הונט לייטיש, און כ'זאָל אים נישט קוקן אין מויל אַריין, ווען ער עסט.

אַן אַנדער כלב, דו זעסט מען באַהאַנדלט דיך, ווי אַ פּריץ, — מאַך אַ שוויַיג און ליג איינגעלייגט!

האָט ער אָבער גענומען קאָמאַנדעווען.

צוערשט איז ער געלעגן אונטערן טיש און געוואַרטשעט, אַזוי ווי איינער זאָגט: „די ווירטשאַפט געפעלט מיר נישט!"

האָב איך אים געלאָזט וואָרטשען. זאָל מיך דאַכטן אַ הונט בילט!

האָט ער געזען, אַז מען שוויַיגט, איז ער געוואָרן היימישער, און גענומען אַרומלויפן איבערן האָטעל און האַווקען. און אַלץ הייסט האַוו־קען? — ער האָט גענומען מאַכן אַזעלכע קולות, אַז אַלע הינט פון שכנות זיינען זיך צונויפגעקומען און געהאָלפן האַווקען.

האָבן די געסט גענומען פּראָטעסטירן. מ'האָט מיר פּשוט געשטעלט פאָדערונגען: אָדער — זיי, אָדער — דער הונט!

די גרעסטע קולות האָבן געמאַכט די געסט, וואָס שפּילן אין קאָרטן. דער הונט האָט זיי צעטומלט. ער האָט אַריינגעקוקט אין די קאָרטן און געהאַווקעט.

איין גאַסט, וואָס איז געשטאַנען פאַרשפּילט ביי פּינאָקל, איז אַריינ־געפאַלן אין אַזאַ ווילדן כעס, אַז ער האָט גענומען זידלען דעם הונט. ס'האָט געפעלט אַ האָר, אַז דער גאַסט זאָל אַ ביס־טאָן דעם הונט.

האָט דער הונט גאָרנישט צוריקגעענטפערט, נאָר בלויז געטאָן איין זאַך, — אַרויפגעשפּרונגען אויפן גאַסט, און אים צעריסן די הויזן! דאָס איז דער ערשטער פאַל, אַז אין מיין האָטעל זאָל מען אַ גאַסט צערייסן די הויזן.

בין איך צוגעלאָפן צו די באַלעבאַטים פון הונט און זיי געוואָרנט, אַז כ'וועל אַרויפשטעלן אויפן ביל — דעם גאַסט'ס הויזן.

האָט די באַלעבאָסטע זיך אָנגערופן:

„ס'גייט מיר נישט וועגן די הויזן, כ'וועל צאָלן, וויפל זיי קאָסטן! אָבער טראָגט נישט אַרום קיין בייז האַרץ אויפן הונט! ער איז נישט אַזאַ כלב, ווי ער זעט אויס! אין גרונט גענומען איז ער אַ גוטע נשמה! ער האַוועט נישט, חלילה, פון בייזקייט. ער האַוועט בלויז צוליבן טוישן דעם קלימאַט. יעדער הונט ווערט אויס מענטש, ווען ער קומט פון שטאָט אין קאַנטרי. איר וועט זען, ווי ער וועט זיך ענדערן נישט צום דער־קענען. איר וועט נאָך האָבן נחת פונם הונט!"

דער אמת איז, דער הונט האָט זיך טאַקע געענדערט, אָבער קיין נחת האָב איך פון אים נישט געהאַט.

נאָכדעם, ווי ער האָט אויפגעהערט צו רייסן הויזן, איז געקומען אַן אַנדער צרה!

ער האָט אָנגעהויבן אויסצוגיין אין די אָוונטן, און קלאַפּן אין טיר, — נאָך האַלבער נאַכט — אַז מ'זאָל אים עפענען!

און געקומען איז ער נישט אַליין, נאָר מיט קאָמפּאַני, — מיט נאָך הינט.

בין איך געלאָפן צו די באַלעבאַטים זיך באַקלאָגן, זיינען זיי אַרויס מיט אַ טענה, אַז איך מסר דעם הונט.

„אַנשטאָט, — זאָגן זיי, — צו מסר'ן דעם הונט, לאָמיר בעסער גע־פינען אַן עצה, ווי אַזוי אים צו פאַרגרינגערן ס'לעבן, ער זאָל נישט דאַרפן קלאַפּן ביינאַכט!"

זאָג איך זיי: „וואָסער עצה זאָל איך געפינען?! אפשר ווילט איר, כ'זאָל אים געבן אַ שליסל צו דער טיר?!"

דערווייל האָבן די געסט זיך גענומען בונטעווען און זיך איבערטראָגן אין אַנדערע האָטעלן.

האָב איך מיך אַרומגעזען, אַז ס'איז שלעכט. אויב כ'וועל נישט מאַכן אַ סוף, וועט קומען דערצו, אַז כ'וועל האָבן אין האָטעל מער הינט, ווי — געסט.

און דאָס פאָרפאָלק האָט זיך אַרומגעזען, אַז דער גאַנצער האָטעל

מיינער האָט פאַרלוירן דעם דרך ארץ צום הונט. מ׳האָט געוואָרפן אויף אים אַן אום־חן. מען באַליידיקט אים אויף שריט און טריט. ער וועט איינגיין פון גריזאָטע, און וועט נאָך קריגן אַ האַרץ־פעלער פון עגמת־נפש.

האָבן אַלע דריי געסט, — דאָס פאָרפאַלק מיטן הונט, — זיך איבער־געטראָגן אין אַן אַנדער האָטעל. ווי אַזוי מ׳האָט דאָרט אַריינגענומען דעם הונט, פאַרשטיי איך נישט. סיידן אפשר דורך פּראָטעקציע פון אַנדערע הינט.

אָבער ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, בין איך צופרידן, וואָס דער כלב כאָוועט זיך איצט ביים קאָנקורענט. זאָל ער אויך אַ ביסל פילן מיין טעם!

מ׳האָט מיר שוין אפילו אָפּגעגעבן אַ גרוס, אַז דער הונט איז גע־וואָרן אַ טאַטע פון זעקס קליינע הינטעלעך. — דאָס אַרט מיך נישט. נישט קיינעמס הינטישע ביזנעס!

אָבער אויפן הונט גופא פאַרדריסט מיך גוט.

וואָס איך האָב אַלץ נישט געטאָן פאַר אים. כ׳האָב אים געקעכלט און געצערטלט. כ׳האָב אים אַוועקגעגעבן דעם ביסן פון מויל. כ׳האָב אים געקויפט אַ האַלז־קייטל צום געבורטסטאָג. כ׳האָב באַשטעלט פאַר אים אַ קעיק. כ׳האָב מיך פאַר אים מקריב־געווען. כ׳האָב צוליב אים פאַר־נאַכלעסיקט אַלע אַנדערע געסט און זיך באַגראָבן אַ סעזאָן.

און איצט? — איצט ווען איך באַגעגן אים אויפן באָרדוואָרק, דרייט ער זיך פון מיר אַוועק, ווי אַ ווילד־פרעמדער. ער דערקענט מיך גאָר־נישט. אַזעלכע פאַרשטאָכענע אויגן האָט ער.

ס׳איז אמת, וואָס די וועלט זאָגט: אַ כלב בלייבט אַ כלב!״

טאָג־בוך פון אַ מאָסקיטאָ

כ׳ בין אַ מאָסקיטאָ פון דור־דורות. כ׳שטאַם פון אַ יחוס׳דיקער פאַמיליע. נאָך איידער מ׳האָט אויס־געטראַכט עראָפּלאַנען, איז מיין משפחה שוין געפלויגן. אַ פלי דאָ, אַ פלי — דאָרט, און מען מאַכט אַ לעבן. קיין גליקן זיינען נישטאָ, אָבער — עס צ י פ ט זיך!

קיין קאַפּיטאַלן האָב איך נישט, אָבער אַמביציע האָב איך. איך לאָז מיך נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. איך לאָז מיך נישט כאַפּן אויף דער ווענדקע. איך האָב דעם קאָפּ אויפן קאַרק. אַמאָל — אויף מיין קאַרק, אין אַמאָל — אויף אַ פרעמדן קאַרק.

אָט דאָס איז מיין ביאָגראַפיע!

איך האָב מיך פאַרגעשטעלט פאַר אייך, איידער איך הויב אָן שרייבן מיין טאָג־בוך, — „אַ טאָג־בוך פון אַ מאָסקיטאָ״.

און זאָל דער אָנהויב זיין אין אַ מזל׳דיקער מינוט, און מיטן רעכטן פליגל!

מ. נודעלמאַן

„...כ׳בין אָנגעקומען אין אַ זומער־האָטעל.

געטראָפן דאָ אַ מחנה חברים און חבר׳טעס. איך קאָן נישט אויס־זאָגן, ווי דער האָטעל הייסט. דער האָטעל־באַלעבאָס האָט געבעטן, מיר זאָלן נישט אויפגעבן דעם אַדרעס, ווייל עס קאָן אים שטערן צו פרנסה״.

**
*

„...אַ הייסער טאָג היינט.

זעקס אַזייגער אינדערפרי בין איך שוין געשטאַנען אויף די פ י ס.

ס׳איז דאָ אַרבעט ביז איבערן ק אָ פּ.

אויפן ביטש איז אַ געוואַלדיקע ענגשאַפט. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג אויף אַ פּלייצע.

יאָ, אַז מ׳האָט פּלייצעס, קאָן מען שטענדיק מאַכן אַ לעבן!״

**
*

„...צום ערשטן מאָל געמאַכט היינט אַ באַזוך אין קיך.

אין קיך איז אַ טומל, — עס קאָכט זיך! געטראָפן אַ דעמאָנסטראַציע פון פליגן אויף אַ טאָפּ מיט מאַרמעלאַד. ס׳איז געווען אַ פּאָליטישע דע־מאָנסטראַציע. די דעמאָנסטראַנטן האָבן געזשומעט און פאַרלאַנגט פריי־הייט פון די טעפּ. זיי האָבן געפאָדערט, מ׳זאָל אַראָפּנעמען די שטאַרצן.

איך בין פאַרבייגעפלויגן און נישט געוואָלט נעמען קיין אָנטייל. איך מיש מיך נישט אין פּאָליטיק!

איך האָב מיך אַוועקגעשטעלט אָפּרוען אויף אַ קרעפּל מיט אַן אָפענער שפּאַרע. כ׳בין געשטאַנען פאַר אַ שווער פּראָבלעם: אַריינ׳גנב׳ענען זיך אין קרעפּל, אָדער — בלייבן אינדרויסן?

באַשלאָסן צו איגנאָרירן ס׳קרעפּל. אינדרויסן איז פאַרט אַן אָפענע וועלט; און וואָס עס טוט זיך אינעווייניק, אין אַ קרעפּל, — דאָס ווייסט מען קיינמאָל נישט. ס׳איז געזונטער זיך נישט צו לאָזן אויף גליטשיקע וועגן!״

**
*

„...היינט אַ רעגנדיקער טאָג געווען.

זיך אַרומגעדרייט אין האָטעל ביי די קאָרטן־טישלעך. קאָרטן־שפּי־לערס זיינען די בעסטע קליענטן. זיי זיינען אַזוי פאַרקאָכט אין שפּילן, אַז זיי פילן אפילו נישט, ווען מען בייסט זיי.

איין שפּילער האָב איך צעביסן די אויגן, און ער האָט נישט געזען.

אַ צווייטן שפּילער האָב איך צעביסן די הענט און די פיס, און פּרעגט אים בחרם. ער ווייסט נישט פון זיינע הענט און פיס. כ׳בין געזעסן מיט זיי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

געוואַלד, ווי קאָן מען שפּילן אַזוי לאַנג?! א י ך וואָלט משוגע געוואָרן!

די שפּילערס זיינען געבליבן, און איך בין געגאַנגען שלאָפן!"

***

"... זיך היינט שפּעט אויפגעכאַפּט.

געהאַט אַ מיאוס׳ן חלום. עס האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט, אַז אַ מענטש האָט מיר אַ ביס־געטאָן. יאָ, אויף מענטשן איז אַלץ צו גלויבן!

כ׳בין צוגעגאַנגען צום נעכטיקן קאָרטן־טישל. ווען כ׳זע נישט מיט מיינע אייגענע אויגן, וואָלט איך נישט געגלויבט, — די זעלביקע דריי שפּילערס זיינען נאָך אַלץ געזעסןביים טישל!

כ׳האָב צוזאַמענגערופן נאָך מאָסקיטאָס און מיר האָבן געעפּנט אַן אָפענסיווע אויף צוויי פראָנטן: א י ב ע ר ן טיש און א ו נ ט ע ר ן טיש.

עס האָט נישט געהאָלפן. זיי שפּילן נאָך אַלץ!"

***

"... היינט געווען אַ שוואַכער טאָג.

נישט געווען קיין ש ט אָ ד אַרבעט, האָבן מיר זיך צונויפגעזאַמלט הינטער אַ בוים און אַביסל פילאָזאָפירט.

ס׳איז צו־רייד געקומען וועגן נאַילאָן־זאָקן. די מאָדע געפעלט אונז נישט. ס׳שטערט אונז אין דער אַרבעט. מ׳ווייסט קיינמאָל נישט, צי מיר בייסן דעם זאָק, צי מיר בייסן דעם פוס.

אונזערע גאָטזעליקע באָבעס און זיידעס האָבן נישט געהאַט ד י זאָרג!"

***

"... כ׳האָב היינט געהאַט אַ גוטן מאָלצייט.

כ׳בין געזעסן אויפן קאַרק פון אַ כלל־טוער. ס׳איז געווען וואָס צו

נעמען אין מויל אַריין. כ׳בין אַזוי זאַט, אַז כ׳וועל שוין נישט עסן קיין וועטשערע. ער האָט מיך געוואָלט כאַפּן, אָבער — אַ נעכטיקער טאָג!
מ׳וועט א י ם גיכער כאַפּן, ווי — מ י ך!״

***

„...מען שמועסט אין אונזער האָטעל וועגן אַ שיינהייטס־קאָנטעסט פאַר די ווייבערישע געסט. כ׳האָב שוין געזען די שיינהייטן, מ׳שטיינס געזאָגט. אָסור צי איך וואָלט זיי אפילו אַ ביס־געטאָן!״

***

„...היינט פאַרברענגט אויף אַ באַנק צוזאַמען מיט אַן עלטער פאָר־פאָלק. ער האָט געשוויגן און זי האָט געשוויגן. א י ך האָב נישט געשוויגן, — כ׳האָב איר צעביסן די הענט.
דערנאָך האָט זי אים אַ פרעג־געטאָן:
׳מענדל, וואָס פאַראַ סימן איז, אויב די האַנט בייסט?׳
׳ס׳אַ סימן׳ — האָט ער געענטפערט — ׳אַז דו וועסט רייך־ווערן!׳
געהערט אַזעלכע ווערטער, בין איך אַריבערגעפלויגן אויף אַן אַנדער באַנק און רייך־געמאַכט נאָך עטלעכע געסט, וואָס זיינען דאָרט געזעסן.
אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זאָלן נאָך מענטשן זיין אַזוי נאַאיוו!״

***

„...כ׳בין פאַרפומירט. כ׳האָב זיך אַריינגעכאַפּט אין ביוטאַ־פּאַרלאָר צוזאַמען מיט אַ גרושה פון מיין האָטעל.
זי איז געזעסן אויף דער שטול, און איך בין איר געזעסן אויף דער לינקער פאה.
איך ווייס נישט, ווי ווייבער האָבן געדולד צו זיצן אַזוי לאַנג ביים פריזירער. איך ווייס בלויז, אַז איך בין געזעסן, ווי אויף ש פּ י ל ק ע ס!״

***

„...היינט געהאַט אַ ביטערן טאָג.
אַ גאַסט האָט מיך נאָכגעיאָגט מיט אַ פאַנטאָפל און מיך געוואָלט לינטשען. ער האָט מיך חושד־געווען, אַז כ׳האָב אים צעביסן.
ס׳איז אַ בלבול — די גאַנצע מעשה איז א ו י ס ג ע ז ו י ג ן פון פינגער!״

**
*

„...כ׳קען שוין אַלע געסט פון דער גאַנצער געגנט.
זיך היינט מיטגעשלעפּט אויף אַ שפּאַציר מיט אַ באַוואוסטן כלל־טוער. אַלע האַלטן אים פאַר אַ קאַפּ־מענטש, אָבער איך ווייס נישט פאַרוואָס. כ׳בין אים אַרומגעקראָכן אויפן קאָפּ אַן ערך צען מינוט. לענגער האָב איך נישט געקאָנט אויסהאַלטן אַ פּוסטער קאָפּ. ס׳איז מיר געווען גוט לאַנגווייליק!"

**
*

„...כ׳בין היינט, צוזאַמען מיט נאָך מאָסקיטאָס, געווען אויף אַ לעקציע אין אַ שכנות׳דיקן האָטעל. אַ טשיקאַווע טעמע: ׳ווי אַזוי קאָן מען זיך פאַרהיטן פון מאָסקיטאָס?׳
מיר האָבן זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט און זיך געהאַלטן ביי די פליגל פון געלעכטער.

**
*

...כ׳בין אַ גאַנצן טאָג נערוועז. פאַרלוירן דעם אַפּעטיט. נאָך היינט נישט קיין ב י ס ־געטאָן.
כ׳בין שטאַרק אומרואיק וואָס מיין שוועגערין, אַ יונגע מאָסקיטאָ, איז נישט אַהיימגעקומען נעכטיקן.
ווער ווייס, צי מ׳האָט זי נישט פאַרנאַרט אין אַ פרידזשידעיר!"

**
*

„...זיך היינט צעשלאָגן מיט אַ יונגערער מאָסקיטאָ צוליב אַן עלנבויגן פון אַ דאַמע.
איך בין געזעסן אויפן עלנבויגן, איז צוגעקומען די יונגערע מאָסקיטאָ און זיך אויך אַוועקגעזעצט. האָב איך געזאָגט: ׳קריך מיר נישט אין וועג אַריין! לאָז מיר אליין, און דו גיי אויפן צווייטן עלנבויגן!׳
הכלל, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, זי האָט מיך נישט געפאָלגט, האָב איך איר אונטערגעהאַקט אַ פליגל, און זי האָט שוין נישט מיט וואָס צו פליען!
אַ מצוה אויף איר! זאָל זי האָבן דרך־ארץ פאַר אַן עלטערער מאָסקיטאָ!
אוי, די היינטיקע יוגנט, די היינטיקע יוגנט!"

**
*

„...כ׳בין היינט, אויף אַ נאָווינע, אַריינגעפלויגן אין אַ צימער, וואו

עס וואוינט אַ שרייבער. אויפן טיש האָב איך געטראָפן אַ בויגן פּאַפּיר האַלב־באַשריבן. איך האָב מיך נישט געפּוילט און געמאַכט דריי פּינטעלעך אויפן בויגן.

כ׳בין זיכער, אַז מ׳וועט שפּעטער אָפּדריקן די פּינטעלעך, און די לייענער וועלן מיינען מי יודע וואָס דער שרייבער איז אויסן געווען!״

***

„...היינט געהאַט אַ שטיקל אינצידענט מיטן משגיח פון האָטעל. שוין אַ גאַנצן זומער, ווי איך זוך אים אַרום, און איך קאָן אים נישט געפינען. אַ מענטש נעמט שכירות און מען זעט אים נישט.

ענדלעך האָב איך אים געטראָפן שלאָפן הינטער אַ בוים. מאָלט אייך, אַז כ׳האָב אים אויפגעוועקט.

איצט וועל איך אים שוין שטיין אויפן קאַרק און נאָכקוקן, צי ער איז אויפן דזשאָב. ביי מיר זיינען נישטאָ קיין חכמות!״

***

„...עס הויבט אָן צו ווערן לאַנגווייליק. די געסט צעפאָרן זיך. אין מיין האָטעל זיינען געבליבן בלויז עטלעכע געסט. די איבערגעבליבענע באַרעדן די אַוועקגעפאָרענע.

די אַרבעטסלאָזיקייט וואַקסט. נישטאָ שוין באַלד וועמען צו בייסן. עס דרייט זיך דאָ אַרום אַ חזן מיט אַ פאַרבונדענעם האַלז. נאָך אַ נס, וואָס איך קאָן טרעפן הינטערן טיכל אויך!״

***

„...איך זע נישט קיין תכלית פון זיצן דאָ לענגער. נאָך אַ ביס, נאָך אַ ביס — קיין גליקן וועל איך שוין דאָ נישט מאַכן!

***

„...בררר... עס הויבט אָן צו ווערן קאַלט. עס שוידערט מיך. עס קלאַפּט מיר אַ פליגל אָן אַ פליגל. אפשר — אַ קאַלד? אפשר — היי־פיווער?

איך טראַכט ערנסט וועגן עמיגראַציע.

***

„.. הוררראַ! איך פלי קיין מיאַמי. כ׳וועל שפּילן אויף פערדלעך!!!״

אין דער קיזלעוזקער סאָסייעטי

קיזלעווקע — דאָס איז אַן אמת׳ער נאָמען פון אַן אויסגעטראַכטער סאָסייעטי, וואו עס קאָכט זיך הויך, כדי מ׳זאָל נישט הערן, אַז ס׳איז שטיל.

קיזלעווקער פּרעזידענטן

די קיזלעווקער סאָסייעטי האָט שוין געהאַט אַ ים מיט פּרעזידענטן.

ווען מ׳זאָל וועלן אויפהענגען אויף די ווענט פון דער סאָסייעטי די פּאָרטרעטן פון אַלע געוועזענע פּרעזידענטן, וואָלט אויסגעפעלט פּלאַץ, — מ׳וואָלט געמוזט צובאָרגן אַ וואַנט ביי אַ שכן.

בלויז פון די געוועזענע פּרעזידענטן וואָלט מען שוין געקאָנט צו־זאַמענקלאַפּן נאָך אַ סאָסייעטי.

און יעדער איינער פון די געוועזענע, איז פון אַן אַנדער שניט, — פון אַן אַנדער קאַליבער, וואָלט איך געזאָגט.

געווען, למשל, אַ פּרעזידענט — אַן עקשן. ביי יעדע וואַלן האָט ער

זיך איינגע׳עקשנ׳ט, — ער וויל נישט אַוועק. ביז גאָט האָט געהאָלפן, ס׳איז געקומען אַ מעמבער, אַ גרעסערער עקשן פון אים, און האָט אים געמאַכט אַוועקגיין.

געווען אַ פּרעזידענט — אַ פאַרגעסער. נישט געדענקט פון דאַנען ביז אַהער. געהאַט אַזאַ קאַצענעם קאָפּ, אַז ווען ער האָט אַמאָל גערופן אַן אויסערגעוויינלעכן מיטינג וועגן אַן אַפּיל, — האָט ער פאַרגעסן צו מאַכן דעם אַפּיל.

געווען אַ פּרעזידענט — אַ זינגער. געהאַט אַ טבע אונטערצוזינגען, ווען ער האָט געהאַלטן אַ רעדע, און ווען ער האָט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג; אַפילו ווען ער האָט געזידלט אַ מעמבער, האָט ער אויך ליב געהאַט עס צו מאַכן מיט אַ ניגון. און ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וואָלט נאָך אַזוי געזונגען, ווען מען כאַפּט אים נישט אַמאָל ביי דער האַנט, אַז ער האָט אינגאַנצן קיין שטימע נישט.

געווען שוין אויך אַ פּרעזידענט — אַ שלאָפער. ער איז געווען אַזאַ מייסטער אין שלאָפן, אַז קלאַפּנדיק מיטן האַמער, האָט ער געקאָנט שלאָפן. ער האָט אַמאָל פאַרשלאָפן אַ גאַנצע פאַרזאַמלונג, און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט מען אים שוין געהאַט אַראָפּגעוואָרפן און ס׳איז שוין געווען אַ נייער פּרעזידענט.

אָבער אַמערגסטן האָבן די קיזלעווקער געטראָפן מיטן איצטיקן פּרעזידענט. מ׳האָט פון אים אַזוי פיל צרות, וואָס מ׳האָט נישט געהאַט פון אַלע ביז איצטיקע פּרעזידענטן צוזאַמען.

וואָס זיינען די צרות? — ער איז אַ פּרעזידענט אַ שלימאַזל, ער קאָן קיין קאָץ דעם עק נישט פאַרבינדן. און טאָמער איז דאָס ווייניק, איז ער אַ חולה מסוכן, — מען מוז אים אַלץ נאָכגעבן!

טאָמער, חלילה, גיט מען אים נישט נאָך, — סטראַשעט דער דאָקטאָר זיינער, — איז ער קאַפּוט!

ווען איר קוקט אים אָן דעם פּרעזידענט, וואָלט איר געשוואוירן, אַז ער איז געזונט ווי אַ נוס. ער רעדט מיט אַ פעסטער שטימע, ער האָט אַ שנעל געגגל, ער קאָן געבן אַ שטאַרקן זעץ מיטן האַמער, און אַז מ׳דאַרף, האָט ער אַ בייזע גבורה, און קאָן אָננעמען אַ מעמבער ביים קאָלנער, אים אַרויספירן פון זאַל און אַפילו אַראָפּוואַרפן פון אַלע טרעפּ!

אָבער ווערליק דעם דאָקטאָר, איז ער, דער פּרעזידענט, שטאַרק וויט פון זיין געזונט. אויף וועלכן אָרט איר ווערט אים אַנכאַפּן, דאַרף ער אַ רפואה שלימה.

ערשטנס האָט ער אַ שוואַך האַרץ; צווייטנס — די גאַל; דריטנס — די לעבער; פערטנס — אַ הויכן בלוט־דרוק. דאַכט זיך, אַז ווי פאַר איין פּרעזידענט איז דאָס גענוג, איאָ? — און פונדעסטוועגן האָט ער נאָך אַסטמאַ אויך!

פאַרשטייט איר דאָך שוין אַליין, אַז מיט אַזאַ חרוב'ן מענטשן דאַרף מען אומגיין זייער פאָרזיכטיק. די מינדעסטע אויפרעגונג איז פאַר אים סם־המות! נאָך איין קרום וואָרט, איז רעכט, ער זאָל אַוועקפאַלן אויף די נירן אויך!

קוקט מען אים גלייך אין די אויגן אַריין, און מ'גיט אים אַלץ נאָך!

ער האָט אַמאָל אַריינגעטראָגן אויף אַ מיטינג אַן אַמענדמענט, וואָס איז דורכגעפאַלן, האָט ער גאָרנישט געטאָן, נאָר בלויז אַ געשריי־געטאָן: „אוי, די גאַל־בלאַדערס, רופּטס אַ דאָקטאָר ראַידעוועי!"

האָט מען נאָכאַמאָל געשטימט און אָנגענומען דעם אַמענדמענט!

מ'האָט אַנומלט אַרויסגעשטעלט אַ נייעם קאַנדידאַט פאַר קאַסירער, אַ מעמבער מיט וועלכן דער פּרעזידענט איז אַביסל צע'הרג'עט. האָט דער פּרעזידענט זיך, חלילה, נישט אַנטקעגנגעשטעלט. ער איז בלויז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט און דער האַמער איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. ווייסן שוין די מעמבערס, אַז ווען עס פאַלט אים אַרויס דער האַמער, איז איינס פון דיביידע: אָדער — די גאַל, אָדער — די לעבער!

איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע אין זאַל. מ'האָט שוין געוואָלט רופן דעם דאָקטאָר. אָבער אַנשטאָט רופן דעם דאָקטאָר, האָט מען די לעצטע מינוט באַשלאָסן בעסער צוריקצוציען דעם נייעם קאַנדידאַט אויף קאַסירער.

באַלד נאָך דער אָפּשטימונג, איז דער פּרעזידענט געקומען צו זיך, און האָט אַפילו אַליין, מיט אייגענע כוחות, צוריק אויפגעהויבן דעם האַמער!

אַנומלט, פאַר די אַלגעמיינע וואַלן, ווען עס האָט זיך אויסגעדוכט דעם עולם, אַז דער פּרעזידענט פילט שוין בעסער, האָט מען אים גע־וואָלט אַביסל אַראָפּוואַרפן.

האָט דער פּרעזידענט זיך גאָרנישט ווּיסנדיק געמאַכט. ער האָט בלויז געטאָן איין זאַך: ערב די וואַלן האָט ער גענומען קרעכצן און אָנגעשריבן — נישט מער און נישט ווייניקער — ווי אַ צוואה!

איז אַלע מעמבערס געוואָרן פינסטער פאַר די אויגן. אויב ער שרייבט אַ צוואה, איז דאָך אַ סימן, ער האַלט שמאַל, און איז שוין מער טויט ווי לעבעדיק, — טאָ ווי אַזוי קאָן מען אַזאַ איינעם אַראָפּוואַרפן? קיינער וויל דאָך נישט איינרייסן מיט אַ טויטן! האָט מען איבערגעלאָזט דעם פּרעזידענט אויף נאָך אַ יאָר, און שפּעטער וועט מען ווייטער זען. זאָל אים נאָר בעסער ווערן, וועט מען אים, מערטשעם, אַראָפּוואַרפן!

צומאָרגנס האָט דעם פּרעזידענטס הויז־דאָקטאָר געלאָזט רופן צו זיך אין אָפּיס דעם עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר און אים געדריקט די האַנט: „פּליז, זאָגט אייערע חברים, אַז זיי האָבן געראַטעוועט אַ מענטשן! ווען איר וואַרפט אים אַראָפּ, וואָלט ער עס נישט איבערגעהאַלטן! כ׳מוז אייך זאָגן, אַז צו אַלע זיינע ביז־איצטיקע קרענק, איז אים צוגעקומען אַרטרייטיס אויך! דערבאַרעמט אייך, טשעפּעט נישט דעם מענטשן! טוט אים אַלץ צוליב, סיידן איר ווילט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט!“

איז אַדורך אַ שטיקל צייט און דער פּרעזידענט האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז ער ווערט אינגיכן עטלעכע און זעכציק יאָר אַלט, און ער ווינטשט זיך לכבוד דער דאָזיקער דאַטע — אַ באַנקעט.

איז דער פאָרשלאָג קאַלט אויפגענומען געוואָרן צווישן די מעמבערס, און מ׳האָט אָפּגעשלעפּט דעם ענין. זיי האָבן באַשלאָסן, — צווישן זיך, פאַרשטייט זיך, — צו וואַרטן מיטן באַנקעט ביז צו די נייע וואַלן, ווען מ׳וועט דעם פּרעזידענט אַראָפּוואַרפן, און דעמאָלט וועט זיך לוינען צו מאַכן דעם באַנקעט מיטן גאַנצן קנאַק!

האָט דעם פּרעזידענטס הויז־דאָקטאָר גענומען טעלעפאָניש זידלען די עקזעקוטיוו:

„איר זאָלט וויסן, איר שפּילט אייך מיט פייער! מיין פּאַציענט וויל אַ באַנקעט — מאַכט אים אַ באַנקעט! ער איז אַ קראַנקער מענטש! צוליב אַ ליאַדע קלייניקייט קאָן קומען אַ קאַטאַסטראָפע! איר מאַכט נישט דעם באַנקעט פאַר אים, — איר מאַכט דעם באַנקעט פאַר זיין גאַל, פאַר זיין לעבער, פאַר זיין האַרץ, פאַר זיין אַסטמאַ! פאַר אים גופא האָט איר אַ

ברירה נישט צו האָבן קיין רעספּעקט, אָבער פאַר זיין הויכן בלוט־דרוק מעגט איר דאָך האָבן רעספּעקט! איך וואָרן אייך, נעמט נישט קיין טשענס און מאַכט אים אַ באַנקעט! איך אויף אייער אָרט, וואָלט אים נאָך גע־קויפט אַ מתנה אויך! אַ באַנקעט און אַ מתנה קאָן אים ראַטעווען ס׳געזונט!״

האָבן די עקזעקוטיוו־מעמבערס געזען, אַז עס איז נישט קיין שפּי־לעכל, ס׳איז פּיקוח נפש, — האָט מען באַשלאָסן: אַ באַנקעט מיט אַ מתנה.

וואָס־זשע קויפט מען דעם פּרעזידענט פאַר אַ מתנה?

„מ׳דאַרף אים קויפן אַזאַ מתנה, אַז עס זאָל אים צוקומען אַ שטיק געזונט, — אַ גאָלדענעם זייגער!״ — האָט איינער פאָרגעלייגט.

האָבן די איבעריקע פּראָטעסטירט: „וויפיל זייגערס דאַרף האָבן אַ קראַנקער פּרעזידענט?! מ׳האָט אים שוין געקויפט אַ זייגער פאַרן פאָרן אויף וואַקאַציע! אויב ס׳איז אים פון יענעם זייגער נישט בעסער געוואָרן, וועט אים פון איצטיקן זייגער בעסער ווערן?!״

האָט אַ צווייטער פאָרגעלייגט: אַ גראַמאָפאָן מיט פּלאַטן.

איז דער פאָרשלאָג אויך דורכגעפאַלן. שוין אַ יאָר צייט ווי ער האָט אין הויז אַ „האַי־פאַי״, און ער ווייסט נישט, מיט וואָס מען עסט עס.

מ׳האָט שוין געזאָלט קויפן אַ סיגאַרעטן־צינדער. האָט מען זיך אין דער לעצטער מינוט דערמאָנט, אַז ער רויכערט נישט.

ענדלעך איז מען דורכגעקומען. מ׳האָט געקויפט אַ גאָלדענע פעדער און אויסגעקריצט דעם נאָמען.

און ווער זאָל זיך ריכטן, אַז די קאַטאַסטראָפע וועט קומען דווקא אויפן באַנקעט, ווען מ׳וועט אונטערטראָגן דעם פּרעזידענט די מתנה.

די שמחה איז געווען אַ פאַרשטערטע. די עקזעקוטיוו האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז די מתנה איז פּשוט ריינער סם, — דער פּרעזידענט קאָן זיך דאָך נישט אונטערשרייבן!!!

אַ מעמבער פון די מעמבערס

גײן שילדערן אַלע מעמ־
בערס פון די קיזלעװוקער סאָסײעטי, איז אַ מעשה אָן אַ סוף.

אָבער אויף אײן מעמבער איז זיך כּדאי אָפּצושטעלן.

איז׳ן איז ער אַ קלײן פּיטשעמאָנטשיק אידעלע. ס׳גאַנצע מעמבערל איז אַזוי גרויס, װי אַ טל ומטר׳ל אין אַ קלײן סידורל.

ס׳פּנים׳ל איז אים דריבנע, ס׳העלזעלע שמאָל, און אין מיטן פון העלזל — עפּעס אַ דזשימדזשיק, װאָס גײט אַרויף און אַראָפּ, װי אַן עלעװײטאָר, און אויפן גאָמבעלע זיצט אים אַ בערדעלע, װי אַ צײן־בערשטעלע.

הײסן הײסט ער אָשר מענטליק, און רופן רופט מען אים — „מענט־ליקל״. הײנט שטעלט אײך שוין פאָר, װי גרויס ער איז!

אַרום און אַרום װעגט ער נישט קײן גאַנצע הונדערט און צװעלף פונט. אפשר, צוזאַמען מיטן האַנט־טאַש, װאָס ער טראָגט שטענדיק מיט זיך, װעגט ער נאָך אַ צען פונט.

און אָט־דאָס מעמבערל איז געבענטשט מיט אַ ברכה פון זײן ליבן

נאָמען. אויף יעדער פּיקטשור, וואָס מען מאַכט אין דער קיזלעווקער סאָסייעטי, איז ער דאָ!

דאָרט וואו צווי פאָטאָגראַפירן זיך, איז ער שטענדיק דער דריטער!

ווען עס קומט צו נעמען אַ בילד, וואַקסט ער שטענדיק אַרויס, ווי פון אונטער דר׳ערד. און ער האָט אַזאַ בייזן כוח, אַז ער ווייסט ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך ממזר׳יש אַריינקוועטשן אין דער גרופּע, אַז מ׳זאָל אַרויס־קומען פּראָמינענט און אָנזעעוודיק. ער ווייסט, ווען מ׳דאַרף זיך אַראָפּ־בויגן, און ווען מ׳דאַרף זיך אונטערהויבן אויף די שפּיץ פינגער. ער ווייסט, ווי אַזוי אַ פּאָר צו טאָן מיט די עלנבויגנס, וואו זיך אַריינצו־קוועטשן און אין וועמענס אַקסל אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ.

און צו דעם אַלעם, האָט אים נאָך ס׳מזל צוגעשפּילט און ס׳פּנים׳ל איז אים פאָטאָגעניש. ווער עס זאָל אויף דער פּיקטשור אַרויסקומען פאַרנעפּלט צוליב אַ טאָטש אָדער צוליב עפּעס אַנדערש, — אָבער ער קומט שטענדיק אַרויס, ווי אַ מאָנאַרך.

און ס׳פּנים׳ל שיינט אַרויס פון דער פּיקטשור מיט נחת. ער שמייכלט שטענדיק מיט אַזאַ זיסן שמייכל, אַז ווען איר קוקט אויפן בילד וואָלט איר געשוואוירן, אַז ביי די קיזלעווקער הערשט שלום ושלוה, און די מעמבערס מיטן עקזעקוטיוו־באָאַרד קושן זיך אין די פּיסקלעך. ווען איר זאָלט זיין קלוג, ווי שלמה המלך, וואָלט איר, — קוקנדיק אויפן בילד, — נישט דערקענט, אַז ערשט אַ מינוט פריער האָט מען זיך גע־זידלט מיט די שאַרפסטע ווערטער, און איינער דעם צווייטן האָט גערופן „סוואָלאָטש״, אויב נישט נאָך ערגער!

אָט, אַזאַ מזיק איז דאָס מעמבערל!

אַלע זאָגן נביאות, אַז מיט זיין טאַלאַנט וועט ער נאָך גיין העכער און העכער, — ביז צו דער טשער! דאָס, וואָס ער קאָן, — קאָן נישט קיין צווייטער!

אָבער דאָס, וואָס איז לעצטנס געשען, שטייגט איבער אַלע ביז־איצטיקע געשעענישן.

ווען די קיזלעווקער האָבן זיך אַנומלט פאָטאָגראַפירט לכבוד דער שוועגערין פון סעקרעטאַר, וועלכע איז געפאָרן אויף אַ באַזוך קיין ישראל, איז אָשר מענטליק נישט געווען. אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט און

אויסגעזעצט אין אַ גרופּע און זיך פאָטאָגראַפירט מיט גרויס פּאַראַד, און אָשר מענטליק איז גראָד דעמאָלט געלעגן אין הויז — קראַנק.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען שוין געזען ס׳בילד אין צייטונג.

און ווער, מיינט איר, איז אַרויסגעקומען דער שאַרפסטער און דער אָנזעעוודיקסטער אויפן בילד? פּרובירט נישט טרעפן, ווייל איר וועט ניט טרעפן, — אָ ש ר מ ע נ ט ל י ק!

שוין עטלעכע טעג, ווי די גאַנצע עקזעקוטיוו טראַכט אַריין, ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער פאָטאָגראַפיע.

נאָר ביי די קיזלעווקער קאָן אַזאַ זאַך פּאַסירן!

און אפשר אין אייער סאָסייעטי — אויך. אַ קשיא אויף אַ מעשה?!..

צוויי ווייס־פּרעזידענטן ביי דער אַרבעט

די צוויי ווייס־פּרעזידענטן פון קיזלעווקער סאָסייעטי לעבן נישט בשלום.

צו־וואָס די קיזלעווקער דאַרפן צוויי ווייס־פּרעזידענטן, — דאָס פרעגט נישט!

שוין דאָרט אַזאַ מנהג מקדמונים, און אַ מנהג ברעכט אייזן. איינער פון די צוויי ווייס־פּרעזידענטן ברעכט טאַקע אייזן. אַזאַ גבור איז ער!

דער צווייטער איז אַ שוואַך מענטשעלע. מיט איין בלאָז פאַלט ער. בלויז פון דער טשער פאַלט ער נישט. אויף דער טשער זיצט ער פעסט.

און נישט נאָר ער זיצט פעסט, נאָר ער וויל נאָך אַראָפּשטופּן פון דער טשער דעם צווייטן ווייס־פּרעזידענט. ער וויל נישט, אַז נאָך אַ ווייס־פּרעזידענט זאָל האָבן די זעלבע דעה וואָס ער.

„איך קאָן“, — זאָגט ער, — „אָנערקענען אַ קנעפּל העכער, אָדער אַ קנעפּל נידעריקער, אָבער דאָס זעלבע קנעפּל וואָס איך האָב, — נעווער!“

וואָס ער האָט שוין אַלץ געטאָן אונטערצושטעלן אַ פיסל דעם צווייטן ווייס־פּרעזידענט!

ער מאַכט פון אים פּיפּקע ווען אַלע זען.

שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין אַ הייסער מינוט האָט ער אים אַ זאָג־געטאָן אַ צווײדייטיק ווערטל: „גנב!"

פאַרשטייט זיך, אַז מיטן דאָזיקן זאָג האָט ער איבערגעכאַפּט די מאָס. אפילו צו אַ וויצע־פּרעזידענט טאָרף מען נישט זאָגן אַזאַ וואָרט ווי — גנב. ער קאָן זיך באַליידיקן. און ער האָט זיך טאַקע באַליידיקט.

„איך וועל נישט שווייגן", — האָט דער באַליידיקטער וויצע־פּרעזידענט געגומען מאַכן קולות, — „ס'זיינען פאַראַן לאָיערס, פאַראַן אַ סופרים־קאָורט, און ס'זיינען, בוכשעם, אויך פאַראַן דזשעילס! הייסט מיין נאָמען נישט וויצע־פּרעזידענט, צי דער פאַרשווין וועט ביי מיר נישט גיין זיצן פאַר רופן „גנב", נישט כאַפּנדיק מיך ביי דער האַנט!"

האָט דאָס שוואַכע וויצע־פּרעזידענטל דערזען, אַז ער איז צו־ווייט פאַרפאָרן. פאַרקאָכט אַ מיאוסע קאַשע.

דערצו נאָך האָט דער לאָיער אים געלייגט שטיינער אויפן האַרץ: „די קעיס איז זייער אַ שווערע, סיידן עס וועלן זיך באַווייזן!

וואו־זשע נעמט מען „באַווייזן"?

איז ער געפאַלן אויף אַ פּלאַן: מאַכן יד אחת מיטן סעקרעטאַר. אויפן נאָענטסטן מיטינג וועט דער סעקרעטאַר פאַרטוישן ביידע רעדעס וואָס ער שרייבט פאַר ביידע וויצע־פּרעזידענטן. און ביים לייענען אַ פרעמדע רעדע, וועט מען באַווייזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז מ'האָט צו טאָן מיט אַ גנב.

און כך הוה:

אויפן מיטינג האָט דער שטאַרקער וויצע־פּרעזידענט גענומען דאָס וואָרט, אַרויסגעצויגן פון קעשענע די רעדע, וואָס איז נאָך געווען כמעט וואַרעם, און אָנגעהויבן לייענען:

„ברידער און שוועסטער:

דער היינטיקער מיטינג איז פאַר מיר אַ ספּעציעלער יום טוב. כ'האָב איבערגעלאָזט אינדערהיים מיין ליבע פרוי און קינדער —

מער האָט מען נישט געדאַרפט. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער סקאַנדאַל. דאָס שוואַכע וויצע־פּרעזידענטל האָט זיך אַריינגעריסן אין דער רעדע:

— העי, פּאַוואָליע! וואָס לייענט איר? וואו האָט איר אַ פרוי מיט קינדער?! — איר זענט דאָך אַ בעטשעלאָר!!!

— נישט אייער באָבעס דאגה! — האָט דער שטאַרקער וויס־פּרעזי־דענט צוריק געשריגן, — לאָזט מיך האַלטן מיין רעדע!

און ער האָט גענומען לייענען ווייטער: „איך דערמאָן מיך ווען כ׳בין מיט צוויי חדשים צוריק געווען אין איזראַעל, נאָכדעם ווי איר האָט מיר געמאַכט אַ יובּילײ״...

— בלאָפט נישט! — האָט דאָס שוואַכע וויס־פּרעזידענטל זיך ווידער גענומען היצן, — ווען זענט איר געווען אין איזראַעל?! — איך בין גע־ווען אין איזראַעל! און ווער האָט אייך געמאַכט אַ יובילײ?! — מיר האָט מען געמאַכט אַ יובילײ! איר לייענט אַ פרעמדע רעדע, לייענט איר!

די רעדע איז כסדר געגאַנגען מיט איבעררייסונגען און דער רעדנער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן ביז צו דער לעצטער שורה.

דער רעזולטאַט איז געווען אַ טראַגישער. ווען ער האָט פאַרענדיקט האָט קיינער נישט געפּאַטשט בראַוואָ. ער איז אַראָפּ פון דער טריבונע ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

אונטער פיר אויגן האָט דער סעקרעטאַר זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות און פאַרטוישט די יוצרות. און כדי גוט־צו־מאַכן די עוולה, האָט ער צוגעזאָגט, בסוד סודות, אַז מערטשעם ביים קומענדיקן מיטינג וועט ער אָפּשפּילן די זעלבע חתונה מיטן צווייטן וויס־פּרעזידענט. דערוויל גייט אַרום דאָס שוואַכע וויס־פּרעזידענטל מיט אַן אויפגעהויבע־נעם קאָפּ און באַרימט זיך פאַר יעדן איינעם:

— אַז איך זאָג עמיצן „גנב!״, איז עס נישט גלאַט געזאָגט! וועל... זאָל ער מיך פּראָבירן קלאָגן, — איך האָב באַווייזע!

אַרויסגע׳גנב׳עט דעם לעקטשורער

אז מ׳זאָל אַרויס׳גנב׳ענען אַ לעקטשורער נאָך אַ לעקציע, — דאָס קאָן טרעפן נאָר אין דער קיזלעווער סאָסייעטי.

דער לעקטשורער איז געקומען צו די קיזלעווקער אין אַ ביטערער צייט, — אין אַ צייט, ווען אַלע מיטגלידער זיינען צעקריגט, און איינער דעם צווייטן וואָלט אויפגעגעסן לעבעדיקערהייט.

ביז איצט זיינען בלויז די צוויי וויס־פּרעזידענטן געווען אויף מעסער־שטעך; אָבער איצט איז דערגאַנגען צו אַזאַ שטופּע, אַז קיין איין מעמבער פון דער עקזעקוטיוו קאָן נישט קוקן דעם צווייטן גלייך אין די אויגן אַריין. ווער שמועסט נאָך רעדן צווישן זיך, פון דעם איז אָפּגערעדט. אפילו אויף אַן עקזעקוטיוו־מיטינג רעדן זיי נישט,ביים טיש, צווישן זיך, נאָר מ׳שרייבט זיך בריוולעך!

ווען דער גאַסט איז געקומען צו דער לעקציע, האָט דער פּרעזידענט אים אָוועקגערופן אין אַ זייט:

„איך באַגריס אייך, מיסטער לעקטשורער, אין מיין אייגענעם נאָמען,

ווייל איר האָט גראָד געטראָפן אין אַ צייט, ווען די גאַנצע עקזעקוטיווו איז צעקריגט. ס׳איז נישט קיין עקזעקוטיוו, נאָר — אַ פּאַס מיט פּולווער. ס׳קאָן אויפרייסן אַ ליאַדע מינוט! אָבער זאָל איך נישט אַנגיין, וואָס עס קומט פאָר צווישן אונז. גייט־אָן מיט אייער אַרבעט. ברוגז איז ברוגז, און לעקציע איז לעקציע. ווי אַ גוטער פריינט, וואָלט איך אייך אָבער געראָטן, איר זאָלט עס מאַכן האַרי־אַפּ. איינס און צוויי! אויב איר וועט פאַרציען, שפּילט איר אייך מיט פייער, און איך נעם נישט אויף זיך די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט!״

באַלד איז אונטערגעקומען דער עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר און איינגע־רוימט דעם לעקטשורער אַ סוד:

„...כ׳האָב געהערט יעדעס וואָרט, וואָס דער טראָמבעניק, דער פּרע־זידענט, האָט אין אייך אַריינגערעדט! אויב איר וועט אים פאָלגן, זענט איר אַן אָפּגעקאָכטער! איר זאָלט נישט וואַגן צו רעדן קורץ! איר מוזט רעדן — לאַנג! וואָס לענגער, אַלץ בעסער! די מעמבערס צאָלן אַ קוואָדער פאַר אַ טיקעט, ווילן זיי האָבן עפּעס פאַר זייער געלט! געדענקט, לאָזט אייך נישט פאַרפירן פון פּרעזידענט, ער וועט אייך, חלילה, אַריינפירן אין אַ בלאָטע!״

און אַזוי ווי דער סעקרעטאַר האָט זיך נאָר אָוועקגערוקט, האָט איי־נער פון די צוויי וויס־פּרעזידענטן אַ כאַפּ־געטאָן פאַרן אָרעם דעם לעק־טשורער, און אים פאַרטרוילעך אַ זאָג־געטאָן:

„מילא, איר זעט דאָך שוין אַליין וואָס דאָ טוט זיך... איר זענט אַ גייסטיקער מענטש און מ׳דאַרף אייך נישט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין, — עס ברענט אַ פייער! איך גיב אייך דעריבער אַן עצה נישט צו יוזן קיין וויצן אין אייער לעקציע. ביי אונז איז היינט אַזאַ שטימונג, אַז עס גלוסט זיך נישט צו לאַכן! זייט־זשע ערנסט און ברענגט נישט פאַרן מויל קיין איין וויץ, סיידן איר ווילט ליידן אַן עוולה!״

ווי פון אונטער דר׳ערד איז אויסגעוואַקסן דער צווייטער וויס־פּרע־זידענט. אויך ער האָט אָוועקגעשלעפּט דעם גאַסט אין אַ זייט און אים געזאָגט איופן אויער:

„כ׳וויס, כ׳וויס וואָס דער גראָבער יונג האָט אייך גע׳עצה׳ט. דער

לאַפּאַצאַן האָט אייך געהייסן רעדן ערנסט, איאָ? קוים רעדט איר ערנסט, זענט איר אַ באַגראָבענער. די מעמבערס ווילן לאַכן, און איר מוזט וואַרפן מיט וויצן. איר פאַרשטייט וואָס מע רעדט צו אייך?!״

דערווייל האָט אָנגערוקט די צייט פון דער לעקציע. די מעמבערס פון דער עקזעקוטיוו האָבן זיך אויסגעזעצט ביים לאַנגן טיש, אויבן־אָן. קיין איינער האָט נישט אַרויסגערעדט צום צווייטן קיין וואָרט. אַלע אָנגע־ברוגז׳ט. אַ טיש, אָן עין הרע, מיט עלף בלוטיקע שונאים.

דער פּרעזידענט האָט געגעבן אַ קלאַפּ מיטן האַמער. אַ סימן — די לעקציע הויבט זיך אָן.

באַלד האָט דער ערשטער וויים־פּרעזידענט געענטפערט מיט אַ קלונג פון גלעקל. דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז דעם פּרעזידענטס האַמער איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי, און דער עיקר איז — ס׳גלעקל.

האָט דער צווייטער וויים־פּרעזידענט געוואָלט ווייזן, אַז ער איז אויך נישט קיין שיפּע זיבעלע, און אַז ער האָט אויך עפּעס צו זאָגן, האָט ער אַ זעץ־געטאָן מיט דער האַנט אין טיש און אַ געשריי־געטאָן צו די מעמ־בערס אין זאַל: „אָרדער, פּליז!״. דערנאָך האָט ער אַ וואונק געטאָן צום לעקטשורער, אַזוי ווי איינער זאָגט: „מאַך די קינץ!״.

די לעקציע איז געהאַלטן געוואָרן, און ס׳איז גאַרנישט צו פאַרשטיין מיטן מענטשלעכן שכל, ווי ס׳איז מעגלעך געוועזן זי זאָל אַרויסקומען אַזוי געלונגען, אַז אַלע עקזעקוטיוו־מיטגלידער זאָלן זיין צופרידן. אַלע אָן אויסנאַם.

ער האָט גערעדט אי קורץ און אי לאַנג; אי וויציק און אי ערנסט. ער האָט ממש געמאַכט אַ דזשאַב פון אַ כישוף־מאַכער, און נישט פון קיין לעקטשורער.

נאָך דער לעקציע, נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנ־צערט־טייל, איז דער פּרעזידענט צוגעקומען דריקן די האַנט פון גאַסט:

„כ׳בין צופרידן, וואָס איר האָט מיך געפאָלגט און געמאַכט עס בקיצור! איך וויל מיט אייך גיין אויף אַ קאַפּי. בלויז מיר ביידע. מיט די אַנדערע וויל איך נישט זיצן ביי איין טיש. לאָמיר עס מאַכן שטילערהייט. איך וועל וואַרטן אויף אייך אין קאָרידאָר, נעבן טעלעפאָן בוטה״.

דער עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר איז צוגעקומען אַ צעפּלאָמטער פון שמחה: „איר האָט גוט געטאָן, וואָס איר האָט גערעדט לאַנג און נישט געפּאָלגט דעם פּרעזידענט! ער וויל אייך, האָב איך געהערט, נעמען אויף אַ קאַווע, — גייט נישט מיט אים, קומט מיט מיר! מיר'ן ביידע זיך אַרויס־גנב'ענען, און אים אָפּטאָן אויף טערקיש. איך וואַרט אויף אייך אין טשעק־רום, הינטער די מאַנטלען!"

ווען דער ערשטער וויצע־פּרעזידענט איז צוגעקומען דאַנקען דעם לעקטשורער, האָט ער אים געקלאַפּט אין פּלייצע: „איר האָט געטאָן ווי אַ חכם, וואָס איר האָט נישט דערלאַנגט קיין איין וויץ! איך וויל האָבן דעם כבוד אַריינצוגיין מיט אייך אין קאַפעטעריע כאַפּן אַ ביס! זאָגט נישט קיינעם, אַז מיר גייען. כ'וועל וואַרטן אויף אייך אין פּרעזידענטס רומקע. ער קומט דאָרט קיינמאָל נישט אַריין און איך האָב אַ נאָכשליסל!"

אַממייסטן קאָמפּלימענטן האָט דער גאַסט באַקומען פון צווייטן וויצע־פּרעזידענט: „איך האָט געראַטעוועט דאָס, וואָס איר האָט געוואָרפן מיט וויצן. ווען איר האַלט אַן ערנסטע לעקציע, ווי יענער טראָמבעניק האָט אייך גערעכנט, וואָלט איר געוועז ניין איילן אין דער אדמה! באַי דהי וועי, כ'האָב געהערט מ'וויל אייך נעמען אויף קאַווע, — לאָזט זיי אַדורך! מיר ביידע וועלן גיין! איך וועל וואַרטן אויף אייך אינעם פינסטערן צימער, וואו מען האַלט די בעקנלעך!"

דער גאַסט איז געבליבן שטיין פאַר אַ האַרב פּראָבלעם: מיט וועמען און דורך וואַנען גיין אויף קאַווע? דורך דער טעלעפאָן־בודקע צי דורכן טשעק־רום? דורכן פּרעזידענטס צימער, אָדער דורכן פינסטערן צימער, וואו מען האַלט די בענקלעך?

דאָ איז פּלוצים אונטערגעקומען דער טרעזשורער: „איך האָב פאַר אייך דעם טשעק, מיסטער לעקטשורער! כ'האָב געהערט מ'גייט אייך אויסנעמען אויף אַ ביס, פאָלגט מיך, לאָזט זיי אַלע לויפן און מיר וועלן ערגיץ אַריינגיין. לאָמיר עס מאַכן שטילערהייט. איך וועל אַרויס מיט דער פראָנט־טיר און איר גייט מיט דער הינטער־טיר! איך וועל וואַרטן אויף אייך ביים קאָרנער נעבן אַ גרינער קאַר! איר ווייסט ווי אַזוי צו גיין? — מיט די טרעפּ! איר וועט אַראָפּגיין צוויי גאָרנס, וועט איר זיין אין בעיס־

מענט. אין דער רעכטער זייט פון בעיסמענט וועט איר זען דריי טרעפּ־לעך, וואָס פירן צו אַ טיר, וואָס גייט אַרויס צו דער גאַס. און אַז איר וועט זיין אויף דער גאַס, וועט איר זען אַ גאַראַזש, זאָלט איר גיין רעכטס אין אַ געסעלע אַריין, און אין בלאָק ווייטער, וועט איר טרעפן מיין גרינע קאַר. איך וועל וואַרטן אויף אייך אין דער קאַר!

און וואָס האָט געטאָן דער לעקטשורער? — פון אַלע פריערדיקע פיר וועגן, האָט ער זיך אויסגעקליבן דעם פינפטן וועג, — דעם וועג פון טרעזשורער.

ער האָט זיך פאָרזיכטיק צוגעשאַרט צו די טרעפּ, אַראָפּגעגאַנגען ביז צום קעלער, אַרויס מיט דער טיר, און ווען ער איז צוגעקומען צום גאַראַזש, האָט ער געטראָפן וואַרטן אַן אומבאַקאַנטן מאַן:

— קומט, מיסטער לעקטשורער, — האָט דער אומבאַקאַנטער אים אָנגענומען פאַרן אַרבל, — איך קאָן דעם וועג!

— איר זענט אַ שליח פון טרעזשורער?

— קומט און פרעגט נישט קיין קשיות! האָט נישט קיין מורא, כ׳וועל אייך נישט פאַרפירן!...

ווען ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טישל פון קאַפעטעריע, האָט דער אומבאַקאַנטער זיך אָנגערופן:

— איצט זיינען מיר ביידע פרייע מענטשן און מיר קאָנען שוין רעדן. איך בין אַן עקזעקוטיוו־מעמבער. איך האָב צופעליק געהערט, ווי דער טרעזשורער האָט געמאַכט מיט אייך אַן אַפּאָינטמענט. אַ מכה וועט ער אייך האָבן פאַר אַ גאַסט. איר זענט מיין גאַסט! וואָס וועט איר טרינקען, טיי צי קאַווע?

אין מיטן זופּן די טיי, האָט דער לעקטשורער געזאָגט צום עקזעקו־טיוו־מעמבער:

— איר ווייסט כאַטש, וואָסער שטיקל אַרבעט איר האָט אָפּגעטאָן?

— אַוודאי ווייס איך, — כ׳האָב אַרויסגעגנב׳עט דעם לעקטשורער! אָבער פאַר אַזאַ גנבה גייט מען נישט זיצן! איר וועט באַלד זען, נאָכדעם ווי כ׳וועל באַצאָלן דעם טשעק, וועט מען מיך אַרויסלאָזן „אויף בעיל״!...

יזם טוב אינדערוואכן

אַ חזן אָן אַ שטימע

די סאַמע שווערסטע פּראָפעסיע צווישן אַלע פּראָפעסיעס, איז — צו זיין אַ חזן אין אַמעריקע!

אין דער אַלטער היים האָט אַ חזן געדאַווענט פאַרן רבונו של עולם, און דאָ, אין אַמעריקע, דאַווענט ער פאַר דער שול־קאָמיטע!

מיטן רבונו של עולם האָט מען נאָך, ווי עס איז, געקאָנט דורכקומען, אָבער מיט דער ״שול־קאָמיטע? — שטיינערנע הערצער! וויפיל אַ חזן גיט זיי, האָבן זיי ווייניק!

נעמט, למשל, מיך! איך בין אַ חזן מיט אַלע זיבן זאַכן! כ׳האָב אַלץ, וואָס אַ חזן דאַרף האָבן!

אָבער — קיין שטימע האָב איך נישט!

ס׳הייסט, אַ שטימע האָב איך יאָ, אָבער — נישט קיין לייבן־שטימע!
קיין יאָסעלע ראָזענבלאַט בין איך נישט, און אַפילו קיין שאַלאַפּין, בין איך אויך נישט!
כאָטש אַמאָל האָט מען געפּלעגט אויף מיר זאָגן, אַז כ׳בין דער „דריטער שאַלאַפּין".
וואָס עפּעס דער „דריטער"? — ווייל קיין צווייטער שאַלאַפּין איז נישטאָ!
אַמאָל איז מיין שטימע געווען צווישן אַ טענאָר און אַ באַריטאָן. היינט ווייס איך נישט וואָס זי איז. און נישט נאָר איך — גרעסערע מבינים פון מיר, ווייסן אויך נישט. כ׳האָב מיך שוין נאָכגעפרעגט, און זיי ווייסן נישט!
האָב איך איצט אַ קליין שטימעלע. זאָל זיין קליין!
און וואו שטייט עס געשריבן, אַז דווקא מיט שרייען קאָן אַ חזן אויסבעטן אַ גוט יאָר פאַר די מתפללים? איך האַלט, אַז מ׳קאָן שטילער־הייט אויך אַלץ אַטענדן!
מיט דריי יאָר צוריק האָב איך נאָך געפּלעגט מאַכן מיט דער שטימע פאַרשידענע דריידלעך. היינט טו איך עס נישט מער. וואָס וועל איך גיין נעמען אויבן, אַז כ׳דאַנק גאָט מען הערט אונטן!
אַ שטימע דאַרף מען היטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ. מ׳דאַרף זי שאַנע־ווען. בפרט, אַז מ׳האָט זי נישט, דאַרף מען זי אוודאי שאַנעווען!
מ׳דאַרף זיך קאָנען אַרויסהעלפן מיט אַ קרעכץ, מיט אַ קנייטש, מיט אַן „אוי!" און דער עיקר — מיט עברי!
און ווען ס׳קומט צו עברי, בין איך אינדערהיים. איך ווייס, וואָס עס טוט זיך אין מחזור. איך בלאָנדזשע נישט. איך טאָפּ נישט אין דער פינסטער. און טאָמער אַפילו פאַרשטיי איך נישט אַ פּסוק, איז אויך נישט קיינעמס ביזנעס. ווען איך שטיי שוין ביים עמוד, בין איך דער באַלע־באָס און נישט קיין צווייטער! איך האָב דעם קאָפּ אויפן קאַרק, און גיב מיר אַן עצה. דאָס, וואָס כ׳פאַרשטיי נישט, שלינג איך אַראָפּ. און דאָס, וואָס כ׳שלינג־אַראָפּ, איז ריינער פּראָפיט.
אָבער אַז מ׳האָט נישט קיין מזל, העלפט נישט קיין קרעכץ און קיין קנייטש און קיין אוי און קיין עברי!

מיין שלימ׳מזל איז לעצטנס אַזוי גרויס, אַז גראָד אין סליחות־צייט האָב איך אַ טבע הייזעריק צו ווערן!

שטעלט אייך פאָר מיין אומגליק: אַזאַ קליין שטימעלע, און דערצו נאָך — הייזעריק!

דווקא דעמאָלט, ווען דער סעזאָן ברענט, פאַרהאַקן זיך מיר די שטים־בענדער, און — גיי רעד צו דער וואַנט!

וואָלט איך כאָטש הייזעריק געוואָרן אין אַ וואַלענטאַין־דעי, אין אַ דעקאָרעישאָן־דעי, אָדער אַפילו אין וואַשינגטאָנס געבורטס־טאָג, — וואָלט מיך נישט געאַרט! אָבער הייזעריק ווערן גראָד דעמאָלט ווען כ׳דאַרף זאָגן סליחות, — דאָס איז דאָך אַ ריינער אומגליק! קיין גוי זאָל נישט וויסן דעם טעם!

אויף דריי פּראָבעס האָט מען מיך האַיאַר געררופן, און אויף אַלע דריי פּראָבעס איז מיר געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ! גיי צו אַ פּראָבע מיט ליידיקע הענט!

מיט איין שול־פּרעזידענט האָב איך גערעדט קלאָרע ווערטער:

„מיסטער פּרעזידענט, — האָב איך אים געזאָגט, — לאָמיר שפּילן אין אָפענע קאָרטן! איך בין נישט קיין שווינדלער, און כ׳וועל אייך זאָגן דעם גאַנצן אמת: איך האָב אַ שטימע, נאָר יעצט אַרבעט זי נישט!“

זאָגט ער: „בעוואר מאַינד, קומט דעמאָלט ווען זי וועט אַרבעטן!“

„זי וועט אַרבעטן ערשט, — זאָג איך, — נאָך יום־טוב, און וואו וועל איך דערווייל דאַווענען?“

ווייסט איר וואָס ער האָט מיר געענטפערט? — „איר קאָנט דאַווענען ביי אונז, — באַצאָלט פּופצן טאָלער פאַר אַ טיקעט!“

ווען כ׳בין געקומען אין אַ צווייטער שול צו פּראָבע, האָט מיך דער פּרעזידענט געגעבן אַ מעסט־אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס, און אַ פרעג־געטאָן: „מיסטער, וואָס האָט איר אַ פאַרבונדענעם האַלז?

האָב איך גענומען און אויפגעשריבן אויף אַ צעטעלע: „כ׳בין הייזעריק!“

אַן אַנדער פּרעזידענט, דו זעסט שוין אַז דער קאַנדידאַט איז הייזעריק, גיב אים אַ פרעג: „ווי אַזוי איז עס געקומען? ווי לאַנג שוין? צי איז עס אַ שטענדיקע זאַך? און וואָס טוסטו דערצו?“

איז אָנשטאָט מיך צו פרעגן, גיט ער אַ געשריי אין צווייטן צימער אַריין: „נעקסט!" און ס׳שטייט שוין ביים טיש אַ נייער קאַנדידאַט.

אויף דער דריטער פּראָבע האָט דער טשערמאַן פון דער קאָמיטע גערעדט צו מיר מער מענטשלעך.

ווען כ׳האָב אים געזאָגט, אַז מיט דער שטימע מיינער איז נישט פויגלדיק, אָבער איך העלף מיר אַרויס מיט אַ אידישן קרעכץ, — האָט ער מיר מענטשלעך געענטפערט: „ס׳טוט מיר זייער לייד, פאַר קרעכצן קאָנען מיר נישט צאָלן. מיר האָבן נישט קיין בודזשעט דערויף!"

פאַרליר איך נישט די האָפענונג און גיב אים אַ לייג אַרויס די לעצטע קאָרט: „מיסטער טשערמאַן, יאָ קרעכצן, ניט קרעכצן, אָבער מיין זאָגן עברי איז ווערט ס׳גאַנצע געלט! איר ווייסט דאָך אַליין, אַז היינטיקע צייטן וואַלגערן זיך נישט אויף די גאַסן קיין חזנים, וואָס קאָנען אָפּעררן מיט עברי!

הערט ער רואיק אויס און ענטפערט מיר מענטשלעך: „קאָקאָי מיר עברי? וואָס מיר עברי?! אין אונזער סינאַגאָג יוזט מען געזאַנג, און נישט קיין עברי! מיר דאַרפן אַ חזן מיט אַ שטימע, וואָס מ׳זאָל הערן אויפן זעקסטן און אויפן זיבעטן בלאָק פון דאַנען!"

האָב איך מיך אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען. איך קאָן מיך נישט אונטערנעמען צו דאַווענען אַזוי הויך. איך קאָן דאַווענען, אַז מ׳זאָל הערן אויפן הימל; אָבער דאַווענען, אַז מ׳זאָל הערן אויפן זעקסטן און זיבעטן בלאָק, — דאָס איז נישט פאַר מיינע כוחות!

מער אויף קיין פּראָבעס בין איך נישט געגאַנגען, און איך בין געבליבן אָן אַ שטעלע. מיין שטימע איז געבליבן אינעווייניק, און איך פערזענלעך בין געבליבן אינדרויסן!

און וואו וועל איך דאַווענען האַיאָר, ווייס איך אַליין נישט.

אַוודאי וועל איך ערגעץ דאַווענען, נאָר — אָן געלט. אָבער וואָסער טעם, מ׳שטיינס געזאָגט, קאָן שוין האָבן אַ דאַווענען אָ ן ג ע ל ט ?!

אַ פריידענקער פּאַרקויפט מיר אַ מחזור

ז ייט־זשע מוחל, חבר מיס־
טער, וואָס גראַבלט איר דאָרט צווישן די פּאָליצעס? איר זוכט אַ מחזור?
— רעדט צו מיין וויב! מחזורים — דאָס איז איר דזשאָב!

איך האָב מיר מיינע פּאָליצעס, און זי האָט זיך אירע פּאָליצעס. איך בין אַ פריידענקער און מיט קיין קלעריקאַלע ספרים האָב איך נישט וואָס צו טאָן.

איר ווילט דאַוונען? — דאַוונט אייך געזונטערהייט, אָבער איך לייג נישט צו דערצו קיין האַנט. אַלץ מיין וויב! זי האָט מחזורים און סידורים און מגילות און שמחת־תורה־פענער און מזוזות — כ׳דאַרף עס האָבן, ווי אַ לאָך אין קאָפּ!

וואָס פרעגט איר, וויפיל איז דער פּריינ? — אַנדערטהאַלבן טאָלער! פאַר אייך — בלויז אַ טאָלער! צו טייער?! מיין ליבער חבר מיסטער, אַז מ׳וויל דאַוונען, איז גאָרנישט צו־טייער! בנאמנות, אויב איר וועט באַקומען ביליקער אַזאַ מחזור ערגעץ אַנדערש, צאָל איך אייך אַ מזוזה — שטראָף!

אדרבא, קוקט־אָן אַ מחזור! דריי ימים־טובים, ראש השנה, יום כפור, סוכות, — פאַר איין טאָלער! ס׳בלויזע פּאַפּיר מיט דער באַנד איז ווערט ס׳געלט. די תפילות שענק איך אייך אומזיסט! איך דאַרף זיי נישט!

און איר מיינט, מ׳קאָן נישט ראַטעווען ס׳מחזור? — מ׳קאָן! מ׳דאַרף בלויז מאַכן אַ שטיקל טשיסטקע אין די תפילות. אַרויסנעמען די רעאַקציאָנערע פסוקים, און אַריינשטעלן — פּראָגרעסיווע!

נעמט, למשל, אַזאַ „המלך״ — ער ברענגט נישט קיין כבוד דעם מחזור. ס׳איז נישט היינט קיין צייט פאַר מלכים. אַ מאָנאַרכיע איז היינט אַ פאַרלעגענע סחורה! וויפיל מלכים דרייען זיך איצט אַרום אויף דער וועלט, נע ונד, און האָבן נישט דעם קאָפּ וואו אַוועקצולייגן?!

אָדער, למשל, נעמט די אָבינו מלכנו׳ס! זיי האָבן זיך צעלייגט ווי בייט טאַטן אין ווייגאַרטן און האָבן פאַרכאַפּט אַלע בלעטלעך פון מחזור! צי וואָלט נישט גענוג געווען איין קליין אָבינו מלכנו׳לע, און בעסער איבערלאָזן אַ שטיקל פּלאַץ פאַר אַנדערע ליבעראַלע תפילות?!

און דער קאַמפּיין פאַר „תשובה, תפילה, צדקה״, וואָס מען פירט אין מחזור, מיינט איר, איז הונדערט פּראָצענט לעגאַל?!

מילא תשובה — יאָק תשובה. אַ מענטש זינדיקט, מעג ער זיך שפּע־טער מודה זיין און אָפּשמייסן.

אַפילו תפילה, בין איך אייך אויך מוחל. מען מעג בעטן. עס ווענדט זיך נאָר — וואָס מען בעט.

אָבער — צדקה?! דאָס איז דאָך טשיסטע פילאַנטראָפּיע! מיך גייט איר אונטערשיקן צו פירן אין מחזור אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר פילאַנטראָפּיע?!

— נאָו, סער!

און דאָס שופר בלאָזן איז אַ גלאַטיק שטיקל אַרבעט? מען בלאָזט און מער רעדט האַלבע ווערטער: תקיעה... שברים... תרועה... וואָס איז מען אויסן דערמיט? — פאַרטומלען די מאַסן! און טאָמער איז דאָס וויניק, האָט מען נאָך אַריינגעשטעלט אין מחזור אַ געהיימניספולן למנצח, און מ׳הייסט אים אייך זאָגן זיבן מאָל! וואָס עפּעס דווקא זיבן מאָל?! און ווען מ׳זאָגט איין מאָל למנצח, וואָלט דעם מחזור עפּעס אָפּגעקומען?!

אויך דאָס פאַלן כורעים איז אַ שפּיצל! מען נאַרט אַריין אויף אַ גאַנצן טאָג די ברייטע מאַסן אין שול אַריין, מען לאָזט זיי נישט עסן,

מען מאַטערט זיי אויס, און מען הייסט זיי נאָך פאַלן כורעים! נו, איז דאָס יושר'דיק?!

ס'איז פּונקט אַזוי יושר'דיק, ווי צווינגען דעם עולם נאָכצוזאָגן „אָמן"!

דער אָמן איז דאָך פּאַשיזם פּיערווי קלאַס! און דאָס האַנדלען מיט עליות? — ריינע שפּעקולאַציע!

שוין אָפּגערעדט פון דוכענען. דאָס איז דאָך גאָר אַ בלינד שטיקל אַרבעט! ווער ווייסט, וואָסערע מאַכינאַציעס עס ווערן דעמאָלט אָפּגעטאָן הינטער די אויגן פון פאָלק?

דאָס דוכענען איז איין גרויסער סקאַנדאַל!

אָבער ווען מען נעמט אַרויס פון מחזור די אַלע איבעריקע זאַכן, וואָלט מען געקאָנט מאַכן דערפון אַ לייט. נו, איר נעמט ס'מחזור? — נעמט עס געזונטערהייט! באַצאָלן קאָנט איר אַפילו מיר, אָבער פאַר־פּאַקן וועט עס מיין ווייב. איך לייג נישט צו דערצו קיין האַנט. איך בין אַ פריידענקער!

אַ צוואה פון אַ כפרה

צו מיינע ברידער און שוועסטער, העגער און הינער, און אַלע אַנדערע באַשעפּענישן, וואָס באַלאַנגען צו דער הינערשער ראַסע:

איך גיי פון דער וועלט צוליב פרעמדע זינד.

אַנדערע האָבן געזינדיקט, און — איך בין די כפּרה!

איך זע אפשר אויס געזונט און פריש און מונטער, אָבער דער אמת איז — כ׳בין שוין מיט איין פיסל אין טעפּל.

מ׳האָט אַזוי לאַנג מיט מיר געדרייט, ביז מ׳האָט מיך פאַרדרייט. נאָך אַ שעה, נאָך אַ שעה, און — כ׳וועל זיין אַן אָפּגעקאָכטע!

איך האָב אָפּגעלעבט אַ שווער לעבן, אָבער — אַן ערלעכס.

קיינעם נישט באַ׳גנב׳עט, קיינעם נישט באַ׳גזל׳ט, און שטענדיק געגאַנגען מיין אויסגעטראָטענעם וועג אויף די שפּיצן פינגער.

געלעבט בשלום מיט אַלע. נישט געטראָגן קיין רכילות צו די עופות. און טאָמער איז אַמאָל געקומען צו אַ קריגערײַ, האָב איך נאָכגעגעבן. זאָל מיינס איבערגיין!

קיינמאָל נישט געזוכט קיין גליקן. זיך באַנוגנט מיט דעם, וואָס כ׳האָב געהאַט. אַז כ׳האָב געהאַט אַ קערנדל, איז עס ביי מיר אויך געווען אַ קרן!

נישט געהאַט קיין טבע מקנא צו זיין. נישט אַריינגעקוקט צו אַ צווייטן עוף אין שיסל. אַריינקוקן אין אַ פרעמדער שיסל, — דאָס פּאַסט פאַר מענטשן, אָבער נישט פאַר דער הינערשער ראַסע!

געפירט שטענדיק אַ סאָליד לעבן. נישט אַרומגעהוליעט. געגאַנגען שלאָפן גלייך מיט די הינער.

אפשר אין די יונגע יאָרן, ווען כ׳בין נאָך געווען אַ „ספּרינג טשיקן״, האָב איך געהאַט אַ ביסל ראָמאַנטישע אַוואַנטורעס. ווען כ׳האָב געהערט ביינאַכט אַ קו־קי־רי־קו, האָב איך מיך אַרויסגעגנב׳עט פון שטייג. אָבער אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך ביי די שענסטע הינער. אַ הון האָט אויך אַ האַרץ!...

אָבער אין די שפּעטערע יאָרן בין איך געוואָרן סאָלידער, און זיך אַרויסגעלאָזט פון די ראָמאַנטישע ביזנעס. ווי זאָגט ס׳ווערטל? — אַז מען ווערט עלטער, ווערט מען קעלטער!

געהאַט אַ שווער לעבן. אַלע האָבן שטענדיק געמיינט, אַז כ׳בין „אין די פּעדערן״; און וואָס עס האָט זיך געטאָן אונטער די פּעדערן, האָב איך איינע בלויז געוואוסט.

כ׳האָב ביטער געהאָרעוועט צו מאַכן אַ לעבן. באַדאַי געלייגט אייער, אַבי נישט צו פאַלן קיינעם צו־לאַסט!

די לעצטע צייטן האָב איך געלעבט אין אַ פאַרם. און איך דאַרף אייך נישט דערציילן, אַז ווען אַ הון לעבט אויף אַ פאַרם, לעקט זי נישט קיין האָניק. זי דאַרף לייגן אייער. און וויפל זי לייגט, איז פאַרן פאַרמער נישט אָנגעלייגט.

ס׳איז אַ ביטערע האָרעוואַניע. פונדעסטוועגן האָב איך קיינמאָל נישט געסטרייקט, און קיינמאָל נישט סאַבאָטירט. כ׳האָב געקרעכצט און געלייגט, געלייגט און געקרעכצט.

אָבער כ׳בין צופרידן, וואָס מיט מיינע אייער האָב איך געשטעלט דעם פאַרמער אויף די פיס. ער האָט אויסגעצאָלט דעם „מאָרגעדזש״, זיך געקויפט אַ קאַר און חתונה געמאַכט צוויי טעכטער.

נאָר מילא, וואָס געווען — איז געווען. איצט בין איך שוין אַן אָפּגעשלאָגענע כפּרה, און איך גיי פון דער וועלט אָן אַ פאַרוואָס.

געזעגן איך מיך איצט מיט אייך, און וויל אייך זאָגן אַ פּאָר ווער־טער. אויב אירווילט, — רופט עס אַ צוואה:

זייט נישט ביי זיך געפאַלן, שוועסטערלעך מיינע, קוואָקעט נישט אויף אייער דאָליע. מיינט נישט, אַז איר זענט שוואַכער פון אַלע אַנדערע באַשעפענישן. די גאַנצע וועלט, זאָלט איר וויסן, האַלט זיך היינט אויף הינערשע פּיסלעך. גייט מיט אויפגעהויבענע קעפּ!

געדענקט, מאַכט אייך נישט קיין צרות. פאַרביטערט אייך נישט ס'לעבן. שאַפט אייך נישט איין קיין אַלסערס. קוילעט אייך נישט אַוועק לעבעדיקערהייט. כל זמן איר לעבט, — לעבט אַ גוטן טאָג, און פּיקט־אויף אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך!

געדענקט, היט אייך אָפּ ס'געזונט. אַרבעט נישט איבער די כוחות. ריטאַיערט אין דער ריכטיקער צייט. רייסט נישט איין קיין וועלטן. לייגט נישט צו־פיל אייער. צו־וואָס דאַרפט איר עס? — מ'וועט אייך סיי ווי נישט שטעלן קיין גאָלדענע מצבה!

און געדענקט, ווען ס'קומט ערב יום כפור, — שטייט אויף דער וואַך. לאָזט אייך נישט פאַרנאַרן, ווען מען רופט אייך. אויב איר ווילט לעבן, — מאַכט אייך גע'פגר'ט. לאָזט אייך נישט פּראָוואָצירן, ווען איר הערט אַ „טשיפּ־טשיפּ־טשיפּ!" עס הויבט זיך אָן מיט אַ צאַרטן טשיפּ־טשיפּ־טשיפּ, און עס ענדיקט זיך מיט אַ גרויזאַמען „זה חליפתי!" מען רוקט אייך אונטער אַ סידור, מ'הייסט אייך אַריינקוקן, און איר קוקט, נעבעך, ווי אַ האָן אין „בני אדם".

און אויב ס'איז אייך באַשערט אַריינצופאַלן אין אַ טשיקן־פאַרם, — פירט אייך אויף ווירדיק. האָט אַ זעלבסטשטענדיקע מיינונג. אויב איר וועט אייך לאָזן קריכן אויפן קאָפּ, וועט איר קריגן אַ הויכן בלוט־דרוק!

ווערט נישט צעטומלט, ווען דער פאַרמער טוט אייך אָן ראָזעווע ברילן. איר קאָנט טראָגן די ברילן, אָבער קוקן זאָלט איר אויף דער וועלט מיט אייער אייגענעם בליק.

ווען איר זענט אויף אַ פאַרם, עסט נישט צו־פיל. זיצט אויף אַ דיעטע. איר זאָלט האָבן אַ כלל, אַז ווען אַ פאַרמער נעמט אייך פּאַשן, איז ער נישט אויסן אייער טובה, נאָר — זיין אייגענע טובה.

חבר׳ט אײַך נישט צו־פיל מיטן פֿאַרמער. זײַט פֿונדערװײַטנס. זאָל ער טאָן זײַן אַרבעט, און איר טוט אײַך אײַער אַרבעט, — לײגט אײַער.

װײַזט אים נישט, אַז איר זענט אַ גרױסע בריה בײַם לײגן אײַער. קוים זעט ער, אַז איר זענט אַ גרױסע צעלײגערין, װעט ער פֿאַרלאַנגען פֿון אײַך, איר זאָלט אַרבעטן אָװערטאַים. עס לױנט נישט. בעסער אַן אײ װײניקער, און — האַלטן די פֿיגור.

פֿירט נישט קײן חשבון, װיפֿל דער פֿאַרמער פֿאַרדינט אין אײַך. ער װעט אײַך שטענדיק אַזױ פֿאַרדרײען, אַז איר װעט נישט דערגײן קײן טאָלק! ער קאָן בעסער מאַטעמאַטיק פֿון אײַך!

און צו אײַך, ברידער הענער, װיל איך באַזונדער זאָגן עטלעכע װערטער:

שלאָפֿט אַ ביסל לענגער! כאַפּט אײַך נישט אױף פֿאַרטאָג צום קרײען! איר װעט גאָרנישט פֿאַרלירן, אױב איר װעט קרײען מיט אַ צװײ־דרײ שעה שפּעטער! זײַט נישט קײנעמס װעקערס! אױב פֿאַרשלאָ־פֿענע מענטשן װילן װיסן, װען זיך אױפֿצוכאַפּן, — זאָלן זײ זיך קױפֿן זײגערס. געדענקט, איר זענט נישט קײן זײגערס, — איר זענט הענער!

און צום סוף — נאָך אײן עצה פֿון אַ דערפֿאַרענער הון:

טאָמער, חלילה, װעט איר זיך אַמאָל געפֿינען אין אַ קריטישער לאַ־גע, און מ׳װעט אײַך געבן אַ מעגלעכקײט זיך אױסצוקלײַבן, װי אַזױ אומצוקומען, דורך אַ באַנקעט צי דורך כּפּרות־שלאָגן? — זאָלט איר זיך בעסער אױסקלײַבן כּפּרות־שלאָגן. ס׳איז אַ סך אַ בכבֿודיקער טױט פֿאַר אַ טשיקן, װי אומצוקומען אױף אַ באַנקעט!

איצט, װען כ׳האָב אײַך דאָס אַלץ געזאָגט, גײ איך פֿון דער װעלט מיט אַ גרינגער געמיט.

איך װינטש אײַך אַ געזונט אין אײַערע בײנער אַרײן.

בײַ יעדער געלעגנהײט, דערמאָנט מיך צום גוטן.

זאָלן די צוקונפֿטיקע דורות הינער שטענדיק געדענקען, אַז איך בין געװען —

אַ שײנע רײנע כּפּרה!

ווען אַן אינדיק וואָלט געקאָנט רעדן

טהענקסגיווינג־מאָנאָלאָג

פאַרוואָס איך בלאָז פון זיך?

— איך מעג בלאָזן!

ווען איר זענט אַן אינדיק, און איר דרייט אייך אַרויס אַ לעבעדיקער פון אַ טהענקסגיווינג, וואָלט איר נאָך מער געבלאָזן פון זיך!

מיין זיידע, זאָל זיין אָפּגעשיידט, איז געווען אַ חכם אַן אינדיק. ער האָט שטענדיק געפלעגט זאָגן: „געדענקט, קינדער מיינע, אויב עס וועט אייך באַשערט זיין, זיך צו כאָווען אין אַמעריקע, זאָלט איר אייך היטן פאַר נאָוועמבער, ווי פאַר פייער! געדענקט, אַזוי ווי ס׳באַווייזן זיך נאָר די ערשטע נאָוועמבער־בלעטלעך אויפן קאַלענדאַר, הויבט דער עולם שוין אָן צו טשאַטעווען אויף די אינדיקעס. ווי גאָט איז אייך ליב, אויב איר ווילט נישט שפּעטער חרטה־האָבן, — באַהאַלט אייך אויס!״

אַ קלוגער אינדיק געווען, מיין זיידע. געהאַט אַ קאָפּ פון אַ מיניס־טער. אָבער קלוג אַהער און קלוג אַהין, — מ׳האָט אים אויך פאַרטיק געמאַכט.

קעגן אַ טהענקסגיווינג־מאָלצייט קאָן מען קיין חכם נישט זיין. ער האָט זיך, נעבעך, אויסגעהיטן אַ גאַנץ לעבן, און דער סוף איז געווען, — מ׳האָט אים צורעכט־געמאַכט ביים טיש! מ׳האָט קיין ביינדעלע פון אים נישט איבערגעלאָזט! אַ ליכטיקן גן עדן זאָל ער דאָרט האָבן!

אַ שאָד איר האָט אים נישט געזען, ווען ער האָט געלעבט. געווען אַן אינדיק — אַ קראַסאַוויעץ. געווען דער שענסטער אינדיק אויפן בלאָק. ווען ער איז געגאַנגען צו דער סעודה, האָט ער געוואויגן פיר און צוואַנציק פונט! אָבער שפּעטער, נאָך דער פּאַרטי, וואָלט איר אים נישט דערקענט. געווען הויט און ביין. אַרומגעצופּט פון פאָרנט און פון הינטן, און אינמיטן איז ער געווען הויל ווי אַ פאַס. אַ שענערן פון אים לייגט מען אין פרידזשידעיר אַריין!

ער האָט זיך נעבעך געגנוג אָנגעליטן ביז ער איז געקומען אויפן טיש!

מ׳האָט אים אָנגעטאָן געברענטע צרות. מ׳האָט אים געבאַקן און געבראָטן. און טאָמער איז דאָס ווייניק, האָט מען אים נאָך אָנגעפּילט אין מיטן מיט אַ כאַדגאַדיע. מיינע שונאים זאָל מען אַזוי אָנפּילן, ווי מ׳האָט אים אָנגעפּילט!

איר האָט געדאַרפט זען מיט וואָסערע גרויסע אויגן די געסט — די פרעסערס, האָבן געקוקט אויף אים, ווען מ׳האָט אים אַרויפגעשטעלט אויפן טיש!

איין גאַסט האָט געריסן ס׳ווייסע פלייש, אַ צווייטער גאַסט — ס׳טונקעלע פלייש, און אַלע האָבן געוואונקען צו די פּולקעס. און וויפל פּולקעס האָט אַן אינדיק, ער קאָן זיך דאָך נישט צערייסן!

יאָ, מ׳האָט אים געטאָן אַ בערישע טובה, — מ׳האָט אים געלויבט ביים טיש. געלויבט ביזן הימל: „אַ טייערער אינדיק געווען!...״, „אַ וואוילער אינדיק געווען!...״ „אַ ווייכער אינדיק געווען!...״

מוחל די טובות!

ס׳וואָלט פאַר אים געווען אַ סך געזונטער, ווען מ׳לאָזט אים לעבן! און פאַר די געסט וואָלט אויך געווען געזונטער...

כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת: ס׳האָט נישט געפעלט קיין סך, אַז כ׳זאָל מיך האַיאָר זען מיטן זיידן... געהאַט אַ שווערן ערב טהענקסגיווינג. כ׳בין דאָך שוין געלעגן אויפן הויף פון בוטשער. כ׳בין געלעגן און

געשווינגן. אַ ברירה האָב איך געהאַט? וואָס וועל איך שרייען, ס׳וועט מיר דען העלפן? אַז עס קומט ערב טהענקסגיווינג, איז וואו מען לייגט דעם אינדיק, טוט אים וויי!...

שטעלט איך פאַר, ווי שמאָל איך האָב געהאַלטן, אַז אַ באַלעבאָסטע האָט מיך שוין געהאַט באַטאַפּט.

און אַז כ׳בין אַרויס בשלום פון דער באַלעבאָסטעס הענט, מעג איך גומל בענטשן!

ס׳איז מיר געשען אַ נס פון הימל, וואָס זי איז נישט דורכגעקומען מיטן פּרייז. איך בין פאַר איר געווען צו־טייער, אַ געזונט אויף איר!

דער סוף איז געווען איך בין געבליבן לעבן, און איר האָט מען איינ־געשלייערט אַן אַלטן אינדיק פון אייז־קאַסטן אַרויס, — מיינעם אַ קוזין פון דער דריטער ליניע. נישט קיין וואַזשנע מעצאָצע. און זי איז מסתמא אַהיימגעלאָפן דערציילן די שכנים, אַז זי האָט געכאַפּט אַ באַרגעין!...

איצט בין איך אַ ניי־געבוירענער אינדיק. איבערגעקומען די גע־פערליכע טעג. איצט איז שוין נאָכן קריזיס.

כ׳ווייס נישט, וואָס עס וועט זיין ווייטער, אָבער דערווייל האָב איך אַ יאָר מנוחה!

אַוודאי לעבט מען נישט איביק. קיין שום אינדיק ווייסט נישט, וואָס דער מאָרגן וועט אים ברענגען, אָבער אַ חיי־שעה איז אויך גוט!

ווי לאַנג כ׳וועל קאָנען, וועל איך מיך אָפּהיטן נישט אַריינצופאַלן צו די אינדיק־פרעסערס. איך וועל מיך נישט לאָזן פאַנגען. איך וועל נישט לאָזן פון מיר רייסן קיין שטיקער!

ס׳איז בעסער צו לעבן אויף בלויז וואַסער אויף דער פריי, איידער צו לעבן אויף „קרענבערי סאָוס״ ביי פרעמדע טישן!

איך וויל אַ פריי לעבן, וויל איך!

פון היינט אָן זאָלן זיי עסן האָבער, און איך וועל עסן אינדיק.

כ׳בין אויך אַ מאַמעס אַ קינד, יעי באָגו!

לאַטקעס

אַ חנוכה־סצענקע

װײַב: איך האָב פֿאַר דיר אַ סור־פּראַיז, מאַיקל!

מאַן: װאָס פֿאַראַ סורפּראַיז?

װײַב: אַ חנוכה־סורפּראַיז!

מאַן: װאָס פֿאַראַ חנוכה־סורפּראַיז?

װײַב: טרעף! — עס הױבט זיך אָן מיט אַ „לאַמעד"!

מאַן: מיט אַ לאַמעד?! בײַ דיר קאָן זיך אַ פּוטער אױך אָנהױבן מיט אַ „לאַמעד"!...

װײַב: מיט אַ „לאַמעד", — לאַטקעס!

מאַן: מאַכסט אַ טעות, פּעני, דײַנע לאַטקעס הױבן זיך אָן מיט אַ „פּײ", — פֿאַרזאַלצענע לאַטקעס, פֿאַרטרוקנטע לאַטקעס, פֿאַרברענטע לאַטקעס!

װײַב: דאָס איז געװען מיט אַכט יאָר צוריק!

מאַן: מיט נײַן יאָר צוריק!

ווייב: טאַקע מיט צען יאָר צוריק! שוין צען יאָר ווי קיין לאַטקע איז נישט אַריינגעקומען צו אונז אין הויז! אַי, ווי די יאָרן לויפן!

מאַן: און ווי די לאַטקעס לויפן! זיי לויפן צו יעדן איינעם, נאָר צו אונז ווילן זיי נישט אַריינלויפן! כ׳האָב דיך ערשט פאַראַיאָרן געבעטן, — „פעני, מאַך לאַטקעס!"

ווייב: האָב איך דאָך דיר געענטפערט „כ׳וועל אַ טראַכט טאָן", האָב איך אַ טראַכט געטאָן און באַשלאָסן האַיאָר צו מאַכן לאַטקעס!

מאַן: אויב אַ גאַנץ יאָר האָט געדויערט ס׳טראַכטן, שטעל איך מיר שוין פאָר, ווי לאַנג עס וועט דויערן ס׳פּרעגלען!

ווייב: זאָל דויערן, אַבי זיי זאָלן געראָטן! כ׳האָב באַשלאָסן צו מאַכן אַזעלכע לאַטקעס, אַז —

מאַן: ...אַז אפילו דער קייסער זאָל זיי מעגן עסן, יאָ?!

ווייב: ניין! דעם קייסער וועל איך נישט איינלאַדן, אָבער עטלעכע היימישע מענטשן וואָלט איך יאָ געוואָלט איינלאַדן!

מאַן: זע איך דאָך שוין, דו גרייטסט זיך צו מאַכן אַ פּאַרטי.

ווייב: נישט קיין פענסי מעשות! כ׳וועל איינלאַדן די שטיינבערגס מיט די וואַסערמאַנס, דאַטסאָל!

מאַן: טו נישט אָפּ קיין נאַרישקייטן, פעני! קוים לאַדסטו איין די וואַסערמאַנס, — דאַרפסטו שוין די מעסינגערס אויך איינלאַדן! סיידן, דו ווילסט דיר איינקויפן שונאים אויפן אייביקן לעבן?!

ווייב: מיינסט כ׳וואָלט נישט איינגעלאַדן די מעסינגערס? — אָבער זיי קומען שטענדיק מיט די קינדער און מיט די מחותנים, און דאָס שמעקט שוין מיט אַ פאַמיליע פון אַכט!

מאַן: לאַד׳זשע קיינעם נישט איין! איך וועל זיין? דו וועסט זיין? די לאַטקעס וועלן זיין? — געננג! וואָס קלענער דער עולם, —

ווייב: אַלץ שענער די שמחה?

מאַן: ניין, — אַלץ גרעסערע פּאָרציעס!...

ווייב: זאָל איך צוליב די נאַרישע מעסינגערס מיר פאַרשטערן אַ חנוכה און קיינעם נישט איינלאַדן? כ׳הענג מיטן קאָפּ, לאָמיך שוין הענגען מיט די פיס! — כ׳וועל זיי איינלאַדן!

מאַן: וועסטו האָבן צוזאַמען — זעכצן געסט!

ווייב: זעכצן?! הלוואי זאָלסטו אָפּקומען מיט פינף און צוואַנציק! האָסט פאַרגעסן, אַז שכנים זיינען אויך דאָ אויף דער וועלט! אַז זיי וועלן דערשמעקן לאַטקעס, קומען זיי גלייך צו לויפן!

מאַן: מאַך־זשע אַזוי, אַז מ׳זאָל נישט דערשמעקן!

ווייב: אַזוי?! זיי דו אַ בריה און פרעגל לאַטקעס, אַז מ׳זאָל נישט דערשמעקן!

מאַן: און אפשר וועלן די שכנים נישט זיין אינדערהיים?

ווייב: פאַרלאָז דיך אויף אונזערע שכנים, — וואו זיי זאָלן נישט זיין, וועלן זיי דערשמעקן!

מאַן: אויב אַזוי, גיב אויף די פאַרטי!

ווייב: ניין, מאַיקל! מיר וואוינען נישט אין קיין וואַלד און מיר אַנטלויפן נישט פון קיין מענטשן! איין מאָל אין יאָר איז חנוכה, דאַרף מען איינלאַדן מענטשן.

מאַן: טו, ווי דו פאַרשטייסט!

ווייב: אָט אַזוי רעדסטו, ווי אַ מאַן דאַרף רעדן! אָבער...

מאַן: וואָס „אָבער״?!

ווייב: אויב מען פאַרבעט שוין געסט, וואָלט מען אפשר געדאַרפט אַביסל פיקסן די וואוינונג?

מאַן: אַלץ פאַר די לאַטקעס?

ווייב: נישט פאַר די לאַטקעס, נאָר פאַר די געסט! עס פּאַסט נישט אַריינצוברענגען מענטשן אין אַ שטאַל!

מאַן: אונזער וואוינונג איז אַ שטאַל!?

ווייב: וואָס דען, — אַ פּאַלאַץ? אַ פּענט־הויז? אַ וואַלדאָרף אַס־טאָריאַ?! קוק אָן די ווענט, וועסטו זען, אַ שטאַל! מ׳דאַרף מאָלן!

מאַן: אָקעי, לאָז מאָלן!

ווייב: און אַז עס וועט זיין אויסגעמאָלט, דאַרף מען קויפן אַ פּיאַנע אין הויז אַריין!

מאַן: אַ פּיאַנע?!

ווייב: וואָס דען, — אַן אָרגל? אַ פידל? אַ סאַקסאָפאָן?

מאַן: ווער פון אונז שפּילט פּיאַנע?

ווייב: פון אונז — קיינער נישט, אָבער ס׳וועט זיך מסתמא געפינען איין גאַסט צווישן דרייסיק געסט, וואָס שפּילט יאָ פּיאַנע!

מאַן: זאָל איך צוליב אַ גאַסט קויפן אַ פּיאַנע?

ווייב: מאַיקל, ס׳איז נישט צוליב אַ גאַסט, — עס איז צוליב אונז! דער גאַסט וועט נישט מיטנעמען די פּיאַנע! דער גאַסט וועט אַוועקגיין, און די פּיאַנע וועט בלייבן ביי אונז!

מאַן: און וואָס וועלן מיר שפּעטער טאָן מיט דער פּיאַנע?

ווייב: ס׳פעלט וואָס צו טאָן מיט אַ פּיאַנע?! האָב נאָר אַזויפיל פּיאַנעס, ווי מ׳וועט שוין געפינען וואָס צו טאָן מיט זיי!

מאַן: אָקעי, קויף אַ פּיאַנע!

ווייב: אָט, אַזוי פאַרשטיי איך! ס׳וועט זיין די אמתע חנוכה־פּאַרטי!

מאַן: צופרידן? — אַבי דו האָסט שוין אַלץ!

ווייב: נאָך נישט אַלץ, מאַיקל!

מאַן: נאָך עפּעס?!

ווייב: אַ דאַימאָנדל וואָלט איך געדאַרפט!

מאַן: אַ נייע מעשה! צו די לאַטקעס — אַ „דאַימאָנדל״?

ווייב: נישט צו די לאַטקעס, נאָר צו דעם־אָ פינגער!

מאַן: אַ חנוכה־מתנה?

ווייב: נישט קיין חנוכה־מתנה, נאָר אַ „זילבערנע חתונה״־מתנה, וואָס האָסט מיר צוגעזאָגט!

מאַן: איך האָב דיר צוגעזאָגט קויפן אַ דאַימאָנד־רינג צו די פינף און צוואַנציק יאָר נאָך דער חתונה!

ווייב: און ביי וויפיל האַלטן מיר היינט?

מאַן: ביי אַכצן יאָר!

ווייב: איז וויפיל פעלט מיר נאָך צו?

מאַן: זיבן יאָר!

ווייב: טרויסטו מיר נישט קיין זיבן יאָר?! אַכצן יאָר האָסטו מיר געטרויט, און זיבן נאַרישע יאָר טרויסטו מיר נישט?! קויף מיר איצט, וועסטו פּטור זיין דערנאָך! בין איך גערעכט?!

מאַן: אָנגעהויבן מיט לאַטקעס, און פון די לאַטקעס איז אַרויס־געוואַקסן — אַ פּעינטער, אַ פּיאַנע, אַ דאַימאָנד־רינג, און ווילסט מיר נאָך איינרעדן, אַז דו ביזט געַרעכט אויך?!

ווייב: האָב איך אַן אַנדער פּלאַן, מאַיקל! מ׳וועט מאָלן, וועסט קויפן אַ פּיאַנאָ און קויפן אַ דאַימאָנד־רינג און שוין!

מאַן: און די לאַטקעס?

ווייב: געוואַלד געשריגן, זאָרג נישט אַזויפיל וועגן די לאַטקעס! עמיצער וועט אונז פאַרבעטן אויף לאַטקעס, — וועט מען גיי אויף לאַט־קעס, און וועסט האָבן לאַטקעס!

אַן אייניקל ווערט בר־מצוה

שווער צו זיין אַ זיידע אין אַמע־ריקע, — שוין אַ סך גרינגער צו זיין אַן אייניקל!

ווער שמועסט נאָך, דער זיידע הייסט זעליג בן יעקב יוסף, און ס׳אייניקל הייסט אירווינג בן טשאַרלי, — איז דער זיידע זיכער אַ פאַר־שפּילטער. אַזאַ אַלט־מאָדישער זיידע מוז זיין פון אונטן, און ס׳אייניקל — פון אויבן!

מיין אייניקל, זאָל זיין געזונט און שטאַרק, הייסט טאַקע אירווינג, און ער גרייט זיך צו ווערן בר־מצוה.

ס׳הייסט, ער אַליין גרייט זיך נישט. ער ווייס נישט, מיט וואָס מען עסט עס.

און פון וואַנען זאָל ער וויסן? — ער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען בר־מצוה!

אָבער דער טאַטע זיינער, — מיין זון, טשאַרלי, — איז דאָך שוין יאָ געווען בר־מצוה, און פונדעסטוועגן ווייס ער אויך נישט. וואָס ער האָט געוואוסט, האָט ער פאַרגעסן. אַמעריקע!...

און די מאַמע זיינע, — מיין שנור, מאַלי, — איז אויך נישט קיין גרויסע קענערין אין די בר־מצווה ענינים.

ס׳הייסט, זי ווייס יאָ, און זי ווייס נישט.

זי ווייס, אַז צו דרייצן יאָר הויבט מען אָן לייגן תפילין; אָבער ווען מ׳דאַרף אויפהערן לייגן, — דאָס ווייס זי נישט.

האָט מען איבערגעגעבן מיר, דעם זיידן, דעם דזשאָב צו נעמען „קעיר" אויפן באָי ביז איבער דער בר־מצווה.

האָב איך אָנגענומען דעם דזשאָב.

אייגנטלעך איז עס נישט קיין גאַנצער דזשאָב, נאָר — אַ האַלבער.

איין העלפט האָב איך גענומען, און איין העלפט — דער היברו טיטשער.

מיר האָבן זיך איינגעטיילט. ער האָט גענומען אויף זיך דעם ענגלישן ספּיטש, און איך האָב גענומען אויף זיך די הפטורה מיט די ברכות.

און כ׳דאַרף אייך נישט זאָגן, אַז מיינע ברכות זיינען אַ שווערערע משא צו טראָגן, ווי זיין ענגלישער ספּיטש; אָבער עס אַרט מיך נישט, ווייל ס׳איז אַ אידישע משא, און עס טראָגט זיך גאַנץ גוט.

אָבער אַזוי ווי כ׳האָב נאָר גענומען אין דער אַרבעט אַריין דעם באָי, האָב איך באַלד דערזען, אַז עס וועט זיין אַ שווער טראָגן.

מילא, דער היברו־טיטשער האָט זיך געמאַכט אַ לייכט לעבן. ער האָט געבערענגט אַ גראַמאָפאָן־פּלאַטע, און איבערגעלאָזט דעם באָי אַ מעסעדזש: „ווען וועסט האָבן אַ פּרייע מינוט פון בעיסבאָל, שטעל־אָן דעם רעקאָרד און גיב אַ פאַר־דורך דעם ספּיטש! און אַזוי ווי דו וועסט נאָר אַטענדן איין זייט, — זאָלסטו זיך נעמען צו דער צווייטער זייט!"

נו, איז דאָס שווער?! — וואָס פאַראַ קינץ איז צו ווערן בר־מצווה דורכן גראַמאָפאָן?!

אָבער איך וועל נישט גיין מאַכן קיין מאַנקי ביזנעס מיט דער הפטורה און מיט די ברכות! איך האַלט נישט פון קיין מאַשינאַווע בר־מצוות! איך ווייס נישט פון דער נייער טעכניק! איך יוז אונזער אַלטע אויסגע־פּרוּווטע טעכניק פון שולחן ערוך!

האָב איך געזען, אַז עס איז נישט קיין דזשאָב, נאָר — קאַטאָרגע!

ווען כ׳האָב אים ס׳ערשטע מאָל געוויזן ווי אַזוי צו לייגן תפילין,

האָב איך אפילו יאָ מצליח געווען. ער האָט מיר אַליין מודה געווען „אַי לאַיק איט!". כאָטש ער האָט דערווייל בלויז אַקצעפּטירט דעם „של יד", און דער „של ראש" האָט אים נישט געגומען.

טראַכט איך מיר: נעווער מאַינד! ער וועט בעסער ווערן! אויב כ׳בין שוין ביי דער האַנט, וועל איך, מערטשעם, ביים קאָפּ אויך זיין!

אָבער דערפאַר, ווען ס׳איז געקומען צו דער הפטורה, האָב איך באַקומען אַ הויכן בלוט־דרוק. שוין דאָס בלויזע כאַפּן אים אויף אַן הפטורה־אַפּאָינטמענט, איז מיר אָנגעקומען מיט קופּערנע ווערים.

פינף מאָל איז ער אינגאַנצן נישט געקומען, און אויפן זעקסטן מאָל האָט ער מיר געבערענגט צו דער הפטורה אַ חבר — אַ פּאָרטאָריקאַנער. האָב איך אים געגעבן צו פאַרשטיין:

„אוירווינג, דאָס פּאַרט זיך נישט! קלויב דיר אויס איינס פון דיביידע: אָדער די הפטורה, אָדער — פּאָרטאָ ריקאָ!"

האָט ער זיך אויסגעקליבן פּאָרטאָ ריקאָ!

ביז איין מאָל האָט דער באַי גענומען מיט מיר רעדן אָפענע דיבורים:

— גרענדפּאַ, לאָמיר אָפּלייגן די „באַרמיצווע" אויף עטלעכע יאָר שפּעטער!

— חס וחלילה! — זאָג איך, — דאָס איז אַ הייליקער „דעיט"! אַ דעיט מיט דיין גוירל־פרענד האָלטסטו, און אַ דעיט מיטן רבונו של עולם גייסטו אָפּלייגן?!

— אויב אַזוי, — זאָגט ער, — לאָמיר אָפּלייגן די באַרמיצווע ביז נאָך די פאַינעלס פון בעיסבאָל!

— חס וחלילה! — זאָג איך, — פאַרוואָס זאָל די בר מצוה ליידן?! זאָל מען אָפּלייגן די פאַינעלס, און נישט די בר־מצוה!

האָט ער געזען, אַז וועגן אָפּלייגן איז נישטאָ וואָס צו רעדן, האָט ער גענומען מיט מיר האַנדלען, אַז כ׳זאָל אָוועקנעמען פון אים אַביסל פון די „בראָכעס". ס׳איז צופיל בראָכעס. איין „בראָך" וועט זיין פּלענטי!

האָב איך דאָן געזען, אַז כ׳בין גוט באַקליידט, איז מיר איינגעפאַלן צו רעדן מיט אים ביזנעס:

— ווייסטו וואָס, — זאָג איך, — אוירווינג, קריגסט אַ קוואָדער

פאַר יעדער ברכה. ווּעסטו מאַכן פון די ברכות אַ שיינע פאַר טאָלער! קיין שום איד האָט נאָך צו די ברכות נישט דערלייגט!

צומאָרגענס איז ער געקומען מיט נייע פאָדערונגען:

— גרעדנפּאַ, מ׳וועט היינט נישט אַרבעטן!

— פאַרוואָס, — פרעג איך אים, — וועט מען היינט נישט אַרבעטן, ס׳איז אַ דעי־אָף?!

— ניין, צוליב עפּעס אַנדערש! מיינער אַ חבר, אַן איטאַליענער, האָט מיר געזאָגט, אַז ווייניקער ווי אַ האַלבן טאָלער אַ שטיק זאָל איך נישט נעמען!

פּראָביר איך שוין גיין מיט בייזן און נעם אים סטראַשען:

— גיב מיר צוריק דאָס תפילין־זעקעלע, וואָס כ׳האָב דיר געקויפט אַ מתנה!

דערציילט ער מיר אַ סוד, אַז ער האָט זיך געטוישט מיט אַן איירישמאַן: „איך האָב אים אָוועקגעגעבן ס׳זעקעלע, און ער האָט מיך דערפאַר געלאָזט פאָרן אַ האַלבן טאָג אויף זיין באַיק!“

בין איך אַוועק צום טאַטן און צו דער מאַמען און געזאָגט:

— קינדער, איך מוז אויפגעבן דעם דזשאַב! איך וועל, מערטשעם, זיין אויף דער שמחה, אָבער איך וויל קומען צום גרייטן! איך האָב צופיל שותפים צו דער מצוה.

צו דער הפטורה האָב איך אַ פאַרטאָריקאַנער; צו די ברכות — אַן איטאַליענער; און צום תפילין־זעקל — אַן איירישמאַן. ס׳איז נישט פאַר מיינע כוחות!

איצט ליגט די גאַנצע בר מצוה אין די הענט פון היברו־טיטשער.

צי ער וועט מער מצליח זיין פון מיר, ווייס איך נישט. מסתמא

— יאָ. היינטיקע צייטן אַרבעט אַ רעקאָרד בעסער פון אַ ייִדן

אָבער איין זאַך ווייס איך שוין אין פאָראויס:

דער בר־מצוה בחור האָט געמאַכט אַ „דיעל“ מיט דער מאַמען:

די מתנות, וואָס וועלן אַריינפאַלן אויף דער בר־מצוה פאַרטי, געהערן צום באַי; און די תפילין — וועט ער אַוועקשענקען דעם טאַטן!

צום געזונט!

„נו, איצט גלויבט איר מיר שוין?!"

(מצבה־אויפשריפט אויפן קבר פון אַ היפּאָכאָנדריק)

אַ באַזוך ביים קראַנקן

העלאָו, מיסטער בליץ! ווי פילט איר? איר ווייסט, כ׳האָב אייך נישט דערקענט... פאַרלוירן וואָג, האַ?.. זען זעט איר אויס נישט שלעכט, נאָר ס׳פּנים איז אַביסל אין דר׳ערד... אַן אַנדער פּנים!.. די אויגן פאַרלאָשן... די באַקן איינגעפאַלן... די נאָז אויסגעשפּיצט... נישט געזאָרגט! ווערט נאָר געזונט, וועט איר קומען צו זיך!

זאָל אייך נישט אַרן, וואָס איר האָט פאַרלוירן וואָג. זייט צופרידן, ס׳איז נאָך אַביסל געבליבן... בעסער אַביסל, איידער — אינגאַנצן גאָרנישט!

זייט מוחל, וואָס כ׳בין געקומען מיט לײדיקע הענט. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז איר דערקענט שוין נישט קיין מענטשן!

כ׳וועל אײך לאַנג נישט באַדערן, מיסטער בליץ! איבערגעלאָזט די ביזנעס, און געקומען אויף עטלעכע מינוט. בלויז זאָגן אַ טרייסט־וואָרט און אַוועקגיין.

פאַר אַ חרוב׳ן מענטשן, אַזוי ווי איר, איז אַ טרייסט־וואָרט וויכטיקער פון אַ דאָקטאָר, וויכטיקער פון אַ מעדיצין. איין טרייסט־וואָרט ווירקט אַמאָל מער ווי צען וואַיטאַמינס!

איר ווייסט כאָטש, מיסטער בליץ, אַז איך קען דעם־אָ שפּיטאָל. דאָ, ווי מײנע צען פינגער! דאָ, אין דעם־אָ שפּיטאָל, האָט מען דאָך מיך אָפּערירט! כ׳בין שוין געווען מער אויף יענער וועלט, ווי אויף דער וועלט. כ׳האָב אויסגעזען פּונקט אַזוי ווי איר. אַ שענערן לייגט מען אין קבר אַריין!

און כ׳האָב נאָך אַ נײעס פאַר אײך, מיסטער בליץ, — אַפילו אינם זעלבן צימער, דאָ־אָ, בין איך געלעגן!

כ׳דערקען אַפילו מיין בעט.

דאָרט אויף יענעם בעט, נעבן פענסטער, האָב איך אָפּגע׳חושכ׳ט דרייצן וואָכן. כ׳האָב אויסגעזען, ווי אַ שאָטן. אײער פּנים האָב איך געהאַט! באַהיט זאָל מען ווערן!

און קעגנאיבער מיין בעט איז געלעגן אַ שכן. אַ איד אין אײער עלטער. זאָל ער דאָרט האָבן אַ גרינגן גן־עדן. ער האָט געפּלעגט אָפּקרעכצען גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט.

און דאָרט, ביי יענער וואַנט, איז געלעגן אַ חולה — הויט און ביין. די אויגן פאַרלאָשן... די באַקן איינגעפאַלן... די נאָז אויסגעשפּיצט... אוי, האָט ער זיך, נעבעך, געמאַטערט. ס׳איז אים שוין איצט בעסער ווי דעמאָלס. ברוך דיין אמת!...

און אין יענעם ווינקל דאָרט?.. זאָלן מיינע אויגן שוין נישט זען, וואָס איך האָב געזען!

כ׳געדענק אים אַזוי ווי איצט.

אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ שקעלעט, אײך אויף צו לענגערע יאָר!

געהאַט אַ קוויטשנדיק קול, נישט פאַר אײך אָנגעצייכנט.

אוןביים רעדן האָט ער זיך פאַרהאַקט.

איר, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, פאַרהאַקט זיך דאָך אויך ביים רעדן, אָבער ווי קומט עס?! אייער פאַרהאַקעכץ איז גאָלד קעגן אים!

אין די לעצטע טעג האָט ער זיך שוין אַפילו נישט פאַרהאַקט אויך. פאַרלוירן ס'לשון, נישט פאַר אייך געדאַכט! אַזאַ שטילער מענטש געווען מיט אַן איידעלן אויסזען, אַזוי ווי איר, אייך אויף צו לענגערע יאָר!

אָבער די ערגסטע מערכה דאָ, אין דער שטוב, האָט, נעבעך, געהאַט אייער בעט!

די פּאַציענטן אויף אייער בעט האָבן זיך כסדר געביטן. אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ!

קיינער פון זיי האָט נישט לאַנג אָנגעטריבן.

געקומען, און — שוין נישט צוריקגעגאַנגען.

יאָ, מיסטער בליץ, אַזוי איז שוין ס'לעבן!

אַפילו געזונטערהייט לעקט מען היינטיקע צייטן אויך נישט קיין האָניק, היינט שטעלט אייך שוין פאַר — קראַנקערהייט!

אַ שפּיטאָל, זאָלט איר וויסן, האָט אַ ברייטע טיר צום אַריין, און אַ שמאָלע טיר צום אַרויס. און אַחוץ אַלעם, אַ בעט דאַרף אויך האָבן מזל.

אין מיינע צייטן, ווען איך בין דאָ געלעגן, איז אייער בעט געווען אַ שלימאַזלדיק בעט.

זאָלן זיי זיך דאָרט מיען פאַר אונז!

כ'געדענק איינער, וואָס איז געלעגן אויף אייער בעט, איז נעבעך, געווען עלנד ווי אַ שטיין. צו אייך קומט כאָטש עמיצער זיך פרעגן ווי איר פילט, זאָגן אַ טרייסט-וואָרט, געבן אייך מוט, פאַרלייכטערן ס'געמיט, אָבער יענער איז געווען איינזאַם, ווי אַ בוים אין פעלד.

כ'געדענק, ווי ער האָט מיר דיקטירט אַ בריוו צו זיינעם אַ פעטער.

כ'האָב אָנגעשריבן דעם בריוו, אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט, אויפגעקלעפּט אַ מאַרקע, און אין מיטן דיקטירן דעם אַדרעס, איידער כ'האָב נאָך באַוויזן אויפצושרייבן די שטאָט מיט דער גאַס, איז ער, נעבעך, נישט פאַר אייך געדאַכט — — —

וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן? — דער בריוו ליגט נאָך ביי מיר ביזן היינטיקן טאָג.

כ׳האָב בלויז אַראָפּגענומען דעם סטעמפּ!

ווען... כ׳וויל איך נישט צופיל באַדערן. גענוג. כ׳בין געקומען בלויז איך זאָגן העלאָו, און אַריינוואַרפן אַ טרייסט־וואָרט. דאַטסאָל!

כ׳קוק איך אָן, רייסט מיך ביים האַרץ. אָבער נישט געזאָרגט. גאָט איז אַ פּאָטער!

זייט געזונט! האָט מיר אַ רפואה שלימה!

קרענק מיט בוכהאַלטעריע

אַ ין וואָרט־צימער פון דאָק־
טאָר באַקענט איר זיך מיט פאַרשידענע טיפּן פּאַציענטן.

און אַז איר באַקענט זיך, — צערעדט איר זיך.

וועגן וואָס רעדט מען? — וועגן קרענק!

און יעדער קראַנקער האָט אַ שוואַכקייט צו ליבן נאָר זיין אייגענע קרענק, און יענעמס קרענק מאַכט ער צו קליין־געלט. נישט ווערט קיין סענט. כאַטש נעם און וואַרף זי אַרויס!

איינער פון די פּאַציענטן, אַ באַזיצער פון אַ שפּאָר ביסל קרענק, האָט זיך פאַר מיר באַרימט, אַז ער ווייסט געניי, וויפיל יעדע קראַנקייט האָט אים שוין אָפּגעקאָסט.

„מיינע צוויי שוואַכע פיס, — זאָגט צו מיר דער איד, — קאָסטן מיך שוין בערך פינף הונדערט טאָלער. עס מאַכט מיר אויס קנאַפּע צוויי הונדערט און פופציק טאָלער — אַ פוס.

„און וואו איז דער קראַנקער האַלז? — ציט דער איד ווייטער דעם חשבון, — און דער מאָגן? און די אויערן? איך האָב אויערן, וואָס

קלינגען מיר בייטאָג און ביינאַכט; און יעדער קלונג, קאָסט מיך געלט,
— זיי קלינגען נישט אומזיסט!

„און ווען איר גיט אַ קוק אויף מיין קאָפּ, דאַכט זיך אייך, אַז דער קאָפּ איז גאָרנישט, אײַ?! און פונדעסטוועגן קאָסט מיך שוין דער נאַרישער קאָפּ — שווערע, שווערע הונדערטער!

„וואָרט, כאַפּט נישט, — זאָגט ער ווייטער, — און וואו זיינען די עקס־רעיס מיט די פּיקטשורס? יעדעס פּיקטשור׳ל איז דאָך מיט גאָלד צוגלייך!

„בלויז פאַר די לעבער האָב איך באַצאָלט דרייסיק טאָלער. אָבער ס׳איז ווערט. ס׳איז דאָ וואָס אָנצוקוקן. ס׳איז מיר אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז כ׳האָב באַשטעלט נאָך זעקס קליינע בילדלעך און איין בילד האָב איך פאַרגרעסערט. האָב איך איצט זעקס קליינע לעבערלעך און איין גרויסע לעבער!

און דאָס אַלץ קאָסט מיך, און דאָס אַלץ איז ביי מיר פאַרשריבן ביז צום סענט!

איך פיר אַ רעגעלע בוכהאַלטעריע. ביי מיר איז יעדע קרענק פאַר־שריבן פון „אַלף״ ביז „תיו״.

וואָסער קרענק איר וועט ביי מיר אָנכאַפּן, איז זי פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס!

לעבער? — פאַרשריבן!

נירן? — פאַרשריבן!

האַרץ? — פאַרשריבן!

רעאומאַטיס? — פאַרשריבן!

איך האָב פיינט ביי אַ קראַנקייט צו טאַפּן אין דער פינסטער.

יעדע קרענק, אַפילו דאָס מינדעסטע אָלסערל — איז אין די ביכער!

איר וועט לאַכן פון מיר? — איך האָב אינדערהיים ליגן צוויי אַזעלכע גראָבע ביכער, פאַרשריבענע מיט מיינע שלאָפקייטן.

פאַרשריבן ווען ס׳האָט מיר אָנגעהויבן וויי־טאָן, און צו וועלכן דאָק־טאָר כ׳בין געגאַנגען, און וואָס ער האָט מיך געהייסן נעמען, און וואָס איך האָב אים געגעבן, און וואָס עס האָט מיר געהאָלפן, און ביי וואָס מיר זיינען געבליבן שטיין.

און טאַקע זינט כ׳האָב אָנגעהויבן צו פאַרשרייבן און גענומען מאַכן אַ טאָלק מיט די קרענק מיינע — פיל איך מיך ווי ניי־געבוירן.

שטעלט אייך פאָר:

איר פילט עפּעס אַ שטעכעלע אין פוס, יאָ? — אַן אַנדערער אויף אייער אָרט וואָלט באַלד אַוועקגעלאָפן צו אַ דאָקטאָר, — קום איך און זאָג: כאַפּ נישט! קודם־כל זיי דיך מטריח צו די פּאַילס. מיש־אויף דאָס בלעטל מיט „שין״ — שטאָך. דערנאָך לייען דורך פּאַוואָליע:

„שטאָך רעכטער פוס, שטאָך לינקער פוס. געוועןביים דאָקטאָר, געזאָגט ס׳איז גאָרנישט. ווידער ווײ־געטאָן. נאָך אַמאָל געגאַנגען צום דאָקטאָר, געזאָגט רעוומאַטיזם. פאַרשריבן מעדיצין, נישט געהאָלפן. זיך גע׳עצה׳ט מיט אַ שכן. געהייסן צולייגן וואַרעמע קאָמפּרעסן. ס׳האָט יאָ געהאָלפן״.

איר גייט־צו צו„אַלף״, האָט איר — „אַסטמאַ״.

איר זוכט־אויס „בית״, האָט איר — ברענונג אויפן האַרץ.

עס פאַרגלוסט זיך אייך „גימל״, האָט איר — „גאַל בלאַדערס״.

„דאַלעט״ — דאַיעט.

„האַי״ — „האַי־פּיווער״.

און אַזוי גייען די קרענק ביזן סוף פון אלף־בית. נישטאָ קיין איין געזונטער אות.

וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן, — איר זענט ביי די „פּאַילס״, האָט איר פון כל־טוב.

ביי טייל אותיות האָט איר אַפילו עטלעכע קרענק מיטאַמאָל.

איך קאָן אַזוי אָפּזיצן גאַנצע נעכט ביי די שלאָפּקייטן און נישט ווערן מיד.

איך האָב איבערגעריסן און געפרעגט דעם אידן: „אויב די פּאַילס העלפן אייך, צו וואָס־זשע ווידער זענט איר איצט געקומען צום דאָקטאָר?״

— ווייל ס׳איז מיר געשען, — זאָגט ער, — אַן עקסידענט! כ׳האָב נעכטן געמישט די פּאַילס, האָב איך דערזען, אַז די „מעם״ פּעלט מיר. און אַז כ׳האָב נישט די „מעם״, האָב איך נישט דעם „מאָגן״, — בין איך דעריבער איצט געקומען צום דאָקטאָר אויפן מאָגן!

אַ פּאַציענט — אַ ספּעציאַליסט

דאָס אומגליק מיט מיר איז, וואָס איך בין אַ צו־גרויסער מבין אויף מעדיצין!

אַז איך קום צו אַ דאָקטאָר, זאָג איך אים שטענדיק וואָס מיר פעלט, און איך גיב אים אַן עצה וואָס ער זאָל מיר פאַרשרייבן.

און דאָקטוירים גלייכן נישט, אַז אַ פּאַציענט מישט זיך אין דאָקטאָריע. אַ דאָקטאָר האָט ליב, אַז אַ פּאַציענט זאָל זיך האַלטן געזונטערהייט מיט זיין קרענק, און זאָל נישט אַריינקריכן אין דאָקטאָרס ביזנעס.

פון וואַנען קום איך צו דאָקטאָריע? — קיין קאַלעדזש האָב איך נישט מיטגעמאַכט און קיין דיפּלאָמע האָב איך נישט.

אָבער כ׳ווייס מער, ווי אַ דאָקטאָר מיט צען דיפּלאָמעס!

איך ווייס עס פון אייגענער פּראַקטיק, — פון אייגענע קרענק.

און ביי מיר איז אַן אייגענע קרענק בעסער פון אַ קאַלעדזש.

אין קאַלעדזש לערנט מען זיך אויף אַ פרעמדער באָרד שערן. אָבער אַז מען איז אַליין קראַנק, לערנט מען זיך שערן אויף דער אייגענער

באַרד, און מ׳דאַרף נישט אָנקומען צו קיינעמס הילף. מיינע שונאים זאָלן דאַרפן אָנקומען צו יענעמס הילף!

נישטאָ קיין איין קרענק, וואָס כ׳זאָל נישט קענען.

און אַז איך גיב אַ קוק אויף אַ רעצעפּט, ווייס איך וואָס עס טוט זיך דאָרט.

איך לייען אַ רעצעפּט, אַזוי שנעל ווי אַ ראָמאַן.

זיי, די דאָקטוירים, שרייבן דאָך ספּעציעל לאַטייניש, אַז מ׳זאָל נישט פאַרשטיין, — אָבער פאַר מיר איז נישטאָ קיין סוד, כ׳פאַרשטיי יעדעס וואָרט.

און דאָקטוירים גלייכן דאָס נישט.

אַז איך גיב אַ זאָג צו אַ דאָקטאָר: „דאָק, פאַרשרייבט מיר נישט צופיל מאָרפיום!" — איז ווי כ׳וואָלט אים געקוילעט אָן אַ מעסער.

אָדער כ׳האָב אַמאָל אַ זאָג־געטאָן צו אַ דאָקטאָר: „דאָק, עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז דער אַפּענדיקס מיינער ליגט מיר נישט אויפן ריכטיקן אָרט!" — האָט ער מיך געוואָלט איינשלינגען.

און אַז איך האָב אַמאָל אַ זאָג־געטאָן פאַר דער אָפּעראַציע צו אַ „סוירדזשען": „דאָק, שלעפּערט מיך נישט איין, ווייל כ׳וויל זען, וואָס איר שניידט!" — איז ווי כ׳וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער וואַסער.

און צוליב דעם, וואָס איך ווייס אַזוי פיל אין דאָקטאָריע, האָבן די דאָקטוירים מיך פיינט, און איינער שיקט מיך צום צווייטן!

און אַז מ׳שיקט מיך — גיי איך. קראַנקייטס־בענעפּיטס פעלן מיר נישט, טאָ וואָס האָב איך צו פאַרלירן?!

גיי איך פון איין דאָקטאָר צום צווייטן, פון איין שפּיטאָל צום צווייטן, פון איין טשעק־אַפּ צום צווייטן.

אָבער אַז איך גיי אויף אַ טשעק־אַפּ, און איך לייג־אַריין מי און מאַטער און האַרעוואַניע און אַלץ וואָס מען דאַרף, און דער דאָקטאָר גיט מיר דערנאָך אַ זאָג: „גייט אַהיים, ס׳איז אייך גאָרנישט!" — וואָלט איך אַזאַ דאָקטאָר, ווען איך שעם זיך נישט, דערשאָסן!

אַ לייטישער דאָקטאָר שיקט קיינמאָל נישט אַהיים אַ פּאַציענט מיט גאָרנישט.

אַ לייטישער דאָקטאָר געפינט עפּעס.

בטבע בין איך אַ געדולדיקער מענטש, ווען כ׳זיץ אין קאַבינעט פון אַ דאָקטאָר.

ער הייסט מיך אויסטאָן, טו איך מיך אויס, און — כ׳שוויג און וואַרט. לאָמיך זען וואָס דאָ וועט אַרויסקומען. ממה נפשך: וועט ער זאָגן, אַז כ׳בין קראַנק, איז דאָך גוט; אָבער טאָמער גיט ער אַ זאָג, אַז כ׳בין געזונט, — מאַך איך אים קראַנק!

איר וועט מיר גלויבן, איך האָב שוין אַמאָל ביי אַ דאָקטאָר אין קאַבינעט צעבראָכן פון אויפרעגונג — אַ לאָמפּ!

אין אָנהויב פון דער אונטערזוכונג, בין איך געזעסן רואיק. געקריצט מיט די ציין און געשוויגן. כ׳האָב מיך באַהערשט מיט אַלע כוחות.

צוערשט האָט ער מיר באַטראַכט די לונגען. געקוקט אַהער, געקוקט אַהין — און גיט מיר אַ זאָג: „געזונטע לונגען!״ מאַך איך אַ שוויג און וואַרט וואָס ער וועט מיר זאָגן נאָכן באַטראַכטן ס׳האַרץ.

באַטאַפּט ער מיר ס׳האַרץ און גיט מיר אַזוי שטילערהייט אַ זאָג: „אויף אַלע מיינע פּאַציענטן געזאָגט נישט קיין ערגער האַרץ!״

דאָ האָט מיך שוין אָנגעהויבן אַביסל צו פּאַרדריסן, אָבער איך רעד נאָך גאָרנישט. ס׳איז נאָך פאַראַן, — טראַכט איך מיר, — פלענטי זאַכן אַ חוץ דעם האַרץ און אַ חוץ די לונגען! לאָמיר זען, וואָס ער וועט מיר זאָגן וועגן די גאַל־בלאַדערס, וועגן מאָגן, וועגן די נירן. ער האָט דאָך ביי מיר אַ שמאַלץ־גרוב! ווי שייך ער וועט נישט עפּעס געפינען?!

אָבער אַז איך האָב דערזען, אַז ער פּטר׳ט מיר אויך אָפּ מיט גאָרנישט די נירן מיטן מאָגן מיט די גאַל־בלאַדערס, בין איך שוין געוואָרן אויס מענטש און געוואָלט מאַכן דעם סקאַנדאַל. נאָר אַזוי ווי איך בין נישט קיין סקאַנדאַליסט, האָב איך מיר געטראַכט: „לאָמיר נאָך צוואַרטן. זאָל ער מיר נאָר אַ מעסט־טאָן דעם בלוט־דרוק, וועט ער זיך שוין ביי מיר נישט אַרויסדרייען. איך בין איצט אַזוי אויפגערעגט, אַז אונטער „צוויי הונדערט און צוואַנציק״ איז נישטאָ וואָס צו רעדן!״

גיב איך אים די האַנט מיטן אָרעם און ער מעסט און קוקט אויפן זייגער, און נאָכן אָפּמעסטן און נאָכן קוקן, גיט ער מיר אַזוי אַ זאָג ווי אַ קאַלטער גזלן: „מיסטער, אייער בלאַד־פּרעשור איז נאָרמאַל!״

דאָ האָט שוין מיין געדולד געפּלאַצט און כ׳בין אַרויס פון די כלים.

און די לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן טיש, האָט זיך ממש געבעטן, כ׳זאָל איר אַ זעץ־טאָן.

האָבן איך אַ זעץ־געטאָן!

דער דאָקטאָר האָט מיך געגעבן אַ מעסט־אָפּ פֿון אויבן ביז אַראָפּ און גיט אַ זאָג:

— סעי, מיסטער!.. איר זענט אַ נערוועזער מענטש! איר זענט איין בינטל נערוון!

דאָ האָב איך אים געכאַפּט ביי דער האַנט.

— זעט איר שוין, — זאָג איך, — דאָק, אַז איר האָט יאָ עפּעס געפֿונען ביי מיר, טאָ פֿאַרוואָס־זשע האָט איר עס אויסבאַהאַלטן און מיר געמאַכט אַ האַלבע שעה צייט האַרץ־קלאַפּונג? פֿאַרוואָס האָט איר עס מיר באַלד נישט געזאָגט?! פֿאַרוואָס דאַרפֿט איר אומזיסט און אומנישט אויסציען די נשמה ביים פּאַציענט?!

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, דער דאָקטאָר האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך באַגראָבן פֿון חרפּה.

און אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז כ׳בין כשר גערעכט, האָט ער מיר גערעכנט בלויז פֿאַרן וויזיט, און פֿאַר די צעבראָכענע לאָמפּ האָט ער מיר נישט געטשאַרדזשעט קיין פּעני!

נישט געטראָפֿן מיטן זון

כ׳ בין איך מקנא, וואָס אייער זון איז אַ לאָיער און נישט קיין דאָקטאָר.

מיין זון איז אַ דאָקטאָר, און אַ גוטער דאָקטאָר. אָבער וואָס האָב איך דערפון? — האַרץ־ווייטיק!

וויפיל געלט און פּראַצע איך האָב אַריינגעלייגט אין דעם באַי, ביז ער זאָל ווערן דאָקטאָר, — און איצט צאָלט ער מיר אָפּ!..

אמת, כ׳האָב ביי אים אין קאַבינעט אַן אָפענע טיר. כ׳קאָן אַריינפאַלן אָן אַן אַפּאָיטמענט. און אַז כ׳רוף אים אַפילו אין מיטן דער נאַכט, קומט ער צו לויפן. אָבער יעדעס מאָל, נאָך אַ טשעק־אַפּ, פאַלן פון מיר שטיקער פלייש. ער ווייסט נישט פון קיין כיבוד אב, פון קיין רעספּעקט צום טאַטן!

אָנשטאָט איך זאָל אים באַפעלן, — באַפעלט ער מיר. מען הערט נישט מער, ווי: „טאַטע, דאָס עס נישט! דאָס טרינק נישט! דאָס מאַך נישט! דאָס טו נישט!״

דאָס האָבן אים די קאַלעדזשעס צורעכט־געמאַכט! וואָס גרעסער דער

קאַלעדזש, אַלץ גרעסער די חוצפּה! וואָס מער דיפּלאָמען, אַלץ מער רשעות!

געוועז אַלע יאָרן, אינדערהיים, אַ זיידן קינד, און איצט זוכט ער אויס פון אונטער דר׳ערד מיר אָנצוטאָן צרות!

דווקא דאָס, וואָס איך האָב ליב צו עסן, הייסט ער מיך אַוועקשטעלן אָן אַ זייט.

ער ווייסט, למשל, איך האָב ליב אַ געפּילט מעגעלע. כ׳גיי אויס פּאַר אַ שטיקל קישקע. בייטאָג און ביינאַכט וואָלט איך געגעסן קישקע.

נעמט ער און גיט מיר אַרויס אַן איסור אויף קישקע.

אָנשטאָט קישקע, — זאָגט ער, — זאָל איך עסן — דזשעלאָ!

נו, כ׳בעט איך זייער, קאָן דזשעלאָ פאַרטרעטן — קישקע?! אַ שיינער פאַרגלייך!

קישקע איז אַ מאכל טעם גן־עדן. אַז איר עסט קישקע, פילט איר אַז איר האָט עפּעס געגעסן. איר האָט עפּעס אויפגעטאָן. אָבער וואָס איז דזשעלאָ? — גאָרנישט מיט גאָרנישט. ווינט געמישט מיט לופט. איר נעמט דזשעלאָ אין מויל אַריין, גליטשט עס זיך אַליין אַראָפּ. איר ווייסט קיינמאָל נישט, צי איר האָט עס שוין אַראָפּגעשלונגען, אָדער איר דאַרפט עס ערשט אַראָפּשלינגען.

איר מיינט איר זענט שוין פאַרטיק? — דאָס איז נאָך נישט אַלץ!

ער האָט דאָך מיר אַרויסגעגעבן אַן איסור אויף זופּ אויך!

איר ווייסט וואָס דאָס הייסט פאַר מיר? — געשאָכטן אָן אַ מעסער!

ס׳גאַנצע מיטאָג איז נישט ווערט קיין פּעני, אויב איך עס נישט ס׳ביסל זופּ.

האָב איך אים אָפן געזאָגט: „אויב נישט קיין זופּ, קאָנסטו מיר צונעמען ס׳פליש אויך. נעם, כ׳דאַרף עס נישט!"

און וויפיל האָב איך שוין אין אים אַריינגערעדט וועגן עסן ציבעלעס? שוין גערעדט מיט גוטן, און גערעדט מיט בייזן, — ס׳העלפט נישט! אויב ער וועט מיך זען, זאָגט ער, צורירן צו אַ שטיקל ציבעלע, וועט זיך טאָן חושך! ער וועט מיט מיר נישט רעדן! ס׳איז דאָך אַ הימל־געשריי! געשיקט אים אין די קאַלעדזשעס, געלאָזט זיך קאָסטן אַ פאַרמעגן, געמאַכט

אים פּאָר אַ לייט, און איצט האָב איך נחת! צוליב אַ נאַריש שטיקל ציבעלע איז ער גרייט מיט מיר אויפצוהערן צו רעדן!

אַ ציבעלע־רוגז מיטן טאַטן!

בין איך דאָך אַ טאַטע, — גיב איך אים אַלץ נאָך. אויס זופּ, אויס קישקע, אויס ציבעלעס!

ווי איז אָבער דער דין, אַז ער לאָזט מיך שוין קיין איי אויך נישט עסן?!

הערט אַ יאַנדעס פון אַן אייגענעם זון: איין מאָל אין צען טעג, מעג איך עסן אַן איי!

ווען איך בין געווען אין זיינע יאָרן, האָב איך געקאָנט עסן צען אייער אין איין טאָג. און היינט הייסט ער מיך עסן איין איי אין צען טעג. שיין נחת דערלעבט!

און וואָלט איך שוין אפשר פאַרשוויגן די מעשה מיט די אייער, ווען ער גיט מיר נישט אַרויס אַ נייעם חרם: „נישט נוצן קיין זאַלץ, נישט נעמען קיין טראָפּ בראָנפן אין מויל אַריין און נישט רויכערן!"

ווען כ'האָב דאָס דערהערט, בין איך שיער אָוועקגעפאַלן פון אויפ־רעגונג. צו אַלע מיינע קרענק, פעלט מיר נאָך צו זיך אויפרעגן!

אַזוי ביסלעכווייז מאַכט ער פון מיר אַ לייט!

אַוועקגענומען פון מיר ס'עסן, ס'טרינקען, ס'רויכערן, און קוים זעט ער נאָך אויף מיר אַביסל פלייש, איז עס אים שוין אויך גרויס אין די אויגן!

איך שעם זיך פּשוט צו דערציילן, — ער הייסט דאָך מיך פאַרלירן פינף און צוואַנציק פונט. ער וויל מיך נישט, זאָגט ער, זען מיטן בויך. איך וועג צופיל!

נו, איז דאָס געהערט געוואָרן אַ זון זאָל זאָגן דעם טאַטן, ער וועגט צופיל?!

אַ קליינער טאַטע, אַ גרויסער טאַטע, — וואָס איז דער חילוק?! — אַ טאַטע איז אַ טאַטע!

און פון ווען אַן קוקט מען דאָס אַ טאַטן אויפן בויך?!

אָפּגעפּיפט זיך נאָך אַזוי פיל יאָרן אַ שטיקל בויך, גייט ער אים מיר אַ תל־מאַכן?!

קוילעט מיך, כ'ווייס נישט, וואָס פון דעם באַי איז געוואָרן!

כ׳האָב געמיינט, כ׳וועל האָבן אַן אייגענעם דאָקטאָר, וועט מיר זיין וואויל ווי די וועלט.

קרענק האָב איך, בוכשעם, פּלענטי. איז וואָס קאָן שוין זיין בעסער, ווי האָבן אַן אייגענעם זון אַ דאָקטאָר?!

אָבער, כ׳האָב געמאַכט אַ פאַלשן חשבון.

בעסער האָבן צו טאָן מיט צען פרעמדע דאָקטוירים, איידער מיט אַן אייגענעם זון אַ דאָקטאָר.

וואָלט ער געווען אַ פרעמדער און נישט מיין זון, וואָלט איך אַזאַ איינעם געלערנט אַ לעסאָן.

כ׳וואָלט אַריינגעגאַנגען אין ערשטן בעסטן כשר׳ן רעסטאָראַן און אַ זאָג־געטאָן צום קעלנער: „פּליז, גיט מיר אַ מיטאָג, אַז דער דאָקטאָר זאָל מיך האָבן גוט צו געדענקען! גיט מיר אַ סאַלאַד פון אייער און ציבעלעס! גיט מיר אַ זופּ און צוויי פּאָרציעס קישקע! דערנאָך ברענגט מיר אַ גוטן ציגאַר און אַ גלעזל קאָניאַק!"

אָבער אַזוי ווי ער איז אַן אייגענער זון, וועל איך אים נישט גיין טאָן אַזאַ זאַך, — כ׳וויל אים נישט דערצערנען. זאָל ער מיר זיין געזונט און שטאַרק, אָבער איך באַדויער, וואָס ער איז נישט קיין לאָיער.

ווען ער וואָלט געווען אַ לאָיער, וואָלט צו דעם אַלעם נישט געקומען!

ער רויכערט נישט מער

איר זאָלט נישט גלויבן,
אויב מ׳וועט אייך זאָגן, אַז ס׳איז שווער זיך אָפּצוגעוואוינען פון רויכערן!

מ׳דאַרף בלויז האָבן אַ שטאַרקן ווילן, — אַ ווילן פון אייזן. מ׳דאַרף קאָנען געבן אַ זעץ אין טיש און זאָגן: „איך רויכער נישט מער!״

שוין פינף טעג, ווי עס איז נישט אַריינגעקומען אַביסל רויך אין מיין מויל, און — איך האַלט מיך!

מ׳דאַרף נישט קיין גרעסערן רויכערער, ווי איך בין געווען. איין סיגאַרעט — נאָכן אַנדערן. און אַפילו צווישן איין סיגאַרעט און דעם אַנ־דערן, האָב איך אויך אַריינגעכאַפּט אַ סיגאַרעט!

מ׳האָט אַמאָל אין מיטן דער נאַכט געמאַכט אויף מיר אַ האָלד־אַפּ אויף דער גאַס. מ׳האָט מיר צוגענומען ס׳געלט, ס׳זייגערל, און דריי פּעקלעך סיגאַרעטס. האָב איך געזאָגט צום האָלדאַפּניק: נעם דיר ס׳זייגערל, נעם דיר ס׳געלט, אָבער לאָז מיר איבער די סיגאַרעטס!

אָט, אַזאַ פאַרברענטער רויכערער בין איך געווען!

ביז איך האָב אַנומלט אַ פעסטן זאָג־געטאָן: „מענדל, סטאָפּ! וויפיל

איז דער שיעור? אָפּגערויכערט צוויי און דרייסיק יאָר? — גענוג! צוויי און דרייסיק יאָר אַוועק מיטן רויך!"

און אַז כ'האָב געמאַכט דעם חשבון מיט אַ בליישטיפט אין דער האַנט, האָב איך ערשט דערזען, ווי ווייט כ'בין פאַרפאָרן!

נאָט איך דעם חשבון שוואַרץ אויף ווייס: כ'האָב אויסגערויכערט אַ פופציק סיגאַרעטס אַ טאָג, — מאַכט עס אויס קנאַפּע צוואַנציק טויזנט סיגאַרעטס אַ יאָר.

נעמט צוזאַמען מיינע אויסגערויכערטע צוויי און דרייסיק יאָר, — האָט איר מער פון אַ האַלבן מיליאָן סיגאַרעטס.

און איצט, פּוילט איך נישט, שפּרייט אויס, אויף אַ פעלד, דעם טאַ־באַק פון אַ האַלבן מיליאָן סיגאַרעטס, וועט איר זען, וואָסער גרויסע פּלאַנטאַציע פון טאַבאַק־בלעטער דאָס פאַרנעמט!

וואָלט כאָטש די פּלאַנטאַציע געבליבן ביי מיר, — וואָלט מיך נישט געאַרט. ווייס איך, אַז כ'האָב אין די צוויי און דרייסיק יאָר עפּעס אָפּ־געשפּאָרט! אָבער דער סוף איז, אַז ס'גאַנצע געלט פאַר די טאַבאַק־פּלאַנ־טאַציע איז אַריין צו די קאָמפּאַניס, און אין מיר — איז אַריין דער רויך!

האָב איך געזאָגט: כ'האָב עס גענוג! כ'וויל נישט מער רויכערן! ס'איז גאַנץ שיין פון מיין זייט, וואָס כ'האָב אַזוי לאַנג אויסגעהאַלטן אויף מיינע פּלייצעס די סיגאַרעט־קאָמפּאַניס. זאָל איצט אַן אַנדערער אונטער־שטעלן אַ פּלייצע! איך גיב אויף, און כ'האָב אויפגעגעבן!

שוין פינף טעג ווי איך רויכער נישט. פינף טעג? — איר קאָנט עס אָנרופן: פינף יאָר!

יעדער טאָג איז ביי מיר אַ יאָר. אָבער — איך האַלט מיך!

דער ערשטער טאָג, נאָכן סטאָפּן, איז געווען דער שווערסטער.

כ'בין אַריינגעפאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע, אַזוי ווי די וועלט וואָלט מיר אונטערגעגאַנגען. אין קאָפּ האָב איך דערפילט אַ פּוסטקייט. שטעלט איך פאָר, איר האָט אַ קאָפּ, און איר פילט, אַז אינעווייניק איז ליידיק ווי אין אַ באַלון. כ'האָב געמיינט, כ'וועל משוגע ווערן. אָבער כ'בין נישט משוגע געוואָרן, — איך האַלט מיך!

אין צווייטן טאָג האָב איך פאַרלוירן דעם אַפּעטיט פון עסן. אויפן טיש איז געווען אויסגעשטעלט פון כל טוב, און עס האָט מיך נישט גע־

נומען. כ׳האָב געוואוסט, אַז איין סיגאַרעטל קאָן ראַטעווען דעם טיש, אָבער איך האָב מיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. איך האַלט מיך!

אויפן דריטן טאָג איז דער אַפּעטיט צוריקגעקומען. ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ מלחמה צווישן מאָגן מיטן מויל. דער מאָגן האָט געמאָנט עסן, און ס׳מויל האָט געמאָנט אַ סיגאַרעט. האָב איך צום מאָגן געזאָגט — נאַדיר דיינס! און צום מויל האָב איך געזאָגט — האַלט ס׳מויל! און כ׳האָב פאַרשטופּט ס׳מויל מיט קיי־גומי!

אין די ווייטערדיקע טעג גייט שוין אַלץ ווי געשמירט. עס פעלט מיר שוין נישט אַזוי ווייט דער סיגאַרעט, ווי — דער רויך. און אפשר נישט אַזוי ווייט דער רויך, ווי — דער הוסט.

אַז מען געוואוינט זיך צו צוויי און דרייסיק יאָר צו הוסטן, און מען הערט־אויף פּלוצים, — איז עס נישט קיין אָנגענעמע זאַך! עס פעלט מיר ס׳ביסעלע הוסט, ווי — לופט!

ביז איך האָב אויפגעהערט רויכערן, האָב איך געהוסט רעגולער. בייטאָג און ביינאַכט. ביינאַכט — נאָך בעסער ווי בייטאָג. כ׳האָב מיך געפלעגט אויפכאַפּן אין מיטן דער נאַכט, אָפּהוסטן מיין פּאַרציע, און צוריק איינשלאָפן.

אָבער די לעצטע פינף טעג — אַ מיליאָן פּאַר אַ הוסט!

טיילמאָל פּראָביר איך אַליין אויס די כוחות, און איך נעם הוסטן טיף: אָר־הו!.. אָר־הו!..

זע איך, אַז עס גייט נישט אין דער טיף, פּראָביר איך נעמען פלאַ־כער: אי־הי!.. אי־הי!..

אָדער גאָר איך נעם דעם הוסט פון דער זייט און הויב־אָן הוסטן הינטן־אַרום: ע־הע!.. ע־הע!..

אָבער ס׳איז נישט דער ריכטיקער הוסט, — ס׳איז טאַנדייט!

מאָלט אייך, כ׳בין שוין געווען אין אַ דראָג־סטאָר פרעגן אויף אַ רפואה צו אַ הוסט. האָט מען מיר געגעבן אַ פאַלשע מעריצין. אָנשטאָט מיר צו העלפן, כ׳זאָל אָנהויבן הוסטן, האָט ער מיר געגעבן אַ רפואה אויפצוהערן הוסטן.

וואָס מיינט איר וועל איך טאָן? — פינף טעג בין איך איבערגעקו־מען, וועל איך צוואוואַרטן נאָך אַ צוויי־דריי טעג. און אויב כ׳וועל זען,

אַז דער הוסט קומט נישט, וועל איך לענגער נישט נעמען קיין שאַנס, און כ׳וועל מיך לאָזן אויף אַ זיכערער בריק. כ׳וועל אַריינגיין אין ערשטן בעסטן קענדי־סטאָר, זיך הייסן געבן אַ פּעקל סיגאַרעטס, און כ׳וועל אַ זאָג־טאָן צום פּעקל:

— שלום עליכם, ר׳ טשעסטערפיעלד, כ׳בין ווידער דאָ! אַבי — מ׳זעט זיך!..

דער שלאָפלאָזער

איך באַקלאָג מיך נישט, חלילה,
אויף שלאָפלאָזיקייט. פאַרקערט, איך בין געבענטשט מיט דער ברכה פון
קאָנען שלאָפן.

איך קאָן שלאָפן אין פאַרשידענע פּאָזיציעס, צו יעדער צייט און ביי
אַלע געלעגנהייטן.

ביי מיר איז שלאָפן — אַ שפּילעכל. גענוג כ׳זאָל צומאַכן איין אויג,
פאַרמאַכט זיך שוין ס׳צווייטע — אויטאָמאַטיש. אַזוי אויסגעשולט זיינען
די אויגן מיינע!

און איר וועט דאָך נישט גלויבן, — איך שלאָף אפילו אין סאָבוועי,
אין די „ראַש אַווערס״. איך שטיי און שלאָף. מען קוועטשט מיך און איך
שלאָף, און אַז כ׳קום־צו צו מיין סטאַנציע און כ׳גיי אַרויס, — פיל איך
אַז כ׳בין אויסגערוט.

קעגן וואָס, מיינט איר, דערצייל איך אייך דאָס אַלץ? — קעגן מיינעם
אַ שכן, אַ ריטאַיערטער איד, וואָס קומט צו מיר אַריין יעדן אָוונט. ער
ליידט, נעבעך, פון שלאָפלאָזיקייט.

אַז כ׳קוק אים אָן, קאָסט מיך געזונט. ערשטנס, טוט מיר ווי ס׳האַרץ, וואָס ער קאָן נישט שלאָפן; און צווייטנס פאַרדריסט מיך, וואָס ער לאָזט מיך נישט שלאָפן.

זיץ איך און מאַטער זיך מיט אים אינאיינעם. ער וויל שלאָפן און איך וויל שלאָפן, נאָר ווען ער זאָל אַזוי ק אָ נ ע ן ווי ער ו ו י ל, — וואָלט ער מיך איבערגעיאָגט.

האָב איך געזען, אַז ס׳איז נישט קיין תכלית, האָב איך געזאָגט צו מיין גאַסט:

— איס! ווייטער קאָן אַזוי נישט גיין! מיר מוזן זען עפּעס צו טאָן, אַז מיר זאָלן קאָנען שלאָפן!

זאָגט ער:

— ס׳אַ שאָד די מי! פאַרדרייט אייך נישט דעם קאָפּ! כ׳האָב שוין אַלץ אויספּראָבירט! איר וועט גאָרנישט אויפטאָן!

— זאָג איך:

— ווייסט איר וואָס, מיסטער שניצער (אַזוי הייסט ער), פּראָוווט אפשר יעדע נאַכט אַהיימגיין פון מיר מיט אַ צוויי שעה פריער, לייגט אייך אין בעט אריין און ציילט!

— בלאָטע! — ענטפערט ער מיר, — ווען איר זאָלט וויסן וויפיל איך האָב שוין אין מיין לעבן אויסגעציילט, וואָלטן זיך די האָר אייך געשטעלט קאַפּויר. אַז מען קוקט מיך אָן, מיינט מען, אַז כ׳קאָן קיין צוויי נישט ציילן, און פונדעסטוועגן האָט אַזאַ איד ווי איך אין איין נאַכט, ליגנדיק אויפן געלעגער, אָפּגעציילט ביז ניין טויזנט, און קיין שלאָף איז נישט געקומען. דערנאָך האָב איך צוגעציילט ביז צו אַ גלייכן חשבון, ביז צען טויזנט, — און קיין אויג האָט זיך מיר נישט צוגעמאַכט. דערנאָך האָב איך נאָכקאָנטראָלירט צי דער חשבון שטימט. כ׳האָב אויסגעפונען אַ גראָבן טעות, נאָכאַמאָל געציילט, און — ס׳האָט נישט געהאָלפן!

— אויב אַזוי, — זאָג איך, — וועלן מיר גיין צו אַ דאָקטאָר.

— כ׳וויל איך נישט אָפּרעדן דערפון, — זאָגט צו מיר מיין שלאָפלאָזער גאַסט, — אָבער ס׳איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. כ׳בין שוין געווען ביי אַ וועלט מיט דאָקטוירים; כ׳בין שוין אָפּגעזעסן גאַנצע שטונדן מיט דאָקטוירים און זיי דערציילט די געשיכטע פון מיין שלאָפלאָזיקייט, און

דער סוף איז געווען, אַז כ׳האָב זיי איינגעשלעפּערט און איך בין געבליבן וואַך.

אויב אַזוי, — זאָג איך, — ווען מיר זיך באַנוצן מיט באַבסקע מיטלען. כ׳וועל אייך געבן שלאָף־פּילן, די זעלבע פּילן, וואָס מיין ווייב האָט גענומען מיט פיר יאָר צוריק און זיי האָבן געהאָלפן.

— ס׳קאָן זיין, — זאָגט צו מיר דער גאַסט, — אַז אייער ווייב איז טאַקע פון די פּילן געהאָלפן געוואָרן, אָבער פאַר מיר איז אַן עבירה יעדע פּיל. איך האָב אַמאָל איין נאַכט אויפגעגעסן אַ האַלב טוץ פּילן און גאָרנישט צוגעטרונקען.

— אויב אַזוי, — זאָג איך שוין האַלב רעזיגנירט, — וואָלט איך אייך געראָטן, איר זאָלט אָנהויבן קומען צו אַן אַנדער שכן.

— און דאָס, מיינט איר, וועט העלפן, כ׳זאָל קאָנען שלאָפן?

— כ׳ווייס נישט אויף זיכער, צי ס׳וועט העלפן; אָבער אויב א י ר וועט נישט קאָנען שלאָפן, וועל א י ך כאָטש קאָנען שלאָפן!

— אויב אַזוי, רעדט איר דאָך ווי אַן עגאָאיסט. — אנשטאָט מ י ר צו העלפן, ווילט איר גאָר ז י ך העלפן?!

— ווייסט איר וואָס, — גיב איך אים אַן אַנדער פּלאַן, — ביינאַכט איז מיר שווער אייך צו העלפן, כאַפּט־זשע זיך אריין צו מיר אין אַ פאַר־מיטאָג אָדער נאָכמיטאָג, ווען כ׳האָב אַ פרייען טאָג!

— כ׳האַלט נישט דערפון! — גיט מיר מיין שכן אַ קאַטעגאָרישן זאָג — איך קאָן צו אייך קומען, אַזוי ווי ביז איצט, נאָר — ביינאַכט!

— פאַרוואָס נישט ביי טאָג?

— ווייל בייטאָג שלאָף איך!

און ער איז אַוועק אַן אָנגע׳ברוגז׳טער!

ווער האָט געשטעלט דעם דאָקטאָר אויף די פיס?

ביידע פּאַציענטן זיינען געזעסן, איינער נעבן אַנדערן, אין וואַרט־צימער פון דאָקטאָר.

ביידע — שוואַרץ אָפּגעברענט פון דער זון. די וואַקאַציע איז זיי נאָך געלעגן אויף די פּנים׳ער.

נאָכן אָנקוקן זיך, ווי צוויי הענער, רופט זיך איינער אָן:

— שלום עליכם, אַ אידן! איר זענט מיר קענטלעך!

— האַו דו יו דו, איר זענט מיר אויך קענטלעך!

— באַגעגנט זיך אין די מאַונטעינס?

— כ׳וואָלט געשוואוירן, אַז — יאָ!

— געוואוינט אין „פּאַראַדאַיז״?

— ניין, — אין „שאָרט קאַט״!

— אָבער איר זענט מיר פּאָזיטיוו קענטלעך!

— איר זענט מיר אויך קענטלעך!

— כ׳וויים שוין!... מיר האָבן זיך געטראָפן ביים לעיק!

— אַזוי איז עס!

— אויב כ׳מאַך נישט קיין טעות, האָט איר מיך איין מאָל געוואָלט לערנען שווימען?
— ניין! איך אַליין קאָן אויך נישט שווימען! אָבער געבאָדן ביים ברעג, האָבן מיר זיך, מסתמא, יאָ צוזאַמען!
— ניין! געבאָדן — נישט! שוין דריי יאָר, ווי דער דאָקטאָר לאָזט מיך נישט נעמען קיין קאַלטע בעדער!
— אָבער איר זענט מיר פאָרט קענטלעך!
— מיר — אויך! שאַ... כ׳ווייס שוין... איר הייסט... זאָגט מיר נישט... איר הייסט... מאַיקל!
— ניין, — יונה!
— יונה שפּיצבערג?
— ניין, — יונה וואָלאָטשינער! אָבער אייך קען איך פּאָזיטיוו! איך דערמאָן מיך שוין אַפילו אייער נאָמען אויך!
— נו... נו... נו... אדרבא!
— כ׳האָב אייער נאָמען אויף דער שפּיץ צונג! אייער ערשטער נאָמען איז מיט אַ „שין" — שלום?
— ניין, מיט אַ „מעם" — מענדל!
— אָבער אייער צווייטער נאָמען איז מיט אַ „סאַמעך"!
— ניין, מיט אַ „צאַדיק"!
— צעלניקער?
— ניין, — ציטרינאָוויטש!
— זאָגט־זשע אַזוי! — מענדל ציטרינאָוויטש! קען איך דאָך אייך פון אַטלאַנטיק סיטי!
— נישט געווען נאָך דאָרט!
— כ׳קען אייך אָבער פאָרט!
— און איך אייך קען אויך! כ׳וואָלט געשוואוירן!
— טאָ לאָמיך זיך פאָרשטעלן: מיין נאָמען איז יונה וואָלאָטשינער!
— און מיין נאָמען איז — מענדל ציטרינאָוויטש! און כ׳ווייס שוין פון וואַנען איך קען אייך! — פון דאַנען, פון דאָקטאָר!
— ס׳איז צימלעך מעגלעך!
— איר זענט דאָ אַן אָפטער איינגייער?

— שוין אַביסל צו־אָפּט!

— אָבער נישט אַזוי אָפּט ווי איך!

— וואָס פאַרא קרענק האָט איר?

— פרעגט — וואָס פאַרא קרענק האָב איך נישט?!

— אַזוי ווי ביי מיר! פון איין קרענק אַרויס, אין דער צווייטער — אַריין!

— כ׳האָב שוין אַריינגעשטופּט אינם דאָקטאָר אַ שלל מיט געלד!

— נישט מער פון מיר! איך האָב דעם דאָקטאָר געשטעלט אויף די פיס! איר זעט דאָס מעבל, דאָ? — פאַר מיין געלט! בלויז פאַר מיין זאַמד אויף די נירן האָט ער זיך געקויפט די אַלע פאָטעלן! און די בילדער אויף די ווענט, — דאָס זיינען נישט קיין ביליקע בילדער, — דאָס איז פאַרן ביסל צוקער, וואָס ער האָט מיר פאַרטריבן!

— אויב איר זאָגט שוין, אַז איר האָט געשטעלט דעם דאָקטאָר אויף די פיס, טאָ זייט אייך מטריח, גייט־אַריין אין זיין קאַבינעט און קוקט די גאַנצע מאַשינעריע!

— איך קען די מאַשינעריע זיינע!

— אויב איר קענט זי יאָ, איז גוט איר זאָלט וויסן, אַז ס׳איז פאַר מיינע אַלסערס! ווען נישט מיינע אַלסערס, וואָלט ער נאָך ביז היינט נישט געקומען צו די אַלע מאַשינען!

— הערט אויס, מיסטער ציטרינאָוויטש, איך קען נישט אייערע אַלסערס, אָבער בלינדערהייט קאָן איך אייך זאָגן, אַז דער דאָקטאָר קאָסט מיך מער פון אייך!

— רעדט אייך נישט איין, מיסטער וואָלאָטשינער! הלוואי פאַרמאָגן מיר עסביידע בשותפות וויפיל קאַפּיטאַל איך האָב שוין אין דעם דאָקטאָר דאָ אינוועסטירט!

— כ׳בעט אייך, מיסטער ציטרינאָוויטש, נעמט מיך נישט צו פאַר קיין שותף. כ׳האָב ביז איצט אַליין אינוועסטירט, וועל איך ווייטער אַליין אינוועסטירן!

אַ איד, וואָס איז געזעסן בשכנות פון די צוויי פּאַציענטן, און האָט די גאַנצע צייט, שוויגנדיק, געמישט אַ זשורנאַל, האָט זיך פלוצים אַריינגעריסן אינם שמועס:

— זייט מיר מוחל, וואָס איך גיי מיך אַריינמישן! איך האָב געהערט, ווי איר קריגט איך צוליב געלט־זאַכן! איינער זאָגט, אַז דער דאָקטאָר קאָסט אים מער, און דער צווייטער זאָגט, אַז דער דאָקטאָר קאָסט אים מער.

— וויל איך אייך ביידע אויסגלייכן! כ׳וויל אייך זאָגן, אַז דער דאָקטאָר קאָסט מיך מער, ווי ער קאָסט אייך ביידע! איך האָב באַצאָלט פאַר די קאַלעדזשעס! איך האָב געקויפט דעם קאַבינעט! און איך סופּאָרט אים נאָך היינט אויך! — איך בין דער טאַטע פונם דאָקטאָר!

מיט דער פּעדער צוקאַפּנס

װען אַ שרײבער זאָגט עפּעס שלעכטס װעגן
אַן אַנדער שרײבער, קױפֿט ער זיך אײַן
א י י ן שונא.
װען ער זאָגט גוטס װעגן אַ שרײבער, קױפֿט
ער זיך אײַן — אַ ס ך שונאים.

אַ צוזאַמענפֿלי פֿון קלאַסיקער

איך האָב נישט געװאוסט, אַז אינם זומער־קעמפּ װאו איך בין פֿאַרפֿאָרן אויף װאַקאַציע, געפֿינט זיך אַ שטיקל נעסט פֿון פֿאַרפֿאָלגטע שרײבער.

זײ קומען זיך דאָרט צוזאַמען, זײ רעדן זיך אַראָפּ פֿון האַרצן און באַראַטן זיך, װאָסערע מיטלען אָנצונעמען, כּדי צו װערן אָנערקענט.

װען איך בין אָנגעקומען, האָב איך גראָד געטראָפֿן אַ צוזאַמענפֿלי פֿון די פֿאַרפֿאָלגטע. זײ זײַנען געזעסן און געלעגן אויפֿן הײסן זאַמד בײַם ברעג פֿון טײַך, און געװען פֿאַרנומען מיט אַרײַנטראַכטן, װי אַזױ צו שאַפֿן אַזעלכע אומשטערבלעכע װערק, אַז די קריטיקער זאָלן זיך שעמען די קעפּ אויפֿצוהויבן.

איך בין צוגעקומען אין אַ היסטאָרישן מאָמענט, ווען איינער פון די פאַרפאָלגטע האָט אַ זאָג־געטאָן צום צווייטן:

— שעקספיר, גיב מיר אַ שוועבעלע!

— כ׳בעט דיך, באַלזאַק, באַדער מיך נישט! — האָט זיך אָנגערופן שעקספיר, — דו ווייסט דאָך, אַז איך רויכער נישט, — נעם ביי גאָרקי׳ן!

דערהערט די נעמען פון אַזעלכע גדולים, האָב איך מין שוין אַוועק־געזעצט און געפרעגט דעם שוועבעלע־זוכער:

— אַנטשולדיקט, כ׳האָב געהערט מען רופט אייך באַלזאַק, — איר זענט טאַקע באַלזאַק?

— יאָ דער אידישער באַלזאַק!

און יענער דאָרט איז שעקספיר? — אַ באַקאַנטער נאָמען!

— איר מיינט מסתמא וויליאַם שעקספיר, און ער איז מענדל שעקספיר! נעווער מאַינד, די ליטעראַטור איז אַזוי גיגאַנטיש, אַז עס איז דאָ פּלאַץ פאַר צוויי שעקספירס אויך!

— און ווער זיינען די איבעריקע אין דער גרופּע?

— בלויז קלאַסיקער! דער קאָלעגע, רעכטס פון מיר, איז — גאָרקי. לינקס — גאָגאָל!

— און ווער, — פרעג איך, — איז דער איינזאַמער מאַן וואָס זיצט דאָרט הינטערן בוים?

— דער איינזאַמער איז — איבסען! ער זיצט שטענדיק איינזאַם, ווייל ער האַלט זיך ביי די פּרינציפּן פונם גאָטזעליקן איבסען, אַז „דער איינזאַמער איז דער שטאַרקסטער"!

— און ווער איז דער, וואָס קומט איצט אָן מיט דער פעדער אין דער האַנט?

— אָ, דעם לאַפּאַצאַן מיינט איר? — דאָס איז שפּינאָזאַ!

— שפּינאָזא — אַ לאַפּאַצאַן?!

— פאַרלאָזט אייך! אויב איך זאָג „לאַפּאַצאַן", איז ער אַ לאַפּאַצאַן! מיר האָבן אַריינגעלייגט שפּינאָזאַן אין אַ חרם, ווייל ער האָט באַליידיקט דאָסטאָיעווסקין! ער האָט געזאָגט, אַז דאָסטאָיעווסקי איז אַ גראַפאָמאַן! היינע איז געשטאַנען דערביי ווי שפּינאָזא האָט באַליידיקט דאָסטאָיעווסקי׳ן!

— האָט איר דאָ, הייסט עס, היינע׳ן אויך?! מ׳קאָן אים זען?

— פאַרוואָס נישט?! איך ווייז אים איך שוין! אָט יענער געלער ליטוואַק, וואָס זיצט דאָרט און שאַפּט, — דאָס איז היינע!

— איז היינע, — פרעג איך, — גאָר אַ ליטוואַק ביי אייך?

— איז וואָס וואונדערט איר אייך? און אַז טאָלסטאָי איז אַ גאַלי־ציאַנער?!

אונזער געמיטלעכער ליטעראַרישער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן ווען טשעכאָוו איז אָנגעקומען מיט אַ נייעם מעמבער.

— ווי הייסט ער, דער נייער מעמבער? — פרעג איך.

— דאָס איז בערנאַרד שאָו!

— אַזאַ יונגער מענטש?

— יענער בערנאַרד שאָו, זאָל זיך דאָרט מיען פאַר אונז, איז אויך אַמאָל געווען אַ יונגער מענטש! מיר נעמען אַריין יעדן איינעם, וואָס איז נישט אָנערקענט, און מיר קוקן נישט אויף די יאָרן! מאָלט אייך, אַז ער איז שוין נישט קיין אָנפאַנגער! מ׳האָט שוין זיינע פיר דראַמעס אָפּ־געוואָרפן!

— פאַרוואָסזשע ווידער האָט איר אים נישט אַריינגענומען?

— ווייל לויט אונזער טשאַרטער דאַרף מען פינף מאָל אָפּוואַרפן, אַז מיר זאָלן אים איין מאָל אַריינגעמען. ערשט נעכטן האָט ער באַקומען אַ ספּעשל דעליווערי בריוו, אַז מ׳האָט שוין זיין פינפטע דראַמע אויך אָפּגעוואָרפן, — האָבן מיר אים אַריינגענומען!

אַלע קלאַסיקער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום נייעם מעמבער אים גראַטולירן. באַלזאַק האָט אים שטאַרק געדרוקט די האַנט און געזאָגט:

„זעסטו שוין, בערנאַרד שאָו, אַז מ׳טאָר נישט פאַרלירן דעם בטחון, — אַז מען לעבט דערלעבט מען!״

אין מיטן דער באַגריסונג האָט מען דערהערט קלינגען דעם גלאָק, וואָס רופט עסן.

אַלע קלאַסיקער זיינען זיך צעלאָפן.

ווען כ׳בין ביינאַכט אַריינגעקומען אין מיין צימער, האָב איך גע־טראָפן אַן אָנגענעמע איבערראַשונג:

דער לאָפּאַצאַן שפּינאָזאַ, וועמען מ׳האָט געלייגט אין חרם, איז געלעגן אין צווייטן בעט. ער איז געווען מיין שלאָף־שכן!

צוויי יונגע פּאָעטן מיט אַמביציע

צוויי יונגע פּאָעטן, — ביי־דע נישט קיין מולטי־מיליאָנערן, — זיינען געזעסן ביים פענסטער־טישל אין קיבעצאַרניע, אַרויסגעקוקט צו דער גאַס, און פּאָעטיש געשוויגן.

נאָכן אָפּשווייגן אַ שיינע פּאָר שורות, רופט זיך אָן איין פּאָעט צום צווייטן:

— וואָס שווייגסטו, שרייבסט איצט אַ ניי ליד?

— אַז איך שווייג, איז שוין ס'ליד אָנגעשריבן! און וואָס שווייגסטו?

— כ'בין אין מיטן פּראָצעס פון שרייבן — שווייג איך! ביי דעם פענסטער דאָ, ווערט איצט געשאַפן אַ גרעסערע פּאָעמע!

— ווייל איז צום פענסטער!

— וואָס לאַכסטו פון פענסטער?

— איך לאַך נישט פון פענסטער, — איך לאַך פון דער פּאָעמע!

— פון מיין פּאָעמע? — פון דיינע סאָנעטן איז דאָ מער צו לאַכן!

— פון מיינע סאָנעטן?! כ'גיב דיר נישט אַוועק פאַר דיינע צען פּאָעמעס, מיין איין סאָנעט!

— און אַז דו וועסט מיר געבן, וועל איך דען נעמען?! דו גייסט דיך פּאַטיש פּאַרמעסטן מיט מיר?! אין פּאַרגלייך צו מיר — ביזטו אַן אָנפאַנגער! ווען די קריטיק האָט מיך צום ערשטן מאָל אַראָפּגעריסן, האָסטו דאָך נאָך אַפילו נישט געטראַכט צו זיין קיין פּאָעט!

— טאָ ווי קומט עס, וואָס איך האָב מער לייענער פון דיר?!

— ווער האָט עס דיר געזאָגט? דו רעדסט דיר איין פייגל אין בוזים! וויפיל, אַ שטייגער, לייענער האָסטו?

— כ'האָב נישט געציילט, אָבער אַ קיילעכדיקן ציפער — זיכער!

— וויפיל הייסט ביי דיר אַ קיילעכדיקער ציפער, — טויזנט?

— וועסט דערלייגן אַ צוויי נולן!

— הונדערט טויזנט?!

— גלויבסט נישט?

— און דו אַליין גלויבסט יאָ? אַפילו איך, וואָס בין אַ קינסטלער, — האָב נישט אַזוי פיל לייענער! און וואָס איך האָב קונסט אָט אין דעם נאָגל, האָסטו דאָך נישט אין דיין גאַנץ וועזן!

— שוין אָפּגעפּסק'נט?

— יאָ, אָפּגעפּסק'נט! קיין קינסטלער ביזטו נישט! אַן אמת'ער קינסטלער דאַרף ליידן!

— און ווער האָט דיר שוין אונטערגעטראָגן, אַז איך לייד נישט?

— קיינער דאַרף מיר נישט אונטערטראָגן! ס'איז גענוג, כ'קוק־אָן דיין פּנים, זע איך אַז דו ליידסט נישט! אַ פּנים — בלוט און מילך!

— בלוט און מילך?! אַ קלאָג צום בלוט און אַ בראָך צו דער מילך, אויב דו מעסט אַ קינסטלער לויטן פּנים און נישט לויט דער דיכטערישער פּאַטענץ! דו רעדסט ווי אַ גראַפאָמאַן!

— ביי אַן אמת'ן קינסטלער איז גראַפאָמאַניע אויך אַ מדרגה!

— ס'איז נישט דיין אייגענער געדאַנק, — ס'איז אַ גע'גנב'עטער. אַ פּלאַגיאַט! אַנשטאָט גנב'ענען געדאַנקען — לייד בעסער!

— ס'אַ קלאָג צו דיין פּאָעזיע, אַז דו לערנסט מיך ליידן! וואָס איך לייד־אויס אין אַ חודש, ליידסטו נישט אין אַ גאַנץ יאָר! ווער איז שולדיק דירה־געלט דער באַלעבאָסטע, דו ציִ — איך?

— איך בין שולדיק פּאַר צוויי חדשים!

— און איך — פֿאַר פיר חדשים! זעסטו שוין, אַז כ׳האָב דיך געכאַפּט!

— אין דיין פּאָעזיע דערקענט מען נישט, אַז דו זאָלסט ליידן!

— דערקענען, דערקענט מען יאָ, נאָר דו פאַרשטייסט נישט! און דאָס איז דער בעסטער סימן פון אַ גוטן פּאָעט אויב מען פאַרשטייט נישט זיינע לידער!

— אויב שוין יאָ אַזוי, מוז איך דיר זאָגן, אַז דו ביזט דער גרעסטער קאַליקע אין דער פּאָעזיע! איך האָב געליענט דיינע פּאָעמעס, און כ׳האָב פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט!

— ביזטו דאָך אַ ליגנער אויך! ווי אַזוי קאָנסטו פאַרשטיין, אַז איך אַליין פאַרשטיי נישט! מיין פּאָעזיע איז אַזוי פאַרנעפּלט און אַזוי אומ־פאַרשטענדלעך, אַז נאָכן פאַרענדיקן יעדע זאַך, מוז איך גיין צו קריטיקער פרעגן, וואָס איך בין אויסן געווען!

— און מיין פּאָעזיע פאַרשטייט אַפילו דער קריטיקער אויך נישט!

— פוסטע באַרימעריי! דיין שרייבן איז פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען!

— מיין שרייבן איז פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען?! — דיין שרייבן איז פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען! דו שרייבסט אַזוי גלאַטיק, אַז יעדע שורה לייגט זיך אויפן שכל!

— ביי מיר לייגט זיך יעדע שורה אויפן שכל?! לאָמיך זען, זיי אַ בריה און כאַפּ אין מיין שרייבן אַ געדאַנק!

— האָסט נישט אַזוי פיל האָר אויפן קאָפּ, וויפיל געדאַנקען איך האָב שוין ביי דיר געכאַפּט!

— נאָך צען מאָל איבערלייענען מיינס אַ זאַך, האָסטו אפשר געכאַפּט איין געדאַנקעלע!

— ניין! נאָכן ערשטן מאָל איבערלייענען, האָב איך באַלד געכאַפּט!

— אַ געמיינער ליגן! — איך בין גרייט צו באַצאָלן פאַר דיין קאַווע, אויב דו וועסט כאַפּן אַ געדאַנק אין דעם־אָ ליד, וואָס איך טראָג דאָ מיט זיך! נאַדיר לייען!

— שאַ, מאַך איך מיט דיר אַ בעסער געשעפט! איך צאָל פאַר דיין זופּ, אויב דו וועסט כאַפּן אַ געדאַנק אין מיין סאָנעט, וואָס איך טראָג גראָד מיט זיך! נאַדיר לייען!

***

ביידע דיכטער האָבן זיך קעגנזייטיק געטוישט מיט די ווערק און פאַרביסן געגומען לייענען. יעדער פון זיי האָט געלייענט איין מאָל און נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. ביידע האָבן בעת׳ן לייענען עקשנות׳דיק גע־קנייטשט מיט די שטערנס, אָבער — עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

עס האָט זיך געענדיקט דערמיט, אַז דער ערשטער האָט נעבעך אַליין באַצאָלט פאַר זיין אייגענע קאַווע; און דער צווייטער, — נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, — האָט אַליין באַצאָלט פאַר זיין אייגענע זופּ...

ווער האָט געצויגן דעם עולם?

די קולטור־אָפּטיילונג פון דער רעליף־קאָמיטע האָט אַראַנזשירט אַ ליטעראַרישן אָוונט.

ס׳זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן, ווי ס׳טרעפט זיך!

אויבן־אָן, נעבן דער קאַראַפקע וואַסער, איז געזעסן — אונטערגעלענט מיט דער האַנט אויף דער גאָמבע, — דער פּראָזאַאיקער וועלוול, נעבן אים — דער דראַמאַטורג יונה איפּסילאָן (דאָס איז דער ריכטיקער נאָמען זיינער, דעם פּסעוודאָנים האַלט ער בסוד), פון דער צווייטער זייט — דער ברונעטער קלמן, פּראָפעסאָר פון ווייסע פערזן, באַלד בשכנות — תנחום וועווריק, עסייאיסט און מעלאַנכאָליקער, און ביים סאַמע עק פון טיש, שוין כמעט ביי די פראַנזן פון טישטוך, האָט זיך געוואַקלט אויף דער שטול פישל פעטריק, מחבר פון אַ ביזנעס־בריוונשטעלער.

די איינלייטונג־רעדע האָט דער טשערמאַן פון אָוונט אָפּגע׳פטר׳ט בליץ־שנעל; די באַגריסונגען, וואָס זיינען אָנגעקומען צום אָוונט, האָט דער סעקרעטאַר פון דער קולטור־אָפּטיילונג ביי דער רעליף־קאָמיטע,

דורכגעלייענט האָרי־אָפּ, ווי אשרי יושבי, נישט געכאַפּט אַפילו, ביים לייענען, דעם אָטעם, כאָטש ער איז אַן אַסטמאַ־ליידנדער.

איין מחבר נאָכן צווייטן איז אַרויסגעקומען און דערלאַנגט די סחורה. יעדער האָט רעציטירט אויף זיין אופן, איינער מיט אַ קוויטש, איינער מיט אַ באַס, איינער האָט געלייענט ליטוויש און אינמיטן האָט ער פאַר־געסן, אַז ער איז אַ ליטוואַק און האָט געזאָגט „עד״. טייל האָבן אינטרע־פּעטירט זייערע שאַפונגען מיט זשעסטיקולאַציע און כסדר צעשפּרייט די הענט אין דער ברייט, און די קראַפּט, וואָס איז געזעסן נעבן דעם פאַרלייענער, האָט נעבעך כסדר געכאַפּט פּעטש. אַנדערע מחברים ווידער, האָבן אויסגעדריקט, ביים רעציטירן, זייער ענטוזיאַזם דורך זעצן אין טיש אַריין. עטלעכע מאָל האָט ס׳פּרעזידיום אויפגעהויבן פון דר׳ערד דאָס אַרויסגעפאַלענע שופלאָד פון פּרעזידיום־טיש, אָבער ביים לעצטן רעדנער האָט מען שוין ס׳שופלאָד געלאָזט ליגן.

„אין דר׳ערד אַריין מיטן קאָפּ״, האָט געזאָגט דער טשערמאַן, „זאָל עס ליגן אין געהאַקטע צרות!״

דער חשוב׳ער עולם האָט געדולדיק אויסגעהערט און גענומען יעדע קראַפּט אַזוי ווי זי איז, מיט די חסרונות און מיט די מעלות. אַ חשוב׳ער עולם איז שטענדיק טאָלעראַנט, דריקט אין זיך איין טשעפּעט נישט די קרעפּטן. אויף אַ קראַפּט טאָר אַפילו קיין האָר נישט פאַלן. דערויף איז זי דאָך אַ קראַפּט!

און אַזוי איינציקווייז האָבן זיך אַלע קרעפטן אויסגעלאָדן לויטן אלף־בית. צום ערגסטן האָט אָפּגעשניטן דער עסייאיסט תנחום, — ער איז געווען דער לעצטער. אַ „תיו״ מוז שטענדיק האָבן אַ סוף, אויב די טאַלאַנטן גייען לויטן אלף־בית.

נאָך דער פאַרלעזונג זיינען אַלע אָנטיילנעמער געווען צעפלאַמט. ס׳איז ניט געווען קיין פלאַם פון בושה, נאָר — אַ פלאַם פון נצחון. די הערצער זיינען געוואַקסן ביי אַלע, וואָס דער עולם האָט אויסגעהאַלטן ביזן סוף און געזעסן ווי צוגעקלאַפּט צו די בענקלעך.

און באַלד נאָכן פאַרענדיקן דעם אָוונט, ווען די קרעפּטן האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך אַפילו אָנצוטאָן די מאַנטלען, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צווישן זיך צו קריגן. ס׳איז נישט, חלילה, געווען קיין בייזוויליקע קריי־

גערײ, ס׳איז בלויז געווען, קאָן מען זאָגן, אַ פּרינציפּיעלע דיסקוסיע. יעדער פון די אָנטײלנעמער האָט גע׳טענה׳ט, אַז נאָר ער האָט געבראַכט דעם עולם.

יונה איכסיליאָן האָט געוואַלדעוועט:

— ווען נישט איך, וואָלט איר דען דאָ היינט געהאַט אַן עולם? קדחת וואָלט איר געהאַט!

דער ברונעטער קלמן האָט זיך געריסן:

— אַ מכה וואָלט מען צו אײך געקומען. מ׳איז געקומען צו מיר, האָט איר שוין אויך אין אײנוועגס געגאָסן!

דער פּראָזאַאיקער וועלוול האָט זיך געקאָכט:

— איך האָב געראַטעוועט די סיטואַציע. ווען נישט איך, וואָלט איר גערעדט צו לײדיקע בענקלעך, — ווי איר זעט מיך אַ פּראָזאַאיקער!

— איר קריגט זיך אומזיסט, — האָט זיך תנחום ווערוויק אַרײנגע־כאַפּט אין סאַמע מיטן פון דער מחלוקה, — נישט איר, און נישט איר, און נישט איר האָט געבראַכט דעם עולם. נאָר מ י ר האָט איר עס צו פאַרדאַנקען!

דאָ האָט שוין יונה נישט געקאָנט אויסהאַלטן און האָט פאַנאַנדער־געריסן דעם עולם:

— צו וואָס טויגן מיר אײערע פּוסטע רייד?! לאָמיר פרעגן דעם ערשטן, בעסטן מענטשן צווישן עולם, וועט איר וויסן ווער פון אונז עס האָט געבראַכט דעם סוקסעס.

ס׳איז שוין אָבער נישט געווען בײ וועמען צו פרעגן. עפּעס אַ נס איז געשען, וואָס מ׳האָט נאָך געכאַפּט אײן גאַסט אויף די טרעפּ.

— אַנטשולדיקט, מיסטער, מיר ווילן פון אײך וויסן אַ קלײניקייט. זאָגט אונז, וואָס האָט אײך באַוואויגן צו זיצן אויף אונזער אָוונט דרײ שעה צײט?

— ווײל די גאַנצע צײט כליאַפּעט אין דרויסן און כ׳בין געקומען אַן אַ שירם! — האָט געענטפערט דער גאַסט אויף די טרעפּ און איז ווײטער געלאָפן.

פסיכאלאגיע אונטער דר׳ערד

צוליב איין פעני

דאָס האָט פּאַסירט מיט מיר, נאָך האַלבער נאַכט, אין אַ סאָבוועי־סטאַנציע אין די הויכע גאַסן פון מאַנהעטן.

כ׳בין צוגעגאַנגען קויפן אַ „טאָקען״ און דערזען, אַז עס פעלט מיר — אַ פעני.

וואָס־זשע טוט מען?

גיין צופוס פון אַפּטאַון ביז ברוקלין? איז אַביסל שווערלעך.

האָב איך אָפּגעמאַכט מיט מיר אַליין, צו בלייבן אויף דער סטאַנציע און וואַרטן אויף אַ נס.

אפשר, — האָב איך געטראַכט, — וועט עמיצער אונטערקומען און מיך ראַטעווען מיט אַ פּעני. סוף כל סוף איז דאָך אַ סאָבוועי־סטאַנציע ניט קיין וואַלד. מענטשן קומען אַריין און אַרויס, און ווי וועט זיך ניט טרעפן איינער וואָס וועט מיר אַרויסהעלפן אין אַ נויט?

האָב איך מיך גענומען דרייען נעבן „טשעינדזש בוטה" ווי אַ שכור נעבן אַ שענק.

מענטשן זיינען טאַקע פאַרבייגעגאַנגען, אָבער ווילד־פרעמדע. זיי זיינען געגאַנגען פראַנק־און־פריי צו די אויטאָמאַטישע טירלעך, אַריינגעוואָרפן די בלעכלעך און — שוין געווען אויף יענער זייט.

גליקלעכע מענטשן!... ווי האַלט איך שוין אַזוי ווי זיי האַלטן?!...

האָב איך באַשלאָסן צו „נעמען אַ שאַנס" און רעדן מיטן בעל־דבר גופא, מיטן קאַסירער אין דער בודקע.

כ׳וועל אים דערציילן דעם גאַנצן אמת. סוף כל סוף איז ער דאָך, אַחוץ קאַסירער, אויך אַ מענטש ווי אַלע מענטשן. און אים אַליין קען דאָך אויך אַמאָל טרעפן אַזאַ אומגליק, אַז עס זאָל אים צופעלן אַ פּעני. ער וועט מיר פאַרשטיין! ער וועט מיר זיכער לייען אַ פּעני!...

און ווען כ׳האָב שוין געהאַלטן אָט־אָט ביי צוגיין, האָב איך מיך צוריקגעצויגן און מיט מיר אַליין גענומען איינ׳טענה׳ן:

„משוגענער! וואָס גייסטו טאָן? ער איז דאָך נישט מער ווי אַן אָנגעשטעלטער! ער קאָן זיך נישט דערלויבן צו טיילן געלט! ביי אים וואָרפן זיך אַדורך — דורך דער צייט וואָס ער זיצט דאָ — אַ שיינע פּאָר טויזנט פּאַסאַזשירן. לאָמיך זאָגן, אַז אַפילו בלויז טויזנט פּאַסאַזשירן וועלן צוקומען צו אים וועגן אויסבאָרגן אַ פּעני, וועט אים דאָס אָפּקאָסטן אַ קימא לן פון צען טאָלער אַ טאָג. דאָס הייסט, אַז אין פאַרלויף פון חודש — אַ קימא לן פון דריי הונדערט טאָלער. און וויפיל, מ׳שטיינס געזאָגט, פאַרדינט אַזאַ איינער דורכן חודש? און אויב ער וועט די גאַנצע שכירות צעטיילן אויף גמילת חסדים, טאָ פון וואָס וועט ער לעבן?!

ניין, איך גיי ניט. און כ׳האָב מיך אָװעקגעשטעלט זוכן מזל ביי אַנדערע, — ביי פּשוט׳ע פּאַסאַזשירן.

איז גראָד אָנגעקומען אַ יונג פּאָרפאָלק.

אָבער אויף מיין שלימ׳מזל האָבן זיךביידע געהאַלטן אין מיטן איבער־

ווערטלען, און ווען איך גיי צו מיט מיין פּראָבלעם, וואָלט איך זיי איבער־געריסן די קריגערייִ אין סאַמע מיטן. און צו טאָן אַזאַ זאַך, צוליב אַ פּעני, האָט מיר ס׳האַרץ ניט געלאָזט.

דערווייל איידער וואָס־ווען זיינען זיי שוין געווען אויף יענער זייט.

באַלד נאָך זיי איז אונטערגעקומען אַ יונגערמאַן, אַנגעטאָן ניט ווי קיין אָרעמאַן. און ווען כ׳האָב אים אַ קוק־געטאָן אין די אויגן, האָב איך געזען אַז ער וועט מיר ניט אָפּזאָגן, און אַ פּעני איז ביי אים בלאָטע.

אָבער ווען כ׳האָב שוין אָט־אָט מיך געוואָלט נעמען צו דער אַרבעט, האָב איך דערזען, אַז כ׳גיי אָפּטאָן אַ נאַרישקייט.

צו אַזאַ פֿאַרמעגלעכן מענטשן, — האָב איך פּסיכאָלאָגיש גענומען באַהאַנדלען דעם עניין, — פּאַסט גאָרנישט צוצוגיין רעדן וועגן אַ פּעני. כ׳פֿאַרשטיי, ווען כ׳גיי־צו צו אַזאַ מענטשן לייען אַ פּופציקער אָדער כאָטש פינף און צוואַנציק טאָלער. אָבער באָרגן אַ פּעני? וואָס ער וועט טראַכטן וועגן מיר, וועט ער זיין גערעכט. ער וועט מיינען, אַז כ׳בין אַ באָם!

איז אפשר, — טראַכט איך ווייטער (פּסיכאָלאָגיש), — זאָל איך יאָ צוגיין צו אים און טאַקע באָרגן אַ פינף און צוואַנציקער?

אָבער גלייך נאָך דעם דאָזיקן געדאַנק, האָב איך מיך אַליין גענומען זידלען: „ס׳הייסט, כ׳וועל צוגיין אויף אַ סאָבוועי־סטאַנציע, אין מיטן דער נאַכט, צו אַ ווילד־פֿרעמדן מענטשן און אים רעדן אַ פינף און צוואַנציקער?״

„ס׳איז ביי מיר רעכט, ער זאָל מיינען ס׳איז אַ האָלד־אַפּ!״

„שאַ, — האָב איך ווייטער גענומען טראַכטן, — אפשר זאָל איך אים זאָגן, אַז כ׳בין אַ שרייבער? ניין, אַז ער וועט מיך אָנקוקן, וועט ער נישט גלויבן! ניין... כ׳וועל ניט צוגיין צו אים!״

און אפילו ווען איך באַשליס יאָ צוצוגיין צו אים, איז ער שוין אויך נישט געווען. ער איז שוין לאַנג געווען אונטן.

אַ רעזיגנירטער האָב איך מיך אַוועקגעשטעלט וואַרטן און טראַכטן, — טראַכטן און וואַרטן.

„אַזאַ פּיטשעמאָנטשיק פּעני׳לע, — האָב איך געטראַכט, — אַ פּעני׳לע וואָס איז גרויס ווי אַ געניצל, און עס שפּילט טיילמאָל אַזאַ גרויסע ראָלע אין מענטשלעכן לעבן?!״

„...ווען איך האָב איצט, — טראַכט איך ווייטער, — אַ פּעני, וואָלט איך דאָך אַוועקגעגעבן פאַר איר אַ מיליאָן!...״

און אַזוי טראַכטנדיק, האָב איך מיך גענומען גיין צו די טרעפּ, צום אַרויסגאַנג.

ווייס איך וואָס, אויב די ישועה קומט נישט פון אונטן, אפשר וועט זי קומען פון אויבן?

אויף די טרעפּ האָב איך דערזען אַן אויסגעליידיקט פלעשל.

נעבן פלעשל איז געשלאָפן אַ בעטלער. ער איז האַלב געזעסן און האַלב געלעגן. הינטערן ווילד־באַוואַקסענעם קאָפּ, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף אַ טרעפּל, האָט ער זיך אונטערגעלייגט זיין צעקנאָדערטן העט אין וועלכן עס זיינען געלעגן איינציקע סענטן... סענטן... סענטן...

זיי האָבן מיר דאָסמאָל אָנטקעגנגעבלישטשעט ווי נייע גאָלד־שטיקלעך!

— וואָס טוט מען?! — נעמט מיין מוח ווידער אַרבעטן, — אויב כ׳וויל דווקא, בין איך שוין אַ געהאָלפענער! וואָלט ער נישט געשלאָפן, וואָלט איך אים אַלץ דערציילט, און ער וואָלט מיך, מסתמא, פאַרשטאַנען.

איין אָרעמאַן פאַרשטייט דעם צווייטן!...

כ׳האָב אים אַ צאַרטן גלעט־געטאָן ביים אַרבל.

ער האָט זיך ראַפּטעם אויפגעכאַפּט און, פון געוואוינהייט, אויסגעשטרעקט די האַנט.

ער האָט זיך אָבער אַנטוישט. ער האָט געטראָפן מיין ליידיקע האַנט אויך אויסגעשטרעקט... אַ קאָנקורענט איז אים אויסגעוואַקסן פאַר די אויגן...

כ׳האָב אים נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן און רעפערירט פאַר אים ס׳גאַנצע פּראָבלעם: „באָרג מיר אַ פּעני פון דיינע קאַפּיטאַלן, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועסטו צוריקקריגן מיט פּראָצענט!״

צוערשט האָט ער מיך גוט אָנגעמאָסטן, און דערנאָך האָט ער צו מיר אַ זאָג־געטאָן מיט אַ היימישן און גוט־ברודערישן טאָן:

— סעי, באָס!... איך האָב דאָך דיין געלט!... וואָס דאַרפסטו צו מיר רעדן אַזוי פיל?! האָסט פאַרגעסן, אַז מיט אַ פּאָר שעה פריער, ווען דו ביזט אַראָפּגעגאַנגען אין סאָבוועי, האָסטו מיר אַריינגעוואָרפן אין העט אַ ניקל?! איך געדענק גוט מיינע קליענטן! נאַדיר צוריק

דיין ניקל! איך וועל נישט ווערן אָרעמער, און דו ביזט אין אַ נויט!
אין מענטש דאַרף העלפן דעם צווייטן!

— ניין, — זאָג איך, — בלויז אַ פּעני דאַרף איך!

און ווי אַ הונגעריקער וואָלף בין איך צוגעלאָפן צו דער בודקע אויסקויפן אַ „טאָקען״.

און ווען כ׳בין שוין געווען אונטן, האָב איך, צווישן די פּאַפּירלעך אין איינעם פון מיינע טאַשן, געפונען אַ... דאַים.

**
*

שוין אַ לענגערע צייט ווי איך זוך אַרום מיין באַנקיר, דעם בעטלער,
— כ׳וויל אים צוריקצאָלן דעם חוב.

איך קען אים אָבער נישט געפינען.

ער אַרבעט, דאַכט זיך, איצט אין אַן אַנדער געגנט.

אַ מלחמה מיט זיך אַליין

מען קאָן עס נישט אָנרופן
— אַן אמת׳ע מלחמה מיט פּולווער און כלי־זין.
גיכער קאָן מען עס אָנרופן — אַ קאַלטע מלחמה. אַ נערוון־מלחמה.
אָדער נאָך פּינקטלעכער — אַ פּסיכאָלאָגישע מלחמה מיט זיך אַליין.
דאָס איז פּאָרגעקומען מיט מיר אין סאָבוועי, אין די ראָש־אַוערס.
די רייזע האָט געדאַרפט נעמען אַ דריי־פערטל שעה, און איך האָב געוואונען דאָס גרויסע געווינס — כ׳האָב פאַרכאַפּט אַ פּלאַץ.
בין איך געזעסן, צוזאַמען מיט נאָך גליקלעכע זיצערס, און אַרום אונז זיינען געווען צוזאַמענגעפּרעסט, ווי סאַרדין אין אַ באַקסל, די שלימ־מזל׳דיקע שטייענדיקע פּאַסאַזשירן.
מיינע נאָענטסטע שטייענדיקע שכנים זיינען געווען דריי עלטערע פרויען.
און מחמת דעם, וואָס איך זיץ און זיי שטייען, האָב איך מיך געשעמט זיי צו קוקן גלייך אין די אויגן אַריין. האָב איך גענומען ס׳פּנים און איינגעגראָבן אין אַ צייטונג און געלייענט.

געלייענט און נישט געוואוסט, וואָס איך לייען. ס׳געוויסן האָט מיך געפּייניקט און מיר געוואָרפן גלייך אין פּנים אַריין אַ בינטל מיט מוסר־רייד:

„דו זיצסט ווי ביי דיין מאַמען אין ווייִנגאָרטן, און דו לאָזט שטיין דריי עלטערע פרויען? עס פעלט דיר גאָר נישט אין זיי אָפּצוטרעטן דיין פּלאַץ?! שעם דיך אין דיין וויטן האַלז אַריין!״

„איך זע נישט״, — פּראָביר איך מיך פאַרענטפערן, — „אַז די אַנדערע פּאַסאַזשירן, וואָס זיצן, זאָלן זיין מער מענטשלעך פון מיר?! איך זע דאָ פיל אינגערע פּאַסאַזשירן פון מיר, און קיין איינער פון זיי האָט זיך נאָך דערווייל נישט אויפגעהויבן און אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ. כ׳האָב מיך נישט וואָס צו שעמען, ווייל איך בין נישט דאָ דער איינציקער גראָביאַן!״...

„דערצייל נישט קיין באָבע־מעשיות״, — שרייט מיר ווידער אַריין ס׳געוויסן, — „און זוך דיר נישט קיין פוילע תירוצים! ווער האָט דיר איינגערעדט, אַז מ׳דאַרף זיך לערנען שלעכטס פון אַנדערע?! אפשר האָבן זיי נישט געהאַט די געהעריקע דערציאונג? אפשר האָט מען זיי קיינמאָל נישט געלערנט, אַז מ׳דאַרף האָבן רעספּעקט פאַר אַן עלטערן מענטשן? אָבער דיך, ברודערקע, האָט מען דאָך יאָ געלערנט אין דיינע קינדער־יאָרן אַ פּרק דרך־ארץ! האָסטו שוין טאַקע אַלץ פאַרגעסן?!״

„פאַרגעסן״, — זאָג איך, — „האָב איך נישט. אָבער... צוריק־געשמועסט, פאַרוואָס זאָל איך זיין צו אַנדערע, מער דזשענטעלמען ווי אַנדערע צו מיר?! נעכטן, למשל, בין איך געפאָרן אין סאָבוועי אין די ראַש־אַוערס, און כ׳בין גאַנץ שיין געשטאַנען די גאַנצע צייט. נעבן מיר זיינען געזעסן צוויי אינגערע מענטשן פון מיר, עס איז זיי חלילה די גאַנצע צייט נישט איינגעפאַלן מיר אָפּצוטרעטן זייער פּלאַץ!״

„פאַרענטפערסט דיך שוין ווידער מיט נאַרישקייטן״, — גיט מיר ס׳געוויסן אַ פעסטן ביס, — „אויב יענע צוויי חמור־קעפּ האָבן נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו האַנדלען, גייסטו זיי נאָכטאַנצן?! זאָלן זיי זיך דאָרט גיין זייער דרך, און דו גיי דיר ד י י ן ד ר ך! נו... וואָס זיצסטו נאָך?!.. אויף וואָס וואַרטסטו!.. דו האַלטסט זיך דאָך עפּעס פאַר אַ דזשענטעלמען! דו האָסט דאָך אַ טבע צו זאָגן מוסר צו אַנדערע!

אַלעמען הייסטו זיין גוט און וואויל, און דו אַליין מעגסט יאָ זיין אַ גראָבע זאַך?! נו... נו?..״

„כ׳וועל דיר זאָגן דעם ריינעם אמת״, — נעם איך צוריקקווינקען צום געוויסן און איך פיל ווי עס ציטערן שוין אין מיר אַלע מיינע טראַכ־טונגען, — „כ׳וועל דיר זאָגן דעם ריינעם אמת, כ׳וואָלט מיך שוין אפשר יאָ אויפגעהויבן, אָבער איך שעם מיך פאַר די איבעריקע פּאַסאַזשירן; זיי וועלן דאָך מיינען, אַז כ׳בין אַ משוגענער אויב איך טו אַזאַ זאַך!.. זיי וועלן דאָך מאַכן פון מיר חוזק!.. כ׳וויל נישט זיין דאָ קיין קרבן. איך זיץ!״

„אָ!״ — וואַשט זיך צו מיר ווידער ס׳געוויסן, — „דו ביסט דער אמת׳ער פויגל!.. דו גראָבסט אויס תירוצים פון אונטער דר׳ערד, אַבי חלילה נישט מקריב־זיין דיין הייליק זיצעכץ?! ווער האָט דיר איינגע־רעדט, אַז מ׳וועט פון דיר לאַכן?! אַפילו דער גרעסטער רשע לאַכט נישט, ווען אַן אַנדער מענטש איז אַ גוטער!.. נו, דו זיצסט נאָך אַלץ?!.. איך גיב דיר צייט איין מינוט זאָלסט דיך אויפהויבן פון פּלאַץ. קוים הויבסטו דיך נישט אויף אין משך פון איין מינוט, וועל איך וויסן ווער דו ביזט און כ׳וויל דיך מער נישט קענען. דו ביזט נישט מיינס גלייכן!״

דער לעצטער סטראַשונאַק פון געוויסן, איז פאַר מיר געווען דער גרעסטער קלאַפּ.

„ווייסטו וואָס״, — גיב איך אַ זאָג אַן ווערטער, — „האָסט מיך שוין כמעט איבערצייגט און איך בין ׳שוין אין פּרינציפּ געניוגט זיך אויפצוהויבן״.

„וואָס פּרינציפּ?! ווען פּרינציפּ?! — רייסט זיך אַריין ס׳געוויסן און לאָזט מיך נישט פאַרענדיקן מיין פריערדיקן געדאַנק, — „דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן אויפהויבן זיך פּרינציפּיעל, נאָר דאָ האַנדלט זיך וועגן אויפהויבן זיך דע פאַקטאָ, בפועל ממש!..

„אָבער, אום גאָטס ווילן״, — בעט איך מיך ביים געוויסן, — „טעראַ־ריזיר מיך נישט! לאָמיך נאָך פרעגן איין איינציקע פראַגע!״

„אַ סוף, מאַך עס שנעל!״

„איך וויל זאָלסט מיר עצה׳ן ווי אַזוי כ׳זאָל לייזן דאָס פּראָבלעם — מאַטעמאַטיש?״

„וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן?"

„איך מיין", — ענטפער איך, — „דערמיט צו זאָגן, אַז איך האָב בלויז איין פּלאַץ, און נעבן מיר שטייען דריי פרויען. וועלכער פון זיי זאָל איך אָפּטרעטן מיין פּלאַץ?"

„מאַך עס גאָר פּשוט: הויב זיך אויף, און זאָג, אַז די עלטסטע פון די דריי לײדיס זאָל זיך אַוועקזעצן!"

כ'האָב געפאָלגט. כ'האָב געטאָן ווי מיין געוויסן האָט מיר דיקטירט. אָבער מיין אויפהויבן זיך פון פּלאַץ האָט נישט געבראַכט דעם געווינטשטן רעזולטאַט.

קיין איינע פון די דריי האָט זיך אויף מיין געאָפּערטן פּלאַץ נישט אַוועקגעזעצט. קיין איינע פון די דריי לײדיס האָט, ווייזט אויס, נישט געוואָלט צוגעבן, אַז זי איז עלטער פון די איבעריקע צוויי...

איך האָב מיך צוריק אַוועקגעזעצט, און מיין געוויסן האָט זיך באַגראָבן פון חרפּה...

די מאָראַל פון דעם אַלעם איז: ווייבערישע יאָרן האָבן גאָרנישט וואָס צו טאָן מיטן געוויסן...

אויטאָמאַטן דערציילן פון חדר

אָנטיילנעמער:

אויטאָמאַט פון קיי־גומי

אויטאָמאַטישע וואָג.

צייט:

אין אונזערע טעג.

האַנדלונג:

אונטער דער ערד, אין אַ סאָבוועי־סטאַנציע.

קיי־גומי־אויטאָמאַט: פסס...

חבר'טע וואָג, רוק זיך צו מיר צו אַביסל נענטער...

וואָג: וואָס איז די גדולה?!... אויב דו האָסט מיר עפּעס צו זאָגן, קום צו מיר!

קיי־גומי: ווען כ'קען, וואָלט איך שוין לאַנג געווען ביי דיר... מיין קאָמפּאַני האָט מיך אָבער אַוועקגעשטעלט און לאָזט מיך ניט רירן פון אָרט!

וואָג: מיין מעשה! כ'בין דאָך אויך צוגעקלאַפּט!

קיי־גומי: זיינען מירביידע, הייסט עס, אויף צרות!

וואָג: אַלץ הייסט אויף צרות?! מען ליגט אונטער דר'ערד, מען זעט נישט די ליכטיקע וועלט און ס'איז אַזוי הייס דאָ, אַז מ'קען שטאַרבן!

קיי־גומי: ...און מיר פאַרפעלט לופט, כ'האָב מורא, מ'וועט מיך דאַרפן אַרויסטראָגן פון דאַנען!

וואָג: און איך בין אַהערגעקומען געזונט, ווי אַ נוס, און איצט לעב איך קוים! מ'האָט מיך דאָ צורעכט געמאַכט! ווען דו האָסט מיינט קליענטן, וואָלסטו שוין לאַנג געגאַנגען פון דער וועלט, דו וואָלסט עס זיכער נישט אויסגעהאַלטן... אַמערגסטן איז, ווען מ'האָט צו טאָן מיט ווייבער! זאָלסט גאָרנישט געפּרואווט ווערן מיט מיין טעם!...

קיי־גומי: כ'קען אויך דעם טעם! עס פעלן מיר נישט קיין ווייבערישע קאָסטאָמערס!

וואָג: אַ שיינער פאַרגלייך צווישן דיר מיט מיר! אפשר ווילסטו, קען איך מיך מיט דיר שוין בייטן! דו ביזט אַ פּריץ אין פאַרגלייך צו מיר! מען קומט צו דיר צו, מען וואַרפט אַריין ס'דייניקע, דו וואַרפסט אַרויס דאָס זייעריקע און מ'איז שוין נישטאָ!... אָבער ביי מיר? — ווער ס'האָט נאָר אַ פּעני, טרעט אויף מיר... און ווער שמועסט נאָך, עס קומט צו מיר צו אַ ווייבל, קען איך מיך שוין פון איר ניט אַרויס־דרייען. זי וויל גאָרנישט אַראָפּגיין, זי האַלט אויף מיר שבת! זי טרעט מיך מיט איין פוס, דערנאָך טרעט זי מיט נאָך אַ פוס, שפּעטער קוקט זי מיר אויפן ווייזער אין פּנים אַריין, און זי קען גאָרנישט אָוועקרייסן פון מיר די אויגן... און קוים וויז איך איר, אַז זי וועגט אַ סך, ווערט זי אויף מיר בייז — נאָר איינצושלינגען... חבר'ל, דו ביזט גליקלעך, וואָס דו האָסט נישט קיין ווייזערס!

קיי־גומי: ווער ס'איז מיך מקנא!.. איך פּאַק טיילמאָל אויך אַ קאָסטאָמער, אַ נודניק... ער שטעלט זיך מיר אַוועק דרייען ביים קנעפּל, פאַרגעסט ער אויפצוהערן! נאָר איין נס האָב איך, וואָס אין מיטן דערינען גיט מיר אַ קום־אָן אַ טרעין, אַנטלויפט מיר דער קאָסטאָמער, און דעמאָלט כאַפּ איך ערשט דעם אָטעם!..

וואָג: דו האָסט כאָטש מזל, וואָס אַ טרעין ראַטעוועט דיך אַרויס! איך האָב אַזעלכע ווייבער, וואָס פאַרגעסן אינגאַנצן, אַז זיי דאַרפן ערגעץ

פאַרן... אַז זי וועגט זיך אָפּ איין מאָל, גלויבט זי מיר נישט און וואַרפט אַריין נאָך אַ פּעני... זי מיינט, אַז צווישן איין פּעני און דער צווייטער, וועט זי פאַרלירן אַ פּאָר פונט!..

קיי־גומי: נעם דיר נישט צום האַרצן, חבר׳טע וואַג, איך האָב פון מיין געזינדל אויך גענוג אויסצושטיין! היינט האָט מיך איין קליענט שיער געמאַכט פאַר אַ קאַליקע... ער האָט מיר אַריינגעוואָרפן אַ פּעני און ס׳איז גאָרנישט אַרויס, האָט ער מיר גענומען זעצן מיט די פויסטן, אַז כ׳האָב געמיינט, אַז די קישקעס וועלן מיר אַרויספאַלן!.. און צוליב וואָס? — צוליב אַ נאַרישער פּעני!.. אַזוי זיינען זיי די פאַרשוינען, ביי פּאָוקער וועלן זיי דיר פאַרשפּילן צענדליקער דאָלאַרס און, אַז עס קומט צום אויטאָמאַט, שלאָגן זיי זיך פאַר אַ פּעני!.. שנאָרערס!

וואָג: מאָדנע מענטשן!.. טשיקאַווע צי נאָר דאָ, אונטער דר׳ערד זיינען זיי אַזוי?!.. איך וואָלט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי זיי פירן זיך אויף אויבן!

קיי־גומי: ס׳איז אומעטום איין וועלט!.. איך האָב אַ ברודער, אויך אַ טשואינג־גאָם אויטאָמאַט, ביים טיימס סקווער, האָט ער די זעלבע צרות! אָבער די געגנד איז כאָטש דאָרט אַ בעסערע!

וואָג: און איך האָב אַ שוואָגער, אַ סיגאַרעט־אויטאָמאַט, אַרבעט ער אין אַ מואווי און ס׳גייט אים נישט שלעכט... און ס׳איז נישט קיין וואונדער: ער האָט נישט צו טאָן מיט די פּעני־פּענטאַקעס... אונטער אַ קוואָדער וועט מען ביי אים גאָרנישט אויפטאָן!

קיי־גומי: יאָ, זיי איז גוט! אָבער מיר וועלן שוין קיין קאַריערע נישט מאַכן! פיר און צוואַנציק שעה שטייט מען אויף די פיס, מען ווערט פאַרזשאַווערט און מען ווייסט אַפילו נישט פון קיין וויק־ענד!

וואָג: און איצט, אַז עס קומען די ראַש־אַוערס, איז נאָך ערגער... ס׳הויבט זיך שוין אָן די לויפעניש!

קיי־גומי: זע נאָר... ווי משוגעים לויפן זיי צו דער טרעין!

וואָג: מען קוועטשט זיך אינעווייניק ווי הערינג!

קיי־גומי: מען הענגט אינדערלופטן!

וואָג: ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, חבר׳טע אויטאָמאַט, אַז כ׳קוק אויף די מענטשן אין וואַגאָן, זע איך, אַז אונזער לאַגע איז גאָרנישט

אַזוי שלעכט! מיר אויטאָמאַטן האָבן כאָטש שטענדיק שטיי־פּלעצער, און זיי, די פּאַסאַזשירן אינעווייניק, האָבן צומאָל קיין שטיי־פּלעצער אויך נישט!... גלויב מיר, נישט איינער פון די פּאַסאַזשירן וואָלט זיך גע־ווינטשן איצט צו זיין אַן אויטאָמאַט...

(דער צוג גייט־אָפּ, די סטאַנציע בלייבט ליידיק. עס ווערט שטיל ווי פאַר אַ נייעם שטורעם.)

וואָג: (קאָקעטיש) ענדלעך זיינען מיר אַליין!.. האָסט מיר עפּעס צו זאָגן?..

קיי־גומי: (נישט דעצידירט) יאָ... כ׳האָב דיר עפּעס צו זאָגן...

וואָג: קיינער הערט נישט, קענסט זאָגן!..

קיי־גומי: עפּעס פיל איך זיך צעבראָכן...

וואָג: רעד! רעד! אפשר קען איך דיר העלפן?

קיי־גומי: כ׳גלויב נישט!..

וואָג: ס׳אַ סוד?..

קיי־גומי: איז׳ן איז עס טאַקע אַ סוד, אָבער פאַר דיר האָב איך נישט קיין סודות: איך פיל, כ׳בין עפּעס נישט מיט אַלעמען... עס זיינען מיר אַרויסגעפאַלן אַלע סענטן, וואָס מ׳האָט אַריינגעוואָרפן!...

וואָג: דאָס איז עס אינגאַנצן, קאַוואַלער מיינער! אַבי כ׳האָב גע־מיינט אַז ס׳איז עפּעס אַ ראָמאַנטישער סוד!.. כ׳וויל דיך נישט קענען! שאַררראַפּ!!

(אוןביידע אויטאָמאַטן ווערן אַנטשוויגן...)

אויף אַלע פראָנטן

פאַראַן אַזעלכע טיפּן, וואָס זיינען פאַרביי־
סענע שונאים פון דער „עמפּאַיר סטייט
בילדינג, — ווייל זי שטייט ה ע כ ע ר
פון זיי.

ער קען פערזענליך
די גאַנצע וועלט

כ׳האָב אים באַגעגנט, דעם פאַרשוין, אויף אַ היימישער שמחה.

כ׳האָב אים געזען דאָרט צום ערשטן מאָל, און אויב ס׳וועט גיין גוט — וועל איך אים האָבן געזען צום לעצטן מאָל.

איך לייד נישט קיין מענטשן, וואָס שפּילן די ראָלע פון אַלצוויסערס.

ווען איר כאַפּט אָן, קען ער און ווייס ער.

ס׳איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן אַזאַ איינער, וועמען ער, דער פאַרשוין, זאָל נישט קענען פערזענלעך, אָדער — זאָל נישט האָבן געהערט פון אים, אָדער, ווייניקסטנס — ער זאָלט נישט האָבן געלייענט וועגן אים „טויזנטער מאָל״.

וואָלט ער טאַקע אַלץ געוואוסט, וואָלט איך געצויגן פאַר אים דעם קאַפּעלוש. אָבער ווי איז דער דין, אַז ער וויס פון זיינע הענט און פיס?!

באַלדביים טיש האָב איך געזען מיט וועמען איך האָב צו טאָן.

ביים ערשטן גלעזל וויין, האָט ער אַ סמאַטשקע־געטאָן מיט די ליפּן און געגעבן אַ זאָג:

— פּרימאַ! אַ יאָר זעכציק איז דער וויין אַלט!

— פון וואַנען, — פרעג איך, — ווייסט איר, אַז זעכציק יאָר? אויפן פלעשל זע איך נישט קיין אויפשריפט!

— פאַרלאָזט אייך, — זאָגט ער, — אויף מיר! מיט פאַרמאַכטע אויגן וועל איך אייך זאָגן, וויפיל אַ וויין איז אַלט! און כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן דערנעבן! כ'קאָן מאַכן אַ טעות אין עטלעכע חדשים, העכסטנס — אין אַ האַלב יאָר! לחיים!

ווען כ'האָב נאָכן עסן זיך גענומען אַרומקוקן אויף די בילדער, וואָס הענגען אויף די ווענט, איז דער פאַרשוין פלוצים אויסגעוואַקסן הינטער מיר, אויך געקוקט אויף די בילדער און געזאָגט מבינות. ביי יעדן בילד האָט ער אַריינגעוואָרפן בלויז עטלעכע געציילטע ווערטער: „מ'האָט שוין געזען אַזעלכעס!” „נישט איי־איי־איי!” „טשעפּוכאַ!” „אַ שאָד די צייט!”

מ'האָט דערלאַנגט קאַווע, און איך האָב געזאָגט, אַז כ'טרינק נישט. אַז מ'טרינקט ביינאַכט קאַווע, קאָן מען נישט שלאָפן.

— ווער האָט עס אייך געזאָגט? — גיט ער מיך אַ פרעג.

— אַ גרויסער פּראָפעסאָר האָט עס מיר געזאָגט!

— ווער איז דאָס דער גרויסער פּראָפעסאָר?

— און אַז כ'וועל אייך זאָגן, — פרעג איך, — וועט איר אים קענען?

— שור, וועל איך אים קענען! נישטאָ קיין איין פּראָפעסאָר, וואָס כ'זאָל נישט קענען!

דאָ האָט ער מיך שוין אינגאַנצן אַרויסגעפירט פון די כלים.

אַזאַ פאַרשוין — טראַכט איך מיר — איז אַ מצווה אָנצולערנען, און דאַכט זיך אַז איך וועל טאָן די מצווה...

און איך גיב אים אַ פרעג:

— אַזאַ ברייטע קענטשאַפט האָט איר?

— אַ סך ברייטער ווי איר שטעלט אייך פאָר!

— און דעם מוזיק־פּראָפעסאָר מעציני קענט איר?

— וואודען, כ׳קען אים נישט?! ער האָט איצט אַרויסגעגעבן אַ בוך! געהערט, אַז ער קען דעם פּראָפעסאָר מעציני, האָט זיך אין מיר אָנגעצונדן די אַמביציע, און ביז געגאַנגען ווייטער:

— זאָגט מיר, איר האָט אַמאָל געלייענט הערבאַטניקאָוו׳ן?

— אַ שאלה! נאָך אינגלוויז האָב איך אים געלייענט! ער איז גאָר־נישט מיט גאָרנישט!

— איך מיין, — זאָג איך ווייטער, — אַז הערבאַטניקאָוו איז געגאַנגען אויף די וועגן פונם ענגלישן דיכטער מעקברינדזי!

— ס׳הויבט זיך נישט אָן! הערבאַטניקאָוו און מעקברינדזי זיינען צוויי באַזונדערע וועלטן! נישטאָ די מינדסטע ענלעכקייט צווישן זייביידע.

— איר האָט דען געלייענט אַמאָל מעקברינדזי׳ס „וואַסערפאַל״?

— צי איך האָב געלייענט מעקברינדזי׳ס „וואַסערפאַל״?!

— ווער — פרעג איך ווייטער — מיינט איר איז שטאַרקער: מעק־ברינדזי צי דער כינעזישער קלאַסיקער טשאַי־לאַי־פו?

— ס׳איז נישט — ענטפערט ער — קיין פאַרגלייך! דאָס וואָס טשאַי־לאַי־פו האָט אין נאָגל, האָט נישט מעקברינדזי אין זיין גאַנץ לייב און לעבן! אַפילו צען מעקברינדזיס וועלן נישט אָנשרייבן דאָס, וואָס איין טשאַי־לאַי־פו!

— אָבער דער קריטיקער — זאָג איך — דע לימבראָ זאָגט פּונקט קאַפּויער!

— טאַקע? פון ווען אָן איז דע לימבראָ ביי אייך אַן אויטאָריטעט?! ביי מיר איז דע לימבראָ אַ גאַנץ קליינער מבין!

— אָבער ווערסי איז יאָ אַ מבין! — גיב איך שנעל אַ קלאַפּ־אַריין אַ קעגן־אַרגומענט.

— זעט איר, וועגן ווערסי׳ן וועל איך מיך נישט שפּאַרן! ס׳איז געווען אַ צייט ווען כ׳האָב געקענט גאַנצע שטיקע ווערסי פון אויסנווייניק!

— ער איז געווען אַ מאָלער אויך!

— זיין מאָלעריי בין איך אים מוחל! — אַן אַמאַטאָר!

— מ׳האָט געמיינט, — זאָג איך, — אַז ער שניידט זיך אויף אַ צווייטן יאַרטשיני, אָבער ס׳איז גאָרנישט געוואָרן דערפון!

— זאָגן דעם אמת? יאַרטשיני'ס מאָלערייען איבערראַשן מיך אויך נישט!

— און דער מאָלער ווילאַנדזשער געפעלט אייך בעסער?

— וועגן ווילאַנדזשער'ן לאָזט זיך אַ סך רעדן! ער איז אָריגינעל. מ'קאָן זאָגן, אַז ער האָט געשאַפן אַן אייגענע שולע אין דער מאָלעריי!

*****

אין מיטן דער דיסקוסיע וועגן מאָלער ווילענדזשער האָט די „באָמבע געפּלאַצט". איך האָב אַ זאָג־געטאָן:

— פּאַניע מיסטער, צי ווייסט איר, אַז די גאַנצע כאַליאַסטרע, וואָס איך האָב אייך דאָ דערמאָנט, זיינען נעמען פון דער הפטורה?! ס'איז נישטאָ קיין הערבאַטניקאָוו מיט קיין מעקברינזי מיט קיין טשאַי־לאַי־פו מיט קיין ווערסי מיט קיין דע לימבראָ. בלויז אויסגעטראַכטע נעמען. זיי זיינען נאָך נישט געבוירן געוואָרן!

דער פּאַרשוין האָט אויסגעהערט און פלעגמאַטיש זיך אָנגערופן:

— זעט איר שוין, אַז איר דאַרפט אייך נישט שפּאַרן מיט מיר! איר קענט אַפילו נישט די אַלע מענטשן, וואָס איר האָט אויסגערעכנט. אָבער איך — איך קען זיי אַלע ווי מיינע צען פינגער!

מיינע צוויי באַרבערס

איך האָב צוויי באַרבערס פאַר וועלכע איך האָב מקריב געווען מיין קאָפּ מיטן פּנים.

אין באַרבער, וואָלט איך געזאָגט, איז אַ וואָכעדיקער, און דער צווייטער — אַ יום־טוב׳דיקער.

דער וואָכעדיקער באַרבער שערט מיך און גאָלט מיך אין די אַרבעטס־טעג, ווען כ׳בין אין דער געגנד פון מיין אָפיס.

דער יום־טוב׳דיקער — טוט אויף מיר זיין פליכט ווען כ׳קום נישט אין אָפיס, און איך בין אין דער היים.

ביידע באַרבערס זיינען געוואָלדיק איבערגעגעבן און זיי באַדינען מיך ווי אַ קייסער. אַזוי ווי איך קום נאָר אַריין, פאַרעט מען זיך אַרום מיר מיט דער גרעסטער צערטלעכקייט: אַ שוועבעלע, אַ פּעיפּער, אַ זשורנאַל, מען שטעלט אָן העכער די ראַדיאָ, און אַז כ׳האָב ׳שוין געניאָסן פונם גאַנצן כיבוד, הייסט מען מיך אויסציען אויף דער טשער און מען נעמט מיך פּאַטשן און גלעטן און פון תענוג פאַרמאַך איך די אויגן און עס דאַכט זיך מיר, אַז כ׳בין אין זיבעטן הימל...

וואָלט טאַקע אַלץ געווען גוט און וואויל, ווען די צוויי באַרבערס מיינע, פירן נישט צווישן זיך קיין קאַמף. זיי רייסן זיך אַרום, זיי זידלען זיך, זיי מאַכן זיך מיט דער בלאָטע צוגלייך.

מיינט איר אפשר, אַז די צוויי בלוטיקע שונאים, די באַרבערס, קענען זיך פעררזענלעך? — אַ נעכטיקער טאָג! זינט זיי לעבן און עקזיסטירן און שטייען אויף די פיס, האָבן זיי זיך נאָך פאַר די אויגן נישט געזען. פרעגט אויף טשיקאָווער איינעם פון זיי, ווי דער צווייטער זעט אויס — וועט ער נישט וויסן וואָס איך צו ענטפערן.

פון וואַנען־זשע נעמט זיך די מלחמה? — איז דער תירוץ: ווי אַלע מלחמות, צוליב אימפעריאַליזם. יעדער איינער פון זיי וואָלט מיך גע־וואָלט פאַרכאַפּן אויף גאַנצע הונדערט פראָצענט. יעדער איינער וואָלט געוואָלט, אַז כ׳זאָל אינגאַנצן געהערן צו אים. ער וויל נישט האָבן קיין שותף צום פּנים!

וואָלט מיך אפשר די גאַנצע חתונה נישט געאַרט. זאָלן זיי זיך אַרומשלאָגן די באַרבערס, זיי האָבן, מסתמא, גרינגע קעפּ. די ביזנעס זייערע וואַקסט פון מינוט צו מינוט.

די גאַנצע צרה איז אָבער, וואָס איך בין אין דער מיט. זיי פירן די מלחמה, און איך — איך כאַפּ די קלעפּ. . :

מאָלט אייך, איך זעץ מיך אַוועק אויף דער טשער פונם וואָכעדיקן באַרבער, און אַזוי ווי ער פאַרלייגט אויף מיר ס׳ליילעך און פאַרט מיר אַדורך ס׳פּנים מיט דער האַנט — הויבט זיך שוין אָן די מלחמה.

— אייער צווייטער באַרבער, — זאָגט ער, — האָט אווך שוין ווידער אַ תל געמאַכט פון פּנים. זעט נאָר די וואַנצעלעך, וואָס ער לאָזט איבער. ער ווייסט נישט, דער לאַטוטניק, אַז וואַנצעלעך דאַרפן גיין אויף צוויי זייטן, איינס — אויף איסט, און איינס — אויף וועסט?! וועלכער גראָבער יונג פאַרשערט עס וואַנצן אַזוי, אַז ביידע זאָלן גיין אויף דער וועסט־סאַיד?! זאָגט אים דאָרט, דעם פאַרשטאָפּטן קאָפּ, אַז אויב ער וועט מיר נאָכאַמאָל איבערלאָזן אַזעלכע וואַנצעלעך — וועל איך אים אָפּ׳הרג׳ענען אַ פּאָר פּאות, אַז ער וועט מיך האָבן צו געדענקען!

אַזוי ווי ער רעדט, בלייבט ער נישט בלויז ביים רעדן, נאָר ער טוט

איך. ער פֿאַרהאַקט מיר איין פּאה אַזוי, אַז דעם צווייטן באַרבער מיינעם זאָל פּלאַצן די גאַל.

און קום איך צום יום־טובֿ'דיקן באַרבער, האָב איך דאָרט די אַנדערע טעג יום־טובֿ. ער צינדט זיך אָן:

— וואָס פֿאַרא פּאות האָט ער אייך געמאַכט דער באַלוואַן? זאָגט אים דאָרט, אַז אויב מ'קאָן נישט און מ'ווייסט נישט, נעמט מען זיך נישט אונטער! זעט נאָר די אידיאָטישע פּאות, וואָס ער האָט אייך צוגע־שניטן?! וואו האָט ער אַהינגעטאָן אַ פֿערטל אינטש פֿון דער רעכטער פּאה?! אַ חרפּה און אַ שאַנד אָנצוקוקן אַ שניט. אַז שניידן זאָל אים דאָרט...

און איידער ער פֿאַרענדיקט זיין קללה, „אַז שניידן זאָל אים דאָרט"....

— שניידט ער גאָר דאָ. און כ'האָב שוין אַ שפּאָרן שניט אויף דער צווייטער פּאה.

— כ'בין נאָך אַזאַ חכם, — ווערט ער אָנגעצונדן, — פּונקט ווי יענער באַרבער אייערער! אַז ער וועט מיר שניידן אַ פֿערטל אינטש פֿון רעכטס, וועל איך אים שניידן אַ האַלבן אינטש פֿון לינקס. ביי מיר וועט ער נישט זיין קיין קנאַקער! און זאָגט אים דאָרט, אַז אויב ער וועט מיר נאָכאַמאָל מאַכן אַזעלכע קונצן, וועל איך אַזוי צורעכט מאַכן אַ פּנים, אַז ער וועט זיך שעמען דעם קאָפּ אויפצוהויבן!

אַז איך באַווייז מיך עטלעכע טעג שפּעטער ביי מיין וואָכעדיקן באַר־בער, באַקום איך באַלד אַ באַגריסונג ביי דער טיר:

— העלאָו, וואָס מאַכט איר? ווייזט נאָר, ווייזט נאָר די לינקע פּאה?! נו, יאָ, כ'האָב גלייך דערקענט פֿון דער ווייטנס, אַז יענער קאַליקע אייערער האָט שוין ווידער געגראַבלט ביים פּנים. טוט איך אויס און זעצט אייך נאָר אויף דער טשער!

און אַז איך זעץ מיך אַוועק, הויבט זיך ווידער אָן די שלאַכט:

— הערט אויס, — זאָגט ער, — זיין נס איז, וואָס איך שאַנעווע אייך, ווייל איר זענט מיינער אַ קליענט, אָבער ווען נישט איר, האַק איך אים אָפּביידע פּאות ביז איבערן אויער און זאָל ער זיך איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל באַגראָבן פֿאַר חרפּה. אָבער אויב ער מיינט, אַז ער וועט זיך מיט מיר

שפּילן אין קידער־ווידער, האָט ער אַ טעות. אַ סוף! אַראָפּגענומען די וואָנצעלעך זיינע!

ער גיט דערביי אַ הויכן פּיף, אַ שמיר מיט דער זייף, אַ פּאָר מיטן מעסער און — זכה לו! כ׳האָב שוין נישט קיין וואָנצעלעך!...

קום איך צום יום־טוב׳דיקן באַרבער און ער דערזעט, אַז כ׳בין אָן וואָנצעלעך, ווערט אים פינסטער פאַר די אויגן, און טוט מיך אַזוי אַ פרעג זייטיק, מיט פאַרגלאָצטע אויגן:

— וואָס עפּעס אָן וואָנצעלעך?! די כאַמולע האָט אייך שוין מסתמא צוגערעדט אַראָפּצונעמען די וואָנצעלעך, האָ?!

— יאָ, — פּרואוו איך מיך פאַרענטפערן, — איך בין נישט שולדיק. אַלץ — די כאַמולע!

— נו, אויב אַזוי, — זאָגט ער, — זעצט אייך נאָר אַוועק. איך וועל אים צורעכט מאַכן אַ קאַרק, וועט ער קיין תחית המתים נישט אויפשטיין. איך מאַך אים אַ קאַרק מיט זיג־זאַגן, זאָ וואַר איך לעב!

שוין דריי וואָכן ווי ס׳איז וואָפנשטילשטאַנד. כ׳האָב איבערגעלאָזט ביידע קעמפנדיקע באַרבערס און כ׳האָב מיר אויסגעזוכט אַ דריטן.

איך פיל נאָך אָבער אויפן פּנים די פריערדיקע מלחמה:

מיין נייער באַרבער זאָגט, אַז עס מוז נאָך נעמען אַ שפּאָר שטיקל צייט, ביז דער קאַרק וועט זיך אויסגלייכן, די פּאות וועלן צוריקוואַקסן און די וואָנצעלעך וועלן ווידער נעמען שפּראָצן...

דער פּאַציפיסט

װער עס איז אַ קריגס־העצער, — איך בין אַ שלום־העצער!

איך בין אַ רודף־שלום׳ניק, אַן אויסגלייכער, אַ בורר. איר קאָנט מיך אַפילו אָנרופן אַ פּאַציפיסט, — עס אַרט מיך נישט!

אַז איך זע, װי צװיי מענטשן קריגן זיך, בין איך שטענדיק אין מיטן. איך כאַפּ אַמאָל אַ קלאַפּ, אָבער ס׳איז װערט. איך גיי נישט אַװעק פריער, ביז איך גלייך זיי אויס.

װיפיל פּאַרפעלקער האָב איך שוין אויסגעגלייכט? — אַ סך מער, װי איר מיינט.

איצט זיינען זיי טאַקע אַלע געג׳גט, אָבער בשלום לעבן זיי!

און צװיי בלוטיקע שונאים, שכנים פון מיין הויז, האָב איך נישט אויסגעגלייכט?

דריי יאָר האָבן די צװיי שכנים געפירט צװישן זיך אַ מלחמה, און ס׳האָט זיך געטאָן חושך.

בלוטיקע שונאים!

ס׳האָט געפּעלט אַ האָר, אַז איינער דעם צווייטן זאָל אויפעסן פון רציחה. אַ נס, וואָס גראָד זיינען זיי ביידע — וועגעטעריאַנער, און זיי עסן נישט קיין פלייש.

און צוליב וואָס איז אויסגעבראָכן די מלחמה? — צוליב אַ נאַריש־קייט, — צוליב טאַנצן!

איין שכן וואוינט אויפן פערטן גאָרן, און דער צווייטער וואוינט אונטער אים, אויפן דריטן גאָרן.

האָט מען ביים שכן אויפן פערטן גאָרן כסדר געטאַנצט. האָט דער שכן פון דריטן גאָרן פּראָטעסטירט. ער האָט געשריגן, אַז דאָס טאַנצן לעכערט אים דעם קאָפּ, און די סטעליע שאָקלט זיך.

ס׳האָט שוין געפעלט אַ האָר, אַז מ׳זאָל רופן פּאָליצײ און אַרויס־טראָגן די גאַנצע מלחמה אויף די פראָנט־פּעידזשעס פון די גאַזעטן.

ביז איך האָב מיך אַריינגעצויגן, גענומען די קעיס אין דער האַנט און זיי אויסגעגלייכט.

אַז כ׳האָב געזען, כ׳וועל מיטן אויבערשטן שכן גאָרנישט מאַכן, ווייל ער איז אַן איינגעשפּאַרטער טענצער, — האָב איך גענומען באַאַרבעטן דעם אונטערשטן שכן.

כ׳האָב אים אָוועקגערופן אין אַ זייט און געזאָגט:

— ליסן, ער איז אַן איינגעשפּאַרטער באָק און דו וועסט מיט אים גאָרנישט מאַכן! דו וועסט רופן פּאָליצײ? — ער וועט זיך אַרויסדרייען! פּאָליצײ מישט זיך נישט אין טענץ! זיי האָבן אַנדערע זאָרג אויפן קאָפּ!

דו וועסט אים שלעפּן אין קאָורט? — ער וועט געווינען, ביקאָוז ער האָט אַן איידעם אַ שטיק לאָיער. כמעט אַן אַקאַונטענט!

און אויב אַפילו דו וועסט אים שיקן אין דזשעיל, וועט מען אים אויך באַפרייען אויף בעיל, אָדער ער וועט אַרויס אויף פּאַראָל, און וועט אַהיים־קומען און — ווידער טאַנצן!

איז דעריבער דער איינציקער אויסוועג: אָפּצאָלן מיט דער זעלבער מטבע; אים טאָן צו־להכעיס; אַזוי ווי ער נעמט טאַנצן — טאַנץ אויך!

האָט מיך דער שכן פון דריטן פלאָר געפאָלגט, און ער טאַנצט שוין אויך!

אײן חסרון איז בלויז, וואָס איך וואוין אונטער אים, און אַז ער נעמט טאַנצן, שאָקלט זיך איצט בײ מיר די סטעליע!

אָבער עס אַרט מיך נישט. אַבי די צווײ שכנים לעבן שוין איצט בשלום!

הלוואי וואָלט איך געקאָנט אַזוי פיל שלום־מאַכן, ווי כ׳וואָלט געמאַכט. אָבער עס גײט שווער, אוי, ווי שווער!

ס׳אומגליק מיט מענטשן איז דאָס, וואָס זײ ווערן אײנגעטײלט אין צווײ קאַטעגאָריעס: אין שונאים און אין גוטע פרײנט.

יעדער שונא אײערער, זאָלט איר וויסן, איז אײער געוועזענער גוטער פרײנט; און יעדער גוטער פרײנט, איז אײער צוקונפטיקער שונא.

מיט אַ גוטן־פרײנט קאָן מען נאָך טײלמאָל דורכקומען, אָבער איר מוזט עס מאַכן שנעל, נאָך אײדער ער ווערט אײך אַ שונא.

אָבער מיט אַ שונא וועט איר גאָרנישט מאַכן. מעג ער אַפילו זײן אײערס גלײכן, — אויך אַ שונא, — וועט איר מיט אים גאָרנישט מאַכן!

און אויב איר ווילט זיך פאַרהיטן פון שונאים, האָט איר אַן אײן־און־אײנציקן אויסוועג:

קומט נישט צו מענטשן, רעדט נישט צו מענטשן און קוקט נישט אויף מענטשן!

היט אײך פאַר מענטשן, ווי פאַר פײער.

איר וועט גיכער אויסקומען מיט בהמות און עופות, ווי — מיט מענטשן.

מענטשן טשעפּען זיך צו אַ ליאַדע קלײניקײט, אָבער בהמות און עופות ווײסן נישט דערפון. זײ זײנען נאָך נישט אַזוי פאַרדאָרבן, ווי מענטשן.

פּרובירט אויסטראַכטן אַ בלבול אויף אײער בעסטן גוטן־פרײנט צווישן די מענטשן, — קויפט איר אײך אַ שונא.

אָבער פּרובירט אויסטראַכטן אַ בלבול אויף אַ הון, אויף אַ האָן, אויף אַן אינדיק, — ליגט עס זײ אין דער לינקער פּאה!

פּרובירט אַרײנקריכן מיט די קאַלאָשן אין האַרץ פון אַ מענטשן, — ווערט ער אײך אַ שונא.

אָבער פּרובירט אַרײנקריכן אין האַרץ פון אַ קו, פון אַ קעלבל, פון אַ קאָזע, — וועט עס זײ אַנגײן, ווי דער פאַראַיאָרעדיקער שנײ.

פּרובירט זידלען אַ מענטשן, — מאַכט ער אײַך דערפֿאַר מיט דער בלאָטע צוגלײַך.

אָבער פּרובירט זידלען אַ קאַץ, — הערט זי אײַך ווי דעם קאָטער, און זי בלײַבט אײַך דער זעלבער גוטער פֿרײַנט, ווי פֿריער.

די מענטשלעכע סביבה, זאָלט איר וויסן, איז אַ שעדלעכע.
וואו איר וועט אײַך אַ דריי־טאָן צווישן מענטשן, זענט איר אין געפֿאַר.
איר קאָנט אײַך נישט היטן פֿון שונאים, ווייל די שונאים היטן אײַך.
איר וועט אַנטלויפֿן פֿון שונא, און דער שונא וועט אײַך נאָכלויפֿן.
און איינס פֿון די ביידע:
אויב דער שונא כאַפּט אײַך, איז שלעכט.
און טאָמער כאַפּט ער אײַך נישט, איז נאָך ערגער, — ער וועט אײַך בלײַבן אַ שונא אויפֿן אײביקן לעבן!
מײַדט־אויס מענטשן, וועט איר קאָנען עקזיסטירן!

נחת'דיקע צרות

איך באַקלאָג מיך נישט, חלילה, אויף מיינע קינדער, — איך האָב פון זיי נחת.

אָבער די צרה איז, וואָס צום נחת האָב איך צרות אויך.

האָב איך אי נחת, אי — צרות. נחת'דיקע צרות!

פאַלט אַמאָל, אויף טשיקאַווע, אַריין צו מיר אין הויז, — איר וועט אַריינפאַלן אין אַ שמאַלץ גרוב!

איר וועט טרעפן אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר, אַ בערזע, אַ טומעל, אַ יאַריד, הימל עפן זיך!

אַ דיבוק, רחמנא ליצלן, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין הויז, און איך קאָן אים נישט פאַרטרייבן אפילו מיט הונדערט שטעקנס.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט מיין יונגסטן באָי, — מיט מאַרווינען.

ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ „האָבי" צו זאַמלען פּאָסט־מאַרקעס, סטעמפּס.

רייסט ער פון טויט און פון לעבעדיק. רייסט און קלעבט, קלעבט און רייסט.

רייסט פון טאַטן, רייסט פון דער מאַמען, רייסט פון פרעמדע. קיין איין בריוו, וואָס קומט אַריין אין הויז, איז נישט זיכער מיטן לעבן. ער האָט שוין סטעמפּס פון אַלע לענדער אין דער וועלט, און ער קלעבט און סאָרטירט און טוישט און קויפט און פאַרקויפט. יעדער בריוו איז ביי אים אַ קרן.

פרעג איך אים: מאַרווין, האָסט שוין אַזוי פיל פּאָסט-מאַרקעס, אַז דו קאָנסט דיר שוין באַלד עפענען אַן אייגענעם פּאָסט־אָפיס?

ענטפערט ער מיר: „פּאַ, צו וואָס דאַרפסטו עס מיר זאָגן, — שרייב עס אָן, און שיק מיר אַ בריוול, וועל איך האָבן נאָך אַ סטעמפּ״!

מיין עלטערער זון, אירווינג, זאַמלט פישעלעך. אָנגעהויבן מיט אַ נאַריש פישל אין אַ גלאָז, און ער האַלט שוין איצט ביי אַ טאַנק. אַלץ הייסט אַ טאַנק? — כ׳האָב אַ גאַנצן ים אין שטוב!

מ׳גיסט אַריין וואַסער און מ׳גיסט אַרויס וואַסער. און די פישעלעך שווימען פון שוואַוילטאַג. זיי פּאַשן זיך און מערן זיך! אין אָנהויב האָב איך זיי נאָך געקאָנט ציילן; איצט האָט זיך די משפחה אַזוי פאַרגרעסערט, אַז כ׳קאָן זיי שוין נישט ציילן. פישעלעך פון אַלע קאָנטינענטן און פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. כ׳קוק אַריין אין טאַנק, האָב איך אַ גאַנצע יונייטעד נעישאָנס.

און ווען מיין אירווינג נעמט מיר דערציילן די לעבנסגעשיכטע פון יעדן פישעלע, איז עס ווי אַ שפּאַנענדער ראָמאַן. ער קאָן יעדע מעטריקע פון אויסנווייניק. ער ווייס וועלכע פישעלעך קומען פון קובאַ, וועלכע — פון פלאָרידע, וועלכע — פון מעקסיקע. און ווי אַזוי יעדעס פישל האָט זיך דערשלאָגן פון זיין היימלאַנד ביז צו מיין טאַנק, — דאָס איז אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט.

און נישט בלויז דער טאַנק איז פאַרנומען מיט די פיש. דער פרידזשי־דעיר — אויך. ס׳גאַנצע עסנוואַרג פאַר די פיש ליגט אין פרידזשידעיר. און אַזוי ווי די פיש האָבן אַ טבע צו עסן ווערים, האָב איך אַ ווערימדיק לעבן.

ווען כ׳גיי צו צום פרידזשידעיר, און וויל מיר נעמען עפּעס עסן, קוקן מיר די ווערים אין די אויגן אַריין. פאַרליר איך ס׳לשון, און ווער שטום ווי אַ פיש.

גיט מיר אַ מיליאָן כ׳זאָל היינט עסן אַ שטיקל פיש, וועט איר ביי מיר נישט פּועלן. איך וויל נישט ריזיקירן. מען דערלאַנגט מיר אַ שטיקל געפילטע פיש, דאַכט זיך מיר, ס׳איז גאָלד־פיש, — הייס איך עס צוריק־נעמען!

זענט איר שוין פאַרטיק, מיינט איר? — מאַכט איר אַ טעות!

איך האָב ביז הונדערט און צוואנציק יאָר, נאָך אַ זון, מאַיקל הייסט ער, האָט ער אַ האָבי פון זאַמלען אַלטע מטבעות.

ווען איך כאַפּ אַ בליק אין זיין קאָלעקציע, ווער איך עלטער מיט עטלעכע הונדערט יאָר.

איר געפינט ביי אים מטבעות פון אַלע צייטן און פון אַלע לענדער.

ער האָט גרייצערס פון פראַנץ יאָזעפס צייטן, גאָלדענע מאַרקן פון ווילהעלמ׳ען, גילדענס פון פּוילישן קייסער, פראַנקן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, יענס פון יאַפּאַנישע מיקאַדאָס, און דראַכמעס פון אַלטן גריכנלאַנד. ער האָט אַן אוצר און דער אוצר קאָסט מיך שוין אַן אוצר. איך צאָל פאַר אַלטן געלט, מיט ניי געלט, — מיט אָנקעל סעמ׳ס דאָלאַרן!

און אַז כ׳בין שוין פאַרטיק מיט מיינע זין, וויל איך אייך פאָרשטעלן מיינע טעכטער.

איין טאָכטער, שוירלי, זאַמלט אויטאָגראַפס.

זי האָט אַריינגעלייגט דעם גאַנצן חוש אין עדי פישער, אין בינג קראָסבי, אין פרענק סינאַטרא, און — אין וועמען נישט?!

יעדן טאָג ברענגט זי צו שלעפּן נייע אויטאָגראַפס. זי האָט שוין אַ פולן שופלאָד מיט האָליוואוד און אַ פולע וואַנט מיט בראָדוועי. זי היט אָפּ די קאָלעקציע ווי אַן אויג אין קאָפּ. אַנומלט האָט זי אָנגעהויבן וויינען, עס פעלט איר אַ מערילין מאָנראָו, און ס׳איז איר צעריסן געוואָרן אַ יול ברינער. איז צו וועמען מיינט איר איז עס אויסגעגאַנגען? — צו מיר! קיין מערילין מאָנראָו האָב איך איר נישט געקאָנט שאַפן, אָבער יול ברינער׳ן האָב איך אונטערגעקלעבט און געראַטעוועט.

ס׳האָט געפעלט אַ האָר, כ׳זאָל האָבן נאָך אַ האַבי אין הויז. מיין עלטסטע טאָכטער האָט אָנגעהויבן זאַמלען „ענגעידזשמענט רינגס". אָבער

אַז כ׳האָב דערזען, אַז עס ווערט אַ האבי, האָב איך גענומען און זי חתונה געמאַכט און אויס האבי!

בין איך געבליבן ביי פישעלעך, ביי סטעמפּס, ביי מטבעות און ביי אויטאָגראַפס.

און טאָמער איז דאָס געווען ווייניג, האָב איך צוגעקראָגן קעצעלעך — אויך.

די קעצעלעך זיינען מיין ווייב׳ס האבי.

און אַז כ׳קום אַהיים, איז די ערשטע זאַך — באַגריסן זיך מיט אַלע האביס:

שלום עליכם, פישעלעך!

אַ גוטן אָוונט אייך, פּאָסט־מאַרקעס!

וואָס מאַכט איר, מטבעות?!

העלאָו, אויטאָגראַפס]

ווי גייט עס אייך, קעצעלעך?!

צוליב וואָס, מיינט איר, טו איך עס? —

ס׳איז געוואָרן ביי מיר אַ האבי!

אַלע אין הויז האָבן האַביס, — פּאַרוואָסזשע זאָל איך איינער זיין אַן אויסנאַם?!

ס׳איז לאַנגווייליק, ברודער!

ס׳ טויג נישט, ברודער, ס׳איז לאַנגווייליק!

אַמאָל, ווען כ׳בין געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, איז מיר גאָר־נישט געווען לאַנגווייליק. דער טאָג איז אַדורך שפּילעוודיק. אַביסל האָב איך געזאָרגט אינדערפרי, אַביסל האָב איך געזאָרגט אין אָוונט, — כ׳האָב געהאַט מיט מיר וואָס צו טאָן.

אָבער זינט איך האָב מיך אַרויפגעאַרבעט, — גיי איך איין!

נייך, כ׳זאָגט נישט, אַז עס פעלט מיר עפּעס. פּאַרקערט, עס גייט מיר גאַנץ גוט. דאָס, וואָס כ׳דאַרף, האָב איך; אָבער דאָס, וואָס כ׳האָב, דאַרף איך נישט.

איך האָב אַן איינגעאַרבעטע ביזנעס. אַזוי איינגעאַרבעט, אַז עס גייט שוין אַליין. כ׳האָב מענטשן, וואָס אַרבעטן פאַר מיר אַזוי פיל, אַז פאַר מיר בלייבט שוין גאָרנישט וואָס צו טאָן.

קום איך אין די ביזנעס יעדן טאָג, פאַרלייג אויפן טיש אַ פוס אויף אַ פוס, און רויכער אַ ציגאַר נאָך אַ ציגאַר פון לאַנגווייליקייט. געררויכערט

פופציק־סענטיקע, האָב איך מיך איבערגעוואָרפן צו דאָלערדיקע ציגאַרן, און עס העלפט אויך נישט, — ס'איז מיר לאַנגווייליק!

איך האָב אַ סעקרעטאַרשע, צאָל איך איר וועידזשעס פאַר אויפנעמען טעלעפאָנען און זאָגן, אַז כ'בין נישטאָ. כ'זיץ און כ'בין נישטאָ. און אַז עס ווערט מיר לאַנגווייליק פון זיצן און נישט זיין, — גיב איך איר אַ „רעיז".

אַביסל ראַטעוועט מיך דאָס, וואָס כ'גיב אַוועק צייט ביים אונטער־שרייבן בריוו. שפּיל איך מיך ביים אונטערשרייבן. אַ נס, וואָס כ'האָב אַ לאַנגן נאָמען, — נעמט אַביסל לענגער. אָבער — ס'איז לאַנגווייליק!

איך מאַך אַ סך רייזעס איך פאָר אַרום. צוליב וואָס פאָר איך? — איך וויל פאַרפאָרן די לאַנגווייליקייט. אָבער עס העלפט נישט. איך פאָר און די לאַנגווייליקייט פאָרט מיר נאָך!

איך האָב צוויי קאַרס. ווען כ'ווער מיד צו טרייבן איין קאַר — טרייב איך די צווייטע. און ווען כ'ווער מיד צו טרייבן די צווייטע קאַר, לאָז איך זי שטיין אויף דער גאַס, און כאַפּ מיך אַראָפּ אין סאָבוועי. ווען כ'קום צוריק אַרויף, האָב איך אַ טיקעט אין קאַר. אַ שטראָף פאַר שלעכט פּאַרקן. אָבער גלויבט מיר, אַפילו מיטן טיקעט, איז מיר אויך לאַנגווייליק!

איך האָב צוויי הייזקעס, — איינע אין שטאָט און איינע אין קאַנטרי. צוויי הייזקעס, כאָטש איך בין איינער, — אַ בעטשלאָר. כ'בין געווען פאַרהייראַט, איז מיר געוואָרן לאַנגווייליק צו וואַרטן פינף און צוואַנציק יאָר ביז צו דער זילבערנער חתונה, — האָב איך מיך גע'גט.

דריי איך מיך אַרום איינער אַליין אין צוויי הייזקעס.

איך כאַפּ מיך אַמאָל צו צו דער פּיאַנע. שפּיל איך אָפּ עטלעכע מינוט, און ס'ווערט מיר לאַנגווייליק. ווי לאַנג קאָן מען זיצן ביי אַ פּיאַנע, אויב מ'קאָן נישט קיין נאָטן, מ'האָט נישט קיין געהער, און מ'ווייסט נישט וואָס מ'שפּילט?!

שוין געהאַט אַריינגענומען אַ פּאָפּוגאַי אין הויז, זי זאָל מיר מאַכן אַביסל אינטערעסאַנטער ס'לעבן, און זאָל מיר פאַריאָגן די לאַנגווייליקייט.

ס'האָט נישט געהאָלפן!

כ'האָב נאָכגערעדט אַלץ, וואָס די פּאָפּוגאַי רעדט, און ס'האָט נישט

געווירקט; פֿאַר דער פּאָפּוגאַי איז עס אפשר געווען אינטערעסאַנט, אָבער פֿאַר מיר איז עס געווען לאַנגווייליק.

איר זעט די פֿינגער? — מאַניקירט. פֿון לאַנגווייליקייט לאָז איך מיר מאַניקירן די פֿינגער. אָבער נאָך קיינמאָל נישט געלאָזט מאַניקירן ביידע הענט מיטאַמאָל. נאָך דער ערשטער האַנט, ווערט מיר לאַנגווייליק. הויב איך מיך אויף און גיי אַוועק. מאַניקירט פֿינף פֿינגער, און איך באַצאָל פֿאַר צען!

מ׳האָט אַמאָל געמאַכט אויף מיר אַ האָלד־אַפּ. כ׳האָב געמיינט, אַז דאָ בין איך שוין אַ געהאָלפֿענער. אַוועקגעגעבן אַ גאָלדן זייגערל, אַ דימענט־רינגל און אַ הונדערטער קעש. אָבער אַפֿילו נאָכן האָלד־אַפּ האָט זיך גאָרנישט געענדערט. דער האָלדאַפּניק איז אַנטלאָפֿן און די לאַנגווייליקייט איז געבליבן!

ס׳איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז צוליב לאַנגווייליקייט האָב איך מיר געלאָזט וואַקסן אַ בערדל. אָט, נאָט עס אייך!

אָבער, איצטער, ווען כ׳האָב שוין ס׳בערדל, איז נאָך ערגער, — ס׳איז אונז ביידע לאַנגווייליק: אי מיר, אי דעם בערדל.

ס׳טויג נישט, ברודער, ס׳איז לאַנגווייליק!

און אויב אויף יענער וועלט, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, איז אויך אַזוי לאַנגווייליק, — האָב איך גאָרנישט קיין חשק זיך אַהין איבערצוטראָגן.

כ׳וועל דאָרט אויסגיין פֿון לאַנגווייליקייט!

ציוויליזאַציע — ווער דאַרף עס?

מאָנאָלאָג פון אַ פּעסימיסט

צ יוויליזאַציע — שמיווילי־זאַציע, ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט?! — דער טייוול האָט עס אויס־געטראַכט.

איר האָט אַ ברירה צו זאָגן, אַז כ׳בין אַלטפּרענקיש, אַז כ׳גיי נישט מיטן שטראָם. זאָגט וואָס איר ווילט, צ׳יור פּריווילעדזש! אָבער איך האַלט: ציוויליזאַציע איז דער שונא פון דער וועלט!

אַזוי ווי ס׳איז נאָר אויפגעקומען דער ערשטער פּאַנאָגראַף, האָב איך געזען, אַז די קלאָג איז פאַרטיק!

דאָס שפּילקעלע, וואָס האָט זיך געדרייט אויפן פּאַנאָגראַף, איז מיר באַלד נישט געפעלן געוואָרן. כ׳האָב געזען, אַז מען בלייבט נישט שטיין ביים שפּילקעלע, — מ׳וועט גיין ווייטער!

און מ׳איז טאַקע געגאַנגען!

כל זמן מ׳האָט געוואַשן וועש מיט דער האַנט, איז די וועלט געווען — וועלט. אָבער זינט מ׳האָט איינגעפירט צו וואַשן מיט דער מאַשין, איז די וועלט נישט קיין וועלט, און די וועש איז נישט קיין וועש!

וואָס, אַ שטייגער, האָט אונז געפעלט, ווען מ׳איז געגאַנגען אויף די טרעפּ — צופוס?

איז געקומען די ציוויליזאַציע און איינגעפירט אַ נייעס — אַן עלעוויטאָר!

אָבער די טרעפּ האָט מען איבערגעלאָזט!

איז ממה נפשך: אויב ס׳זיינען דאָ טרעפּ, וואָס דאַרף מען אַן עלע־וועיטאָר? און אויב ווידער ס׳איז דאָ אַן עלעוועיטאָר — צואוואָס׳זשע דאַרף מען די טרעפּ?!

אַ סימן, די ציוויליזאַציע אַליין גלויבט נישט אין אירע כוחות! מ׳האָט איבערגעלאָזט די טרעפּ: מ׳זאָל זיי נישט דאַרפן, — קאָנען זיי אַמאָל צונוץ קומען!

מ׳האָט אויסגעטראַכט אַ ביקס. מילא, אַ ביקס — זאָל זיין אַ ביקס. דעם אמת געזעדט, בין איך נישט קיין חסיד פון ביקסן. די איינציקע ביקס פון וועלכער איך האַלט, איז — אַ בשמים־ביקס.

אָבער, אַז מ׳האָט שוין אויסגעטראַכט די ביקס, טאָ וואָס זוכט מען נאָך מער?!

איז זי געגאַנגען, די ציוויליזאַציע, און באַלד נאָך דער ביקס האָט זי באַשאַפן האַרמאַטן און קאַנאָנען און גראַנאַטן און באָמבעס.

צו וואָס האָט מען דאָס אַלץ געדאַרפט? ס׳קומט צו דערפון, מיינט איר, אַ שטיק געזונט? — אָסור!

און טאָמער איז נישט גענוג אַ געוויינלעכע באָמבע, זיינען זיי גע־גאַנגען ווייטער, און האָבן אויסגעטראַכט אַ בעסערן סאָרט באָמבע — אַן אַטאָם־באָמבע.

איצט זיצט שוין די ציוויליזאַציע רואיק. ס׳איז איר אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ. זי קאָן שוין חרוב מאַכן די וועלט אויף אַ ציוויליזירטן אופן, און שפּעטער וועט מען ווייטער זען, וואָס עס איז דאָ צו טאָן!

די ציוויליזאַציע האָט אויסגעטראַכט אַן עראָפּלאַן. צו וואָס? צו וועלכע גוטע יאָר דאַרף מען עס? אַ שיף טויג נישט? אַ באַן איז שלעכט? וואָס איז ס׳איילעניש?

ווען ס׳האָט זיך באַוויזן דער ערשטער עראָפּלאַן אויפן הימל, האָב

איך באַלד דערזען, אַז עס טויג אויף כפרות! עס וועט ווערן אַ חד־גדיא אויף דער לופט.

און מיין נביאות איז טאַקע מקוים געוואָרן, — נאַט איך די גאַנצע חד־גדיא אויף דער האַנט:

פון אַלטפרענקישן עראָפּלאַן איז מען געגאַנגען צום דזשעט;

פון דזשעט — צום באָמבער;

פון באָמבער — צום מיסיל;

פון מיסיל — צום ספוטניק!

און ווי ווייט איז שוין פון ספוטניק צו דער לבנה? — אַ קאַצנשפרונג!

און מ׳גרייט זיך שוין טאַקע גאַנץ סעריאָזנע צו פאָרן צו דער לבנה. מ׳פאַרקויפט שוין אַפילו בילעטן.

אמת, דערווייל פאַרקויפט מען די בילעטן אויף איין זייט, — בלויז אויף אַהינוועגס, אָבער מסתמא וועט נישט לאַנג נעמען און מ׳וועט פאַרקויפן אויף צוריקוועגס — אויך!

אַ וועלט אַרויסגעקומען!

אַלע אויגן זיינען געווענדעט צום הימל!

ווען איך האָב אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, דערזען דעם ערשטן וואָלקנקראַצער, האָט מיר באַלד געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרצן. דאָס איז געווען דער ערשטער סימן, אַז מען רייסט זיך פון דער ערד צום הימל!

מ׳האָט אָנגעהויבן צו קוקן, כ׳בעט איבער אייער כבוד, אויפן עולם התחתון, פון אויבן־אַראָפּ!

ווי הונגעריקע וועלף האָט זיך דער עולם אַ לאָז־געטאָן צום הימל, און מ׳וויל אים איינשלינגען לעבעדיקערהייט.

איין בידנע שטיקל הימל, — און אַלע האָבן אויף אים גרויסע אויגן!

צוערשט האָט מען אַריינגעלייגט מי און שוויס אין דער ערדישער וועלט!

געזייט און געפלאַנצט און געאַקערט!

פאַרלייגט בריקן, געגראָבן טונעלן און געבויט אונטערערדישע באַנען!

געדרילט אויל און געזוכט אוצרות!

געפירט מלחמות צוליב אַ שטיקל טעריטאָריע. געמאַכט אינוועסט־מענטס. פאַרקויפט אַקציעס, אַריינגעלייגט ס׳גאַנצע דאַברי מזל אין דר׳ערד!

און נאָך די אַלע גליקן, קומען צוגיין די וויסנשאַפטסלייט און זאָגן: די ערד איז מער ניט מאָדיש, — דער הימל איז ס׳אויבערשטע פון שטויסל!

רייסט זיך איצט די מענטשהייט איבערצוטראָגן ס׳גאַנצע ביסל האָב־און־גוטס אין דער הויך אַרויף, און מ׳וויל דאָרט אַלץ איבערפלאַנצן.

און אַלע זיינען שוין פיקס־און־פאַרטיק. מ׳טראָגט זיך פון דער ערד צום הימל מיט אַזאַ גרינג געמיט, ווי, להבדיל — פון ברוקלין קיין לאָנג איילענד!

און זיי זעען גאָרנישט, די הימל־כאַפּערס, אַז עס וועט אָנקומען מיט קופערנע ווערים, דאָס אַרויפטראָגן די ערדישע וועלט אין די הויכן אַרויף.

אַ האַלבע וועלט וועט מען צע׳גנב׳ענען אויפן וועג, און אַ האַלבע וועלט וועט זיך צעקרישלען פון אַלטקייט.

זיי ווייסן נישט, אַז כל־זמן די וועלט שטייט — שטייט זי; אָבער קוים וועט מען זי אָנהויבן רירן פון אָרט — וועלן פון איר פאַלן שטיקער!

און דער סוף וועט זיין, מ׳וועט אַרויפקומען מיט גאָרנישט!

מ׳וועט מוזן אָנהויבן אַלץ פונסניי, פון בראשית, — מ׳וועט דאַרפן בויען אַ נייע וועלט!

און אַז די נייע וועלט וועט שוין זיין דאָרט, וועט זיך דען עפּעס ענדערן? — קיין האָר נישט!

ס׳וועט זיין די זעלבע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט.

אסור מיר, צי די פּאָליטישע רעדל־פירערס וועלן פירן בעסער מיט דער וועלט אויבן, ווי זיי פירן מיט דער וועלט אונטן!

די זעלבע אינטריגעס! די זעלבע כיטרע שטיק!

די זעלבע חזיר׳ייען!

דערפאַר זאָג איך: זוכט נישט קיין גליקן, רבותי! לאָמיר שוין בעסער בלייבן ביים אַלטן! ציוויליזאַציע־שמיוויליזאַציע, ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט? — דער טייוול האָט דאָס אויסגעטראַכט!

„וואָס הערט מען עפּעס?"

איך וויל אייך דאָ באַקענען מיט עטלעכע פון מיינע באַקאַנטע, און אויב זיי געפעלן אייך, — נעמט זיי אייך! כ'זאָג אייך צו, כ'וועל זיי נישט מאָנען צוריק.

נעמט, למשל, אַזעלכע, וואָס האָבן אַ טבע, ווען זיי רעדן מיט אייך, זיך צו שפּילן מיטן קנעפּל פון אייער מאַנטל אָדער רעקל.

זיי וועלן אַזוי לאַנג איינ'טענה'ן מיט אייך, ביז זיי וועלן אַראָפּרייסן ס'קנעפּל.

כ'האָב פריינט, וואָס האָבן אַ געוואוינהייט צו זעצן אין פּלייצע.

אַז זיי באַגעגענען אייך, גייט די באַגריסונג — דורך אַ זעץ אין פּלייצע.

פּלייצע־קלאַפּערס זיינען, חלילה, נישט אויסן אייך שלעכטס צו טאָן. פאַרקערט, דאָס באַגריסן זיי אייך מעשה גוטער־ברודער. אָבער דערווייל, ביז וואָס־ווען, האַקן זיי אייך אונטער די לונגען — גוט־ברודעריש.

כ'האָב פריינט, וואָס דערקוטשען ביז חלשות מיט באַטאַפּן דעם קראַוואַט. דאָס זיינען מענטשן, וואָס געהערן צו אַ ספּעציעלן שבט פון קראַוואַטן־נודניקעס.

ווען אַזאַ נודניק באַגעגנט אייך, ציט ער נישט דעם הוט. ער גיט אייך נישט שלום־עליכם, נאָר — ער כאַפּט זיך באַלד צו אייער קראַוואַט: אַ, אַ וואָזשנער שניפּס! וויפיל קאָסט ער? וואו האָסטו אים געקויפט?"

מיט אַזאַ איינעם ווייס איך שוין ווי אַזוי צו האַנדלען. אַז איך באַגעגן אים, דערלאַנג איך אים נישט די האַנט, — איך דערלאַנג אים גלייך דעם קראַוואַט.

און איר האָט עפּעס ליב מענטשן, וואָס באַגריסן אייך אויף דער גאַס מיט אַ ברייטן „וואָס הערט מען עפּעס"? און איידער איר באַוויזט נאָך צו ענטפערן, זיינען זיי שוין נישטאָ?!

איך האָב איין באַקאַנטן, וואָס לאָזט מיך כסדר איבער מיטן „וואָס הערט מען עפּעס"? און ער לויפט ווייטער. און וויל איך אים ענטפערן, וואָס מען הערט, האָב איך שוין נישט מיט וועמען צו רעדן.

אַן אַנדערער, דו פרעגסט, וואָס מען הערט, — שטעל זיך אָפּ, און וואַרט אויף אַן ענטפער. אָבער אַזוי ווי דער ענטפער ליגט אים אין דער לינקער פּאה, איז פאַר אים געננוג, אַז ער האָט אָפּגעג׳עפּעסט, און לויפט ווייטער „עפּעס"ן ביי אַ צווייטן, וואָס ער וועט טרעפן אויפן וועג.

האָב איך שוין לאַנג געהאַט אַן אויג אויפן דאָזיקן פאַרשוין, און באַשלאָסן צו נעמען נקמה. וואָס פאַר אַ נקמה קאָן איך נעמען? — כ׳וועל אים ענטפערן אויף זיין „וואָס הערט מען עפּעס?" — וועט דאָס זיין די גרעסטע נקמה!

אַנומלט איז ער מיר אַקעגנגעקומען אויף דער גאַס.

אַזוי ווי כ׳האָב אים נאָר דערזען פונדערווייטנס, האָב איך געזאָגט צו מיר אַליין: יעצט געשעט עס! זאָל ער נאָר וואָגן מיך אַ פרעג־צו־טאָן „וואָס הערט מען עפּעס?"

און ער האָט געוואָגט. — ער האָט מיך אַ פרעג־געטאָן, און ער איז שוין געוועזן פיקס און פאַרטיק צו לויפן ווייטער.

גיב איך אים פלינק אַ כאַפּ־אָן ביי דער האַנט און זאָג אים: נאָר סער! מ׳גייט נישט! — דאָ שטייט מען! איך האָב אַ טבע, אַז מען פרעגט מיך, לאָז איך נישט אָן קיין תשובה! איר פרעגט מיך שוין אַ סך יאָרן, און איר האָט נאָך נישט געהערט דעם ענטפער, וויל איך איצט אָפּצאָלן פאַר די גאַנצע צייט.

קודם, — זאָג איך, — לאָמיך אָנהויבן פון געזונט. איך בין געזונט, מיין ווייב איז געזונט און די קינדער זיינען געזונט. איך האָב געהאַט צו טאָן מיט אַ פוס, אָבער ס׳איז מיר שוין בעסער. מיין ווייב איז געווען אויף אַ דיעטע און פאַרלוירן אַכט פונט. ביזנעס גייען נישט שלעכט. מיטן שותף האָב איך מיך צעטיילט. כ׳האָב אים אויסגעצאָלט, און כ׳בין איצט דער גאַנצער באַלעבאָס פון געוועלב. אין דער אַלטער וואוינונג וואוינען מיר שוין נישט מער. כ׳האָב געקויפט אַ הייזקע. אויב איר ווילט, קאָן איך אייך אויסרעכענען וויפיל כ׳האָב אריינגעלייגט מזומן, וויפיל עס טראָגט און וויפיל איך בין שולדיק?

— ניין, — זאָגט ער, — דאָס איז נישט וויכטיק. דער עיקר, וואָס מאַכט איר מיטן געזונט?

— גוט! כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט!

— און, ווי גייען די ביזנעס?

— פיין, כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט!

— איר האָט, דאַכט זיך, געהאַט אַ שותף?

— צעטיילט זיך מיטן שותף. כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט!

— און איר וואוינט נאָך אין דער אַלטער וואוינונג?

— געקויפט אַ הייזקע! כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט!

— ווען האָט איר מיר געזאָגט?

דאָ בין איך שוין געבליבן געפּלעפט.

וואָס האָב איך מיט אים איינצוטענה׳ן, אַז ס׳איז אַ שאָד אַ וואָרט.

זאָל ער שוין בעסער פרעגן, און איך זאָל נישט ענפערן; איידער — איך זאָל ענטפערן און ער זאָל נישט הערן!

כ׳האָב אים געלאָזט שטיין און בין אַוועק.

איצט, אַז ער באַגעגנט מיך, פרעגט ער שוין נישט מער „וואָס הערט מען עפּעס?" ער איז אַזוי פאַרזיכטיק, אַז ער זאָגט בלויז: „אַבי מ׳זעט זיך"!

אָט, אַזעלכע באַקאַנטע האָב איך.

אויב זיי געפעלן אייך, — נעמט זיי!

כ׳זאָג אייך צו, אַז כ׳וועל זיי נישט מאָנען צוריק!

טויטע ביזנעס

א פריינט האָט אין אַ זו־מערדיקן זונטיק מיך „איינגעלאַדן“ אויף אַ בית־עולם בייצוואוינען די צערעמאָניע פון אויפדעקן די מצבה פון אַ מעמבער אין זיין סאָסייעטי.

— קום, — זאָגט ער צו מיר, — כ׳וועל דיך פירן מיט מיין קאַר צו דער סעמעטערי, און איך גאַראַנטיר דיר, אַז כ׳וועל דיך צוריקפירן...

איז מיר די גאַראַנטיע געפעלן־געוואָרן, און כ׳האָב אָנגענומען די איינלאַדונג.

מ׳האָט זיך גערעכנט, אַז צו דער אויפדעקונג וועלן קומען אַלע לעבע־דיקע מיטגלידער פון דער סאָסייעטי, אָבער געקומען זיינען קוים עטלעכע.

ס׳איז פּשוט געווען אַ חרפּה און אַ שאַנד פאַרן טויטן.

די צערעמאָניע האָט נישט לאַנג גענומען. מ׳האָט עס דורכגעפירט שנעל, אויפן אַמעריקאַנער שטייגער, — האַרי־אַפּ.

דער סעקרעטאַר האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף דער מצבה און גע־זאָגט הויך אַ פּאָר ווערטער.

צוערשט האָט ער איבערגעבעטן דעם טויטן, וואָס ער האָט געדאַרפט

אַזוי לאַנג וואַרטן ביז מ׳האָט אים געשטעלט די מצבה; דערנאָך האָט ער געלויבט דעם טויטן און זיך אָפּגעשטעלט אויף זיינע גוטע מידות ביים לעבן.

„ער איז געווען — האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט — דער בעסטער דיוס־צאָלער אין דער סאָסייעטי; ער איז שטענדיק געווען גוט־שטייענ־דיק; און הלוואי וואָלטן אַלע לעבעדיקע מעמבערס געווען אַזוי פּינקטלעך, ווי דער־אָ טויטער, וואָלט די קאָסע פון דער סאָסייעטי געווען אַ סך רייכער, ווי זי איז״.

מיין פריינט האָט מיך אָנגענומען פאַרן אָרעם און מיר פאָרגעלייגט צו נעמען אַ שפּאַציר אַרום די מצבות און אַרום די קברים.

— קום — זאָגט ער — וועל איך דיר ווייזן, ווי די טויטע מאַכן אַ לעבן.

דער טאָג איז געווען אַ שיינער. די זון האָט באַשטראַלט די מצבות און באַוואַרעמט די קברים — אַ מחיה!

ער איז געגאַנגען מיט זיכערע טריט און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. געוואָלט מיר דערמיט ווייזן, אַז ער פילט זיך דאָ היימיש, מעשה־באַלעבאָס, ער איז אויסגעקאָכט מיט די טויטע.

— דו זעסט, — זאָגט ער צו מיר, — דעם טויטן דאָ? — ער האָט זיך שוין איינמאָל אַרויפגעאַרבעט! ווען ער איז געשטאָרבן איז ער געווען אַ ביטערער אָרעמאַן! און איצט? — זע דעם „אוהל״ וואָס מ׳האָט אים דאָ אויפגעשטעלט! און די טרעפּ? ווען האָט ער געקענט חלומ׳ען פון אַזעלכע טרעפּ?

און מיט אַ קרעכץ האָט ער צוגעגעבן:

— מ׳טאָר קיינמאָל נישט פאַרלירן די האָפענונג! היינט האָסטו נישט, און מאָרגן קאָנסטו יאָ האָבן!

...און אָט־אָ־דאָ ליגט דער עקזעקוטיוו סעקרעטאַר פון אונזער לאַנדסמאַנשאַפט. ער פלעגט האַלטן דעם שליסל פון אָפיס. שוין עטלעכע יאָר ווי ער איז געשטאָרבן און ס׳איז נאָך נישט פאָרגעקומען קיין איין זיצונג, ווייל מען ווייסט נישט וואו ער האָט אַהינגעטאָן דעם שליסל.

...און איצט לאָמיר גיין אַביסל ווייטער. לאָמיך זען טרעף ווער עס ליגט דאָ? — אויך אַ כלל־טוער! אַי, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן! ליב געהאַט ווי ס׳לעבן — באַנקעטן און יובילעאומס. יעדעס

האַלבע יאָר — אַ יובילעאום. שוין אָנדערטהאַלטן יאָר געשטאָרבן און דורך דער גאַנצער צייט זיך נישט געמאַכט קיין יובילעאום. כ׳קאָן נישט פאַרשטיין ווי אַזוי ער האַלט עס אויס?!

...נאַט אייך, אַט האָט איר דאָ אַ קבר פון אַ טשערמאַן! געווען אַ וואוילער מענטש, נאָר זאָל ער מיר דאָרט מוחל זיין, די „ספּיטשעס״ האָבן אים אוועקגעלייגט! כ׳געדענק נאָך זיין לעצטע רעדע אויפן מיטינג. אַז ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, האָט ער פאַרגעסן אויפצוהערן! שאַ... זייט נאָר שטיל אַ מינוט — דאַכט זיך, אַז ער רעדט נאָך אונטן!...

אַט, האָסטו! אַ מצבה מיט אַ „פּיקטשע״ אין מיטן. יאָ, כ׳האָב אים געקענט! ער האָט זיך גאָרנישט געביטן! אַי, האָט ער ליב געהאַט כבוד! האָט ער ליב געהאַט כבוד! פאַר אַ שטיקל פּיקטשע אין פּעיפּער איז ער געלאָפן אין פייער אַריין! און אַזוי ווי מען איז צו זיבן, איז מען צו זיבעציק!... אַ פּיקטשע אויף דער מצבה, איז אויך אַ קרן.

...און ווער ליגט דאָ דער ערשטער אין דער ריי? — מסתמא אויך אַ כבוד־זוכער!... מסתמא האָט ער ביים לעבן אויך געזוכט דעם סאַמע אויבן־אָן... וואָס קאָן שוין זיין חשוב׳ער ווי צו ליגן דער ערשטער אין דער ערשטער ריי?!... קיין נעכטערס איז דאָך שוין נישטאָ!... לויט זיין קרקע קומט־אויס, אַז ער איז געווען דער ערשטער שטאַרבער, און פאַר אים איז נאָך קיינער נישט געשטאָרבן!

— קום, — האָט פאַרענדיקט מיין פריינט, — דער אָוונט פאַלט־צו, לאָמיר שוין צוריקפאָרן! די אַנדערע טויטע קען איך נישט; און אויב איך קען זיי נישט, — מעגסט זיין זיכער, אַז זיי זיינען נישט קיין וויכטיקע טויטע!...

...און ער האָט געהאַלטן זיין גאַראַנטיע, און מיך צוריק אַרויסגע־פירט!...

אַ דאַנק־בריוול

מיין טייערער פריינט:

איך געפין פאַר מיין חוב דיר אויסצודריקן אַ האַרציקן דאַנק פאַר די עטלעכע אַנגענעמע שעה, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אויף דער פאַרטי אין דיין הויז.

איך דערמאָן מיך נישט נאָך אַן אַנדער שמחה, וואו איך זאָל האָבן געהאַט אַזויפיל פרייד, נחת און פאַרגעניגן.

אַ שאָד בלויז, וואָס צו דער שמחה האָסטו אויך איינגעלאַדן דיינע שכנים, די בריקשטיינס. איך רעד שוין נישט מיט זיי שיינע יאָרן, ווייל זיי זיינען זשוליקעס. כ׳בין צופרידן, וואָס איך האָב זיי איגנאָרירט אויף דער שמחה און נישט אָנגעקוקט זייערע פּנים׳ער.

עס האָט מיר באמת לייד־געטאָן, וואָס כ׳האָב אומגעריכט געטראָפן ביים טיש מיין געוועזענעם פאַרטנער איציקשטיין. ער האָט מיר נישט געקאָנט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין, ווייל ער ווייסט אַליין וואָסער צאַצקע ער איז.

יעדעס מאָל, ווען כ׳האָב געוואָרפן אויף אים אַ בליק, האָט זיך

זיין פּנים ממש געבעטן אַ פּאַטש. אָבער די שמחה דיינע איז מיר געווען צו־טייער, אַז איך זאָל זי פאַרשטערן מיט פּאַטשן אַ געוועזענעם שותּף.

אַביסל האָט מיך פאַרדראָסן, וואָס פון דער רעכטער זייט פון מיין פּלאַץ האָסטו מיר אָוועקגעזעצט דעם סוואָלאַטש ברעסקין. ווען דו ווייסט ווי איך האָס אים, וואָלסטו פאַרשטאַנען ווי עס האָט מיך אויפגערעגט צו האָבן אים נעבן מיר.

דער אמת איז, אַזוי שנעל ווי כ'האָב דערזען דעם אויסוואורף, האָב איך מיך באַלד געוואָלט אויפהויבן פון פּלאַץ און זיך איבערזעצן אויף דער צווייטער זייט.

ווען כ'האָב אָבער אַ קוק־געטאָן, אַז דו האָסט מיר אָוועקגעזעצט פון דער צווייטער זייט, מיין שונא שלום ביליץ — איז מיר פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן.

מיט דעם שלום ביליץ האָב איך אַן אַלטן חשבון. מאָל דיר, ער האָט מיך שוין צוויי מאָל געשלעפּט אין קאָורט, און ער רעדט אויף מיר אויס אַלץ, וואָס אין דער קאָרט.

און אַז איך האָב אים דערזען, האָב איך שוין נישט געקאָנט זיך איבערזעצן. כ'וועל דאָך נישט גיין פון וואַסער אין פייער אַריין!

טאָמער איז דאָס ווייניק, איז אויף מיין שלימ־מזל דאָרט אויך געזעסן — זישע בליאַסק. נו, וועל איך מיך אָוועקזעצן נעבן זישען? און ווען מען גיט מיר אַ פולע שטוב מיט גאָלד, וואָלט איך מיך נעבן אים אָוועק־געזעצט?

ערשטנס, איז ער אַן אָנזעצער. נישט געווען נאָך דאָס מאָל, ווען איך זעץ מיך מיט אים שפּילן פינאַקל, אַז ער זאָל נישט שולדיק בלייבן אַ פינפערל, אַ צענערל.

און צווייטנס, — צי מיך נישט ביי דער צונג. ער איז נישט פון די גרויסע צדיקים ביים שפּילן! מ'דאַרף אים גוט קוקן אויף די פינגער!

האָרט נעבן אים איז געזעסן טשאַרלי גרייצער. פרעג טשאַרלי גרייצער'ן, וועט ער דיר זאָגן, ווער זישע בליאַסק איז!

צווישן אונז זאָל עס בלייבן, איז טשאַרלי גרייצער אויך נישט פון די זיידענע יונגעלייט; אָבער אין פאַרגלייך צו זישע'ן, איז טשאַרלי אַ מלאך!

אַ שאָד וואָס איך רעד נישט מיט טשאַרלי׳ן, אַנישט וואָלט איך דיר אויפגעוויזן, ווער זישע איז!

און צוליב די אַלע געסט, וואָס זיינען געווען אויף דער שמחה, האָב איך געמוזט זיצן איינגעלייגט און זיך נישט רירן, ווייל וואו איך וואָלט מיך אַ ריר־געטאָן, איז געזעסן מיינער אַ שונא.

דעם איינציקן פריינט, וואָס כ׳האָב יאָ געטראָפן צווישן די געסט, איז — מאַיקל שפרינגער. אָבער גיי און זעץ זיך אַוועק מיט אים, אַז מיר זיינען אויף מעסער־שטעך!

איך האָב צו אים גאָרנישט, אָבער נעבן דעם פאַרשווין טאָר מען נישט שטיין, און זיצן נעבן אים — אַוודאי און אַוודאי נישט. אַ ראַז־באַיניק פוירסט קלעס!

פונדעסטוועגן ווינטש איך אים נישט קיין שלעכטס; נאָר ווען עס ווערט מקוים אַפילו אַ דריט־חלק פון דעם, וואָס איך ווינטש אים, — וואָלט מען געדאַרפט צו אים אַרויסרופן אַן אַמבולאַנס.

אָבער דאָס אַלץ איז נישט וויכטיק.

דער עיקר — ס׳איז געווען אַ שמחה, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך פרייד, נחת און פאַרגעניגן.

נאָכאַמאָל: אַ האַרציקן דאַנק!

דיין...

הינטערן זיידענעם פאָרהאַנג

סצענישע מאָנאָלאָגן און דיאַלאָגן

דיפּלאָמאַטן

אָ ר ט : מושב זקנים
צ י י ט : אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל

איטשע: אַי, ר׳ ישראל, איר ווייסט גאָרנישט, ווי איך בין אייך מקנא!

ישראל: מיט וואָס דהיינו, זענט איר מיך אַזוי מקנא, מיט די יאָרן מיינע? מיר שטייען, בוכשעם, ביידע אין די זעלבע יאָרן. איך ווער — ביז הונדערט און צוואַנציק — דעם היינטיקן חמשה עשר בשבט, צוויי און אַכציק יאָר; און איר ערט זיך, אויב איך האָב נישט קיין טעות, צום־גדליה. אַיאָ ר׳ איטשע?

איטשע: יאָ, וואָס שייך יאָרן זיינען מיר ביידע די זעלבע צוציקעס... צוויי שניקעס... נאָך באַיטשיקעס אין די דאַיפּערס... אָבער מקנא בין איך אייך צוליב עפּעס אַנדערש. צוליבן נאָמען! עפּעס אַ ווערטעלע: „ישראל״? ס׳שמעקט דאָך מיט מלוכה, מיט רעגירונג, מיט פּאַרלאַמענט, מיט כנסת ישראל. אמת טאַקע אַז איטשע איז אויך אַ גאַנץ שיינער נאָמען, אָבער...

ישראל: אָן „אָבער״, אַלע זיינען מיר גלייך, ווי שטייט אין פּרק? „כל ישראל חברים״ — מדינת ישראל איז אונזער אַלעמענס! איר זענט

פונקט אַזאַ גלייכער שותף ווי איך. און איר ווייסט כאָטש ר׳ איטשע ווי מען האַלט עפּעס אין דער פּאָליטיק? אַנו, וויפל מלוכות האָבן אונז שוין אנערקענט?

איטשע: ס׳הייסט צי כ׳ווייס? וואָס מיינט איר איך שלאָף?! איך פיר נישט קיין חשבון?

ישראל: טשיקאַווע ווי אַזוי פירט איר דעם חשבון, — איר פאַר־שרייבט?

איטשע: כ׳דאַרף נישט פאַרשרייבן, כ׳האָב בעסערע ספּאָסאָבן.

ישראל: דהיינו?

איטשע: דהיינו, כ׳האָב געבעטן מיין איידעם ער זאָל מיר ברענגען אַ גלאָבוס. האָט ער מיר געבראַכט. האָב איך מיר אַריינגענומען דעם גלאָבוס צו מיר אין מיין רום, אַרויפגעשטעלט אויפן טישל, נעבן מיין בעט, און איצט האָב איך די גאַנצע וועלט נעבן מיין בעט! און יעדן טאָג ווען כ׳לייען דעם פּעיפּער, גיב איך קודם כל אַ קוק, וועלכע מלוכה עס האָט אָנערקענט אונזער מדינה. דערנאָך טו איך מיר אָן נאָך אַ פּאָר ברילן און נעם זוכן די מלוכה אויפן גלאָבוס. און אַז איך פאַק די מלוכה, נעם איך אַ טשוואָק און מאַך אַ לאָך אין דער מלוכה.

ישראל: איז וואו׳זשע האַלט איר אין דער וועלט?

איטשע: הלואי ווייטער נישט ערגער. שוין באַלד דעם גאַנצן גלאָבוס צעלעכערט. עפּעס אַ קליין שטיקעלע וועלט איז מיר נאָך געבליבן גאַנץ. אָבער עס וועט אויך קומען בקרוב אויף מיינע הענט... נו, ווי געפעלט אייך מיין ספּאָסאָב?

ישראל: נישט שלעכט. איך אָבער מאַך עס פּשוטער. איך פיר דעם חשבון מיט קנעפּלעך.

איטשע: וואָס הייסט מיט קנעפּלעך?

ישראל: איר ווייסט נישט וואָס מען מיינט קנעפּלעך? קנעפּלעך זיינען קנעפּלעך! אַז כ׳הער אין דער ראַדיאָ, אַז אַ מלוכה האָט אָנערקענט ישראל, נעם איך און רייס אַראָפּ אַ קנעפּל פון וועסטל און לייג אַוועק. אַרגענטינע האָט אנערקענט — אַ קנעפּל. האָלאַנד האָט אָנערקענט — אַ קנעפּל. און יעדע נאַכט פאַרן שלאָפן גיין, צייל איך די קנעפּלעך.

איטשע: זענט איר, הייסט עס, ר׳ ישראל שוין באַלד מיט יעדער

מלוכה קנעפּל שבקנעפּל?! און פון וואַנען, כ׳בעט אייך זייער, נעמט איר אַזוי פיל קנעפּלעך?

ישראל: ס׳הייסט פון וואַנען? עס פעלן מיר סוט׳ס? עס פעלן מיר הויזן? עס פעלן מיר וועסטלעך? כ׳האָב מורא, אַז עס וועלן מיר גיכער אויספעלן מלוכות ווי קנעפּלעך.

איטשע: כ׳האָב אָבער מורא ר׳ ישראל, אַז מיט אַזאַ חשבון וועט איר ווייט נישט פאַרפאָרן. אויב עס וועט ווייטער גיין אַזוי ווי ביז איצט, וועט איר אין גיכן גיין אויפגעקנעפּלט!

ישראל: איז וואָס׳זשע? מיין פּאָליסי איז: בעסער גיין אויפגע־קנעפּלט און מען זאָל אונז אָנערקענען, איידער נישט אָנערקענען און גיין פאַרקנעפּלט. איאָ, ס׳איז אַ גוטער געדאַנק?

איטשע: כשר געדעכט. איר האָט אַ קאָפּ ווי אַ מיניסטער, ר׳ ישראל!

ישראל: בין איך צופרידן! מיר דאַרפן טאַקע האָבן מיניסטאָרן!

איטשע: און קאָנסולן, און געזאַנדטע און אַמבאַסאַדאָרן!

ישראל: וואָס אַ שטייגער, ר׳ איטשע, וואָלט איר געוואָלט זיין?

איטשע: איך בין נישט פּריטיקעלע. כ׳קאָן באַשטיין צו זיין אפילו — אַן אַמבאַסאַדאָר.

ישראל: למשל, וואו? אין וועלכן לאַנד?

איטשע: ס׳ווענדט זיך דען אָן מיר? אַן אַמבאַסאַדאָר איז נישט קיין עליה! אַן עליה אין שול קאָנט איר זיך אויסקלויבן: שלישי, ששי, מפטיר! אָבער אַן אַמבאַסאַדאָר איז ביים אויסערן־מיניסטער אין דער האַנט. ווען ס׳ווענדט זיך אָן מיר — קלויב איך מיר אויס טשילי.

ישראל: וואָס עפּעס טשילי? איר קאָנט רעדן טשיליש?

איטשע: רעדן איז אַ קלייניקייט. אַ דיפּלאָמאַט רעדט געציילטע ווערטער!

ישראל: אָבער וואָס דווקא טשילי? פאַרוואָס נישט אינדאָנעזיע?

איטשע: ווייל אין אינדאָנעזיע האָב איך נישט קיין משפחה, און אין טשילי — יאָ.

ישראל: ביין, ס׳געפעלט מיר נישט. אַ דיפּלאָמאַט טאָר זיך נישט רעכענען מיט משפּחה!

איטשע: דאָס ווייס איך. אָבער משפּחה מעג זיך דאָך רעכענען מיט אַ דיפּלאָמאַט!

ישראל: און ווען עס ווענדט זיך אין מיר, ווער איך גאָר פינאַנץ מיניסטער.

איטשע: ווען איר זענט פינאַנץ־מיניסטער, שעם איך זיך גאָרנישט, און טו אייך אַזוי אַ פרעג — נישט מיר, נישט דיר — וואָס האָט איר אויפגעטאָן מיט דער הונדערט מיליאָן דאָלאַר הלוואה?

ישראל: איר וואָלט געפרעגט, און איך וואָלט נישט געענטפערט.

איטשע: איר מוזט ענטפערן! איך וואָלט אייך געצוואונגען! ביי אונז, אין אַ דעמאָקראַטישע מדינה, איז נישטאָ קיין סודות! אַז מען פרעגט אַ מיניסטער מוז ער ענטפערן!

ישראל: דעמאָקראַטיע אַהער, דעמאָקראַטיע אַהין, און איך וואָלט אייך נישט געענטפערט. איר קלערט, אַז דער גאַנצער מושב זקנים וועט קומען שטעלן פראַגן דעם מיניסטער און ער וועט ענטפערן? אַ מיניסטער דאַרף נישט אָפּגעבן קיין חשבון דעם מושב זקנים, נאָר — דעם פּאַר־לאַמענט. און אַ חוץ אַלעם, וואָס האָב איך מיט אייך צו רעדן? איר קענט זיך דען אויף פינאַנסן?! כ׳וואָלט געשוואוירן, אַז איר האָט נאָך אין אייער לעבן קיין גאַנצן הונדערטער נישט געזען. טאָ זיצט־זשע בעסער און שווייגט, און שטעקט נישט אַריין אייער נאָז אין קיין מיליאָנען־ביזנעס!

איטשע: פאַררעדט מיר נישט די ציינער און זאָגט מיר בעסער וואָס ס׳איז געוואָרן מיט די פריערדיקע הונדערט מיליאָן!

ישראל: און אַז כ׳וועל אייך שוין זאָגן, וועט איר דען וויסן? ווען איר וואָלט געווען בקי אין פינאַנסן, וואָלט איר געוואוסט, אַז, למשל, באַוואַסערן דעם נגב קאָסט אַ פאַרמעגן!

איטשע: אַ פאַרמעגן? — פאַר אַ מיליאָן דאָלאַר מאַך איך עס אייך!

ישראל: ווען איר מאַכט עס אפילו אומזיסט, וואָלט איך עס אויך נישט געמאַכט ביי אייך! אויב איר קאָנט זאָגן, אַז פאַר אַ מיליאָן וועט איר באַוואַסערן דעם נגב, זענט איר דאָך אַן אמת׳ער פאַרטאַטש! מינימום מוז עס קאָסטן אַ פינפערל!

איטשע: גוט, מסכים — אַ פֿינפֿערל! און וואו האָט איר צעטרענצלט די איבעריקע פֿינף־און־נײַנציק מיליאָן טאָלער?

ישׂראל: גיט אַהער אַ בלײַשטיפֿט, וועל איך אײַך מאַכן שוואַרץ אויף ווײַס דעם חשבון: עלעקטריפֿיצירן דעם נגב — אַ פֿינפֿערל, יאָ?

—איטשע: משוגע מײַנע שונאים! פֿינף מיליאָן?! וואָס וואַרפֿט איר זיך אַזוי מיט קהל׳יש געלט?! הערט, אויב כ׳זאָל אײַך רעכענען פֿאַר עלעקטריפֿיקאַציע דרײַ מיליאָן, וועט איר נאָך שײַן פֿאַרדינען דער־בײַ. ווי גרויס איז ס׳גאַנצע מלוכה׳לע? ס׳דאַרף נישט קאָסטן קיין אײַן פֿעני מער ווי דרײַ מיליאָן!

ישׂראל: אַז איר וועט פֿערזענליך האָבן אײַערס אַ פּריוואַט מלוכה׳לע, וועט איר טשאַרדזשן פֿאַר עלעקטריפֿיקאַציע דרײַ מיליאָן; בײַ מיר קאָסט עס פֿינף — און ווי איר ווילט!

איטשע: גוט! כ׳וויל נישט אײַנרײַסן זיך מיט אײַך! כ׳גיב אײַך נאָך דעם פּרײַז! פֿינף און פֿינף איז צען. גיט מיר אַ חשבון פֿון די איבעריקע נײַנציק מיליאָן!

ישׂראל: באַמיסטיקן ס׳לאַנד!

איטשע: עפּעס מאַכט איר מיר טערקישע חשבונות! וואָס הייסט דאָס „באַמיסטיקן ס׳לאַנד״?

ישׂראל (אויפֿגערעגט): באַמיסטיקן ס׳לאַנד הייסט: באַמיסטיקן ס׳לאַנד!

איטשע: און באַמיסטיקן ס׳לאַנד געהערט צו די מיניסטאָרן?

ישׂראל: ווער דען וועט באַמיסטיקן — איך?! איר?! — עס איז פֿאַראַן אַ ספּעציעלער דעפּאַרטמענט פֿאַר באַמיסטיקונג.

איטשע: און מיט וויפֿיל, אַ שטייגער, שמעקט באַמיסטיקונג?

ישׂראל: מינימום — אַ פֿינפֿערל!

איטשע: אפֿשר וועט איר פֿאַרט עפּעס אַראָפּלאָזן? בײַ אײַך איז עפּעס אַ מאָדע, אַז ס׳מינדסטע אַרטיקל קאָסט אַ פֿינפֿערל! אַ סוף — ווײַטער! וואָסערע אויסגאַבן האָט איר נאָך?

ישׂראל: ס׳פֿעלן אויסגאַבן אין אַ מלוכה? וואו איז בויאונג? וואו איז קאָמוניקאַציע? וואו איז האַנדל און אינדוסטריע? וואו איז דער פּלאַט?

איטשע: וויפֿיל, דהיינו, כאַפּט אײַך אַרײַן דער פּלאַט?

ישראל: דער פּלאַט? און אַז כ׳זאָל וויסן, וועל איך אייך דען זאָגן? וואָס ווילט איר פון מיר אַרויסקריגן מיליטערישע סודות?

איטשע: כ׳וויל נישט וויסן גענוי; כ׳וויל וויסן פּליוס־מינוס.

ישראל: אפילו אַזויפיל־אָ וועל איך אייך נישט זאָגן. כ׳ווייס בלויז איינס: דער חשבון איז צדק. עס פעלט נישט, ברוך השם, אין אַ מלוכה אויף וואָס אויסצוגעבן הונדערט מיליאָן דאָלאַר.

איטשע: פאַר אַזאַ רעדן, וועל איך אייך אַראָפּזעצן. איר וועט ביי מיר נישט זיין קיין מיניסטער!

ישראל: וועט איר ביי מיר נישט זיין קיין אַמבאַסאַדאָר!

איטשע: איך בין נישט אָפּהענגיק פון אייך, ר׳ ישראל, איך פאַל אַרונטער אונטער אונזער אויסלאַנד׳ס־מיניסטער!

ישראל: און איך בין פון אייך אויך נישט אָפּהענגיק. איך פאַל אַרונטער נאָר דעם פּרעמיער־מיניסטער. און זייט נישט קיין עזות־פּנים, האָט דרך־ארץ פאַר אַ מיניסטער!

איטשע: און איר, ר׳ ישראל, מעגט האָבן אַ ביסל דרך־ארץ פאַר אַן אַמבאַסאַדאָר!

ישראל: אַ מיניסטער איז גרעסער פון אַן אַמבאַסאַדאָר!

איטשע: ניין! אַן אַמבאַסאַדאָר איז גרעסער פון אַ מיניסטער!

ישראל: אַי... איר זאָלט מיר געזונט זיין, ר׳ איטשע, איר ווילט זיך מיט מיר קריגן? הערט מיך אויס, אַנשטאָט צו מאַכן אַ רעגירונגס־קריזיס לאָמיר בעסער מאַכן לחיים. נעמט אַ שנעפּסל! לחיים אַמבאַסאַדאָר!

איטשע: לחיים מיניסטער! לחיים!

ישראל: פון אייער מויל אין גאָט׳ס אויערן אַריין. קומט, ר׳ איטשע, לאָמיר דאַווענען מנחה. — אשרי יושבי ביתך — — —

אַ מאַטראָז — אַ משגיח

מאָנאָלאָג ספּעציעל געשריבן פאַרן
„דזשיגאַן־שומאַכער־טעאַטער" אין ישראל, און
ווערט אויסגעפירט דורך ש. דזשיגאַן.

וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן?

— צ׳זעט דאָך שוין, וויס אויף שוואַרץ, ווער איך בין, און וואָס איך בין! איך בין אַ מאַטראָז אויף אַ ישראל־שיף און מ׳רופט מיך פּישל. פּישל מאַטראָז.

הייסן הייס איך — משה, נאָר ווען כ׳בין ס׳ערשטע מאָל אַרויף אויף דער שיף, האָב איך געציטערט ווי אַ פיש. האָבן די מאַטראָזן מיר אַ נאָמען געגעבן פּישל. בין איך שוין געבליבן ביים פּישל!

מיך איז לייכט צו דערקענען. דער גאַנצער ים ליגט מיר אויפ׳ן פּנים. דאָ האָב איך אַ ים מיט קנייטשן! (ווייזט דעם שטערן) דאָ האָב איך אַ ים מיט זאָרג! (ווייזט אויף די קעשענעס) און דאָ האָב איך אַ ים מיט חובות. איך בין גוט באַקליידט!

אַז מ׳זעט מיך אין די תכריכים פונדערווייטנס, מיינט מען אַז עס גייט אַ טויטער. נאָר אַז מ׳קוקט מיך אָן נענטער, זעט מען, אַז — ס׳איז אמת!

לאָמיר בעסער רעדן וועגן פריילעכערע זאַכן, — כ׳האָב עגמת נפש!

אַז מ׳לעבט היינט אין אַזאַ צייט, אַז מ׳איז נישט זיכער איבערצולאָזן אַ שיף אויף אַ פּאָר מינוט אַליין אין פּאָרט. כ׳האָב געוואָלט זאָגן קדיש אויף דער יבשה, האָב איך געבעטן דעם קאַפּיטאַן, ער זאָל מיר אַכטונג געבן אויף דער שיף ביז איך וועל צוריקקומען. כ׳קום צוריק, האָט מיר די שיף אָנגעפּייפט. נישטאָ קיין שיף. אַזוי ווי אין וואַסער אַריין. מיך איבערגעלאָזט אויף הפקר.

גיי איך איצט אַרום אָן דער שיף, און די שיף, גייט אָן אַ משגיח. איך בין מער משגיח, ווי — מאַטראָז.

און צוליב וואָס מיינט איר האָב איך פאַרשפּעטיקט? כ׳האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, — צוליבן קדיש. נישט צוליב מיין קדיש. צוליב אַ פרעמדן קדיש. כ׳האָב געוואָלט טאָן אַ אידן אַ טובה.

כ׳בין אַריינגעגאַנגען אין שול, קומט צו מיר צו אַ יונגערמאַן, און דערציילט מיר, אַזוי ווי ער האָט יאָרצייט נאָך זיין טאַטן, און ער קאָן נישט זאָגן קדיש, — זאָל איך פאַר אים זאָגן קדיש. נאָכן דאַווענען האָט ער מיר געוואָלט דערפאַר באַצאָלן. האָב איך אים אויסגעזידלט. איך וועל נעמען באַצאָלט?! פאַרקערט, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! איז דער יונגער־מאַן אָבער צוגעשטאַנען, אַז כ׳זאָל כאָטש נעמען פינף טאָלער. פינף טאָלער. פינף טאָלער. שוין, גיט אַהער. האָט ער נישט געהאַט קיין קעש. נעמט ער אַרויס אַ טשעק פון צען טאָלער און גיט מיר. האָב איך אים אַ רעשט געגעבן פינף טאָלער. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן — דער טשעק איז פאַלש, די אונטערשריפט איז פאַלש. נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

מילא, ס׳אַרט מיך נישט, וואָס דער קדיש האָט מיך געקאָסט פינף דאָלער, (וויזט) זיין גאָלדענע פעדער איז נאָך ווערט אַ פינפער׳ל. אָבער דאַכט זיך, אַז דער ממזר האָט גאָר קיין טאַטן נישט געהאַט.

און צוליב דעם קדיש האָב איך פאַרשפּעטיקט די שיף. כ׳בין געבליבן איינער אַליין מיט דער בייגל אויף דער פּלייצע. צ׳ווייסט דאָך סאַראַ בייגל איך מיין? — אַ גומענע בייגל צו ראַטעווען זיך. און אַזוי ווי כ׳בין געווען הונגעריק, האָב איך מיך טאַקע געראַטעוועט. כ׳האָב פאַרקויפט די בייגל, און — געקויפט אַ פּלעצל.

און יעצט גיי איך אַרום און זוך די שיף.

מילא, איך וועל מיר אַן עצה־געבן אָן דער שיף. אָבער ווי אַזוי וועט זיך די שיף אַן עצה־געבן אָן מיר, — דאָס ווייס איך נישט!

איך האָב דאָך די גאַנצע שיף אויפֿן קאָפּ!

איך קען שוין די שיף ווי מײַנע ניין פינגער. (ווײַזט) דעם פינגער רעכן איך נישט, ווײַל ער איז טויט. שטענדיק ווען איך דאַרף אים ווערט ער מיר אַנטשלאָפֿן. כ׳בין דאָך אַ פּאַכמאַן! אַז איך גיב אַ נעם די שווערסטע שיף אין דער האַנט אַרײַן, ווייס איך באַלד וויפֿיל זי וועגט. כ׳קאָן מיך טועה־זײַן מיט אַ צוויי־דריי פונט. מ׳איז דאָך נאָר אַ מענטש.

און ווער שלעפּט דען די גאַנצע שיף? — דער מאָטאָר און איך. אַוודאי קאָן איך מיך נישט פאַרגלײַכן צו קיין מאָטאָר. ס׳קלענסטע מאָטאָרל האָט קראַפֿט פון צען טויזנט פערד, און איך בין פאָרט נישט מער ווי איין פערד. אָבער אַז איך גיב מיך אַ שפּאַן־אײַן, שוויץ איך אײנער אַליין מער ווי אַלע מאָטאָרן צוזאַמען. כ׳בין דאַמאָלס דער גרעסטער שוויצער אויף דער שיף. נאָך אַזאַ שטיקל אַרבעט ווער איך נאַסער ווי דער ים. נאָך אַזאַ האָרעוואַניע, ווער איך בלויז וואַסער, אַזוי, אַז מ׳קאָן מיך אַרײַנגיסן אין אַ פלעשל.

אַהאַ, איר שפּילט זיך מיט פישל מאַטראָז! נאָך דערצו — אַ אידישער מאַטראָז!

מאַטראָזן אויף גוי׳אישע שיפן האָבן אַ לײַכט לעבן. וואָס טוען זיי דען גאַנצע טעג? — הייצן די קעסלען, שמירן די מאַשינען, שלעפּן די שטריק, קריכן אויף לייטערס, כאַפּן וואַלפיש און שוין!

אָבער אַ אידישער מאַטראָז — און דערצו נאָך אַ משגיח אויך — האָט צו־טאָן ביז איבערן קאָפּ!

יעדן טאָג האָט אַן אַנדער פּאַסאַזשיר יאָרצײַט, מוז מען דאָך זאָגן קדיש. דאַרף מען דאָך צוזאַמענשלעפּן אַ מנין. און דאָס אַליין קומט שוין מיט גרינע ווערעם. דערנאָך איז דאָך אַ מצווה צו מאַכן אַ לחיים. איז ביז מ׳לייגט זיך צוזאַמען אויף אַ פלעשל בראָנפן צו מאַכן דעם לחיים, קומט אָן מיטן טויט. און אַז אידן פאָרן קיין ישראל, טאַנצן זיי דאָך פון שמחה. איז מיט וועמען טאַנצט מען? מיט אייך? מיט אייך? — מיט די מאַטראָזן! טאַנצט מען פון זיך די קישקעס אַרויס. ביז ס׳ווערט פינ־

סטער, דאַרף מען דאַווענען מנחה־מעריב. אָפּגעדאַווּנט מנחה־מעריב, דאַרף מען מחדש זיין די לבנה.

און פאַר דער שיף אַליין, דאַרף מען דאָך אויך עפּעס טאָן! ווער וועט איבערקוקן די מזוזות, — איר? — איך! וואָס מיינט איר, ס׳איז דאָך אַ אידישע שיף! מ׳טאָר נישט דערלאָזן ס׳זאָלן זיך אַריינכאַפּן שדים און רוחות!

כ׳האָב טאַקע נישט קיין מורא, אַז די שיף וועט אונטערגיין. ס׳איז דאָך אַ אידישע שיף. און די פּאַסאַזשירן זיינען אידן. און אידן גייען קיינמאָל נישט אונטער און אידן וועלן קיינמאָל נישט אונטערגיין! אָבער ס׳מייניקע מוז איך טאָן. אַ מאַטראַז איז אַ מאַטראַז.

מאַכט זיך אַ שטורעם מוז מען באַלד צו וויסן טאָן, אַז עס דראָעט אַ געפאַר, — ס׳וועט אַריין וואַסער.

שעם איך מיך נישט און מאַך אַ טרעוואָגע: קול מבשר מבשר ואומר! קול מבשר מבשר ואומר! דערנאָך העלף איך די אידן אָנטאָן די בייגל. וועלכער איד קען זיך דען אָנטאָן אַ בייגל?! אַ איד קען עסן אַ בייגל!

דערנאָך גרייט איך צו פּילן. ביי אַ קליינעם שטורעם נעם איך די פּילן (וויזט). און טאָמער ווערט דער שטורעם געפערלעך, נעם איך דאָס (וויזט אַ תהילימ׳ל). דאָס איז דוד המלכ׳ס פּילן. אַ תהילימ׳ל. און איין קאַפּיטל תהילים נעמט איך אָוועק דעם גרעסטן שטורעם ווי מיט דער האַנט. און דער הימל לייטערט זיך אויס. און איר זעט אַ אידישן הימל, אַ אידישן ים מיט אידישע פיש און אַ ים מיט פיש־יויך. און די פיש פירן זיך אויף אַזוי אידישלעך. מ׳זעט ווי איין פיש וויל איינשלינגען דעם צווייטן. אַ מחיה!

כ׳וועל מיך גאַרנישט שעמען פאַר אייך! איך האָב ליב אַ שטורעם ס׳לעבן. ווען ס׳קומט אַ שטורעם, קאָן איך עפּעס אויפטאָן. צ׳זעט די מעדאַלן? — וואָס מיינט עץ, פאַר זיצן מיט פאַרלייגטע הענט קריגט מען מעדאַלן?!

איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַזאַ שטורעם, אַז די שיף איז געבליבן שטיין אין סאַמע מיטן ים, נישט אַהין און נישט אַהער. ס׳האָט שוין גע־האַלטן אַזוי שמאָל, אַז כ׳האָב אויף מיין אייגענער האַנט, אָן קאַפּיטאַן, געוואָלט געבן אַ באַפעל, אַז אַלע פּאַסאַזשירן אָן אויסנאַם, ווייבער, מע־

נער און קינדער, זאָלן אַראָפּגיין און העלפן שטופּן די שיף. פּלוצים האָט די שיף אַליין אָנגעהויבן צו גיין. האָבן אַלע געזאָגט, אַז ס׳איז מיין אַרבעט!

און פאַר דעם האָט מיר דער קאַפּיטאַן געגעבן די צוויי מעדאַלן. (ווייזט) דאָ זיינען די מעדאַלן!

איך היט זיי, ווי אַן אויג אין קאָפּ. כ׳האָב שוין געהאַט גענוג קונים אויף די מעדאַלן, נאָר כ׳האָב זיי נישט געוואָלט פאַרקויפן. כ׳בין נישט דורכגעקומען מיטן פּרייז.

(ווייזט) און די בענדלעך דאָ? — דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל תהילים.

איר וואָלט געגלייבט, אַז איך האָב געפונען אַ לאָך אין דער שיף? איין מאָל? — דריי מאָל! און פאַר יעדן לאָך האָב איך באַקומען אַ בענדל. איר קאָנט לייענען? — מי ידמע לאָך. מי ישווע לאָך. מי יאַרעך לאָך. און כ׳בין געוואָרן אַזאַ ספּעציאַליסט אין געפינען לעכער אויף דער שיף, אַז אַלע לעכער אויף דער שיף פאַרשטופּט מען איצט מיט מיר!

דריי יאָר אַרבעט איך שוין אין פלאָט. דורך דער צייט האָב איך שוין געאַרבעט אויף אַלערליי אידישע שיפן. אויף שלעפּ־שיפן. אויף פּראַכט־שיפן. אויף האַנדלס־שיפן. אויף קריג־שיפן. מ׳זאָל נאָר טאַקע דערלעבן צו האָבן אַזוי פיל שיפן, וויפיל איך האָב דאָ אויסגערעכנט.

און צוריקגעשמועסט ווייס איך גאָרנישט צו וואָס דער אידישער פלאָט דאַרף האָבן אַזוי פיל שיפן? פאַ מאַיעמו, קען איין שיף פאַרטרעטן אַלע שיפן. אין דער שיף פאָרן פּאַסאַזשירן, — איז עס דאָך אַ פּאַסאַזשירן־שיף. די פּאַסאַזשירן האַנדלען צווישן זיך אויף דער שיף, — איז עס שוין אַ האַנדלס־שיף. ביים האַנדלען קושט מען זיך נישט, — מ׳האַלט זיך אין איין אַרומקריגן, — האָט עץ אַ קריגס־שיף. און אַז די שיף איילט זיך נישט און שווימט נישט אַזוי גיך, דאָס ווייסט איר דאָך אַליין, — איז האָט איר שוין אַ שלעפּ־שיף אויך. איז וואָס ווילט איר נאָך?

כ׳זאָג אייך: ס׳אַ מחיה צו זיין אַ אידישער מאַטראָז. כ׳האָב עס ליב ס׳לעבן.

און ווען מ׳לייגט מיר אַוועק אַ שטוב מיט בלויז גאָלד, כ׳זאָל ווערן אויס מאַטראָז — נעם איך!

אַוודאי, אַ קאַפּיטאַן איז בעסער צו זיין ווי אַ פּשוט׳ער מאַטראָז. גלייבט מיר, כ׳האָב שוין לאַנג געקענט זיין אַ קאַפּיטאַן. נאָר כ׳האָב אַ חסרון, — כ׳קען נישט שווימען. און פון וואַנען זאָל איך קענען שווימען? אַז כ׳בין שטענדיק אַנטלאָפן פון וואַסער ווי פאַר פייער. אָבער ביז איך וועל ווערן קאַפּיטאַן וועל איך נאָך קענען שווימען אויך. איך לערן מיך. דערווייל געוואוין איך מיך צו אַריינצוגיין אין ים. טונק איך מיך נישט אונ־טער. אָבער אַלע טאָג נעם איך אַ גלאָז קאַלט וואַסער, וואַרף אַריין אַ ביסל זאַלץ, מיש אויס מיט אַ לעפעלע און שטעק אַריין אַ פינגער. מ׳דאַרף נאָר נישט קיין מורא האָבן. דרייסט. נאָר דרייסט!!!

בין איך דערווייל נישט קאַפּיטאַן. ס׳פאַרדריסט מיך טאַקע, אָבער ס׳אַרט מיך נישט. בין איך אַ פּראָסטער מאַטראָז. גלייבטס מיר, אַז אויף אַ אידישער שיף האָט אַ פּראָסטער מאַטראָז מער צו זאָגן ווי אַ קאַפּיטאַן אויף אַ גוי׳אישער שיף. כ׳בין פּונקט אַזאַ שותף צו דער שיף ווי דער קאַפּיטאַן. אַוואַדע, קיין מאַיאָנטקעס פאַרדין איך נישט. אָבער וואַסער אויף קאַשע, — ביז דאַנען! דער קאַפּיטאַן פאַרדינט טאַקע מער פון מיר, ני כ׳בעט איך זייער, שטייט ער דאָך ביים רעדל. איר ווייסט דאָך ווי ס׳איז ביי אידן: ווער ס׳שטייט ביים רעדל, טוט זיך נישט קיין עוולה!

כ׳בין שוין אויך געשטאַנען ביים רעדל. כ׳האָב אַמאָל געפרעגט דעם קאַפּיטאַן, ווען ס׳איז ראש חודש? זאָגט ער צו מיר „האַלט ס׳רעדל וועל איך אַריינקיקן אין לוח. האָב איך געהאַלטן ס׳רעדל. אַ וואַזשנע קינץ. אין מיטן פירן די שיף בין איך איינגעשלאָפן און אַרויסגעלאָזט ס׳רעדל פון דער האַנט. נו, איז נישט די שיף געגאַנגען אַליין? — אַ אידישע שיף קען טרעפן קיין ישראל מיט פאַרמאַכטע אויגן!

און איך אַליין וועל אויך טרעפן קיין ישראל.

הלוואי זאָלט איר אַזוי האָבן געטראָפן מיט מיר, ווי איך וועל טרעפן.

נאָר מיט פּסיכאָלאָגיע!

אַ לעקציע אַזאַ וועגן קינדער־דערציאונג

דער מאָנאָלאָג איז געשריבן ספּעציעל
פאַרן כאַראַקטער־קאָמיקער ע ל י ע
מ י נ ץ.

ליידיס און דזשענטעלמען:

איך גיי רעדן וועגן קינדער, אָבער — מיינען, מיין איך אייך, דער־וואַקסענע!

אויב עס אינטערעסירט אייך, — בלייבט זיצן.

אויב עס אינטערעסירט אייך נישט, — וועל איך בלייבן.

אויב איך גיי דאָ רעדן וועגן קינדער, איז עס דערפאַר, ווייל איך האַלט מיך פאַר אַ ספּעציאַליסט אין דער קינדער־פראַגע. איך האָב פּראַקטיק, — ווייל איך בין קליינערהייט אויך געווען אַ קינד; דערצו נאָך — אַ קלוג קינד, כאָטש מען דערקענט עס נישט היינט.

ליידיס ענד דזשענטעלמען, קוקט אייך צו, ווי אַזוי מ׳האָט דערצויגן קינדער — אַמאָל, און ווי אַזוי מען דערציט קינדער — היינט. צוויי וועלטן!

אַמאָל האָט מען די קינדער דערצויגן — אַלט־מאָדיש. אַזוי ווי אייך, אַזוי ווי מיך! וואָס איז אַרויסגעקומען דערפון? — גאָרנישט!!!

היינט דערציט מען קינדער — אויף אַ מאָדערנעם אופן, מיט פּסי־

כאַלאָגיע. און וואָס קומט אַרויס דערפון? — קוויז־פּראָגראַמען. קעדי־לאַק־געווינערס. איין געווינער גרעסער פאַרן צווייטן!!

היינטיקע קינדער זיינען חכמים. שאַרפע קעפּ. אַ קינד פון צוויי יאָר שיסט שוין מיט צוויי רעוואָלווערן. אַ קינד פון דריי יאָר גייט אויף אַ דיעטע. אַ קינד פון פיר יאָר גייט שוין „סטעדי". אַ קינד פון פינף יאָר נעמט דעם פינפטן אַמענדמענט. און אַ קינד פון זעקס יאָר? — גרייט זיך שוין צו ריטאַיערן!

אַמאָל האָט מען דערצויגן אַ קינד מיט בייזן. מיט פּעטש. מיט שמייסן. מ׳האָט געשמיסן אַזוי לאַנג, ביז ס׳קינד האָט נישט געקאָנט זיצן, און דער טאַטע האָט נישט געקאָנט שטיין.

אָבער היינט דערציט מען אַ קינד מיט פּסיכאָלאָגיע, מיט סאַיקאָלי־דזשי. אויס פּעטש! און טאָמער קריגט אַמאָל דער טאַטע אַ פּאַטש, — פרייט זיך די מאַמע! ס׳קינד וואַקסט אַ באָקס־טשעמפּיאָן!

ליידיס ענד דזשענטעלמען,

אַמאָליקע צייטן האָבן קינדער געדאַרפט פאָלגן, וואָס דער טאַטע זאָגט. היינט דאַרף דער טאַטע פאָלגן, וואָס ס׳קינד זאָגט! פאָלגט דער טאַטע, — איז גוט, און פאָלגט ער נישט, — איז אָך און וויי! אדרבא, זאָל ער וויזן אַ קונץ, און נישט פאָלגן!

אַמאָליקע צייטן האָבן קינדער געהאַט רעספּעקט פאַר טאַטע־מאַמע. דאָס איז אַלט־מאָדיש! ווערדליק פּסיכאָלאָגיע דאַרפן טאַטע־מאַמע האָבן רעספּעקט פאַרן קינד! ווען ס׳קינד גיט איין קוק אויפן טאַטן, דאַרף דער טאַטע ציטערן. און אויב ער ציטערט נישט, איז אַ סימן, אַז דער טאַטע איז שלעכט דערצויגן!

און אַז דער טאַטע קומט אַהיים פון דער אַרבעט, און ס׳קינד זאָגט: „לייג דיך אויף דרערד, ווער אַ פערד", — לייגט מען זיך אויף דרערד, און מען ווערט אַ פערד! פאַרפאַלן, היינטיקע צייטן אויב אַ טאַטע וויל, מ׳זאָל אים האַלטן פאַר אַ מענטש, — מוז ער ווערן אַ פערד!!!

און אַז ס׳קינד מאַכט אויף אייך אַ האָלד־אַפּ, שטערט אים נישט! הויבט־אויף די הענט! בעסער איר זאָלט אויפהויבן די הענט צום קינד, איידער ס׳קינד זאָל אויפהויבן אַ האַנט צו אייך!

און אַז ס׳קינד וויל שיסן דעם זיידן, דאַרף דער זיידע זיך לאָזן

שיסן, די מאָדערנע סאַיקאָלידזשי זאָגט: ס'איז בעסער אַ שאָס פון איי־ניקל, אײדער אַ קוש פון דער שנור!

יאָ, לײדיס ענד דזשענטעלמען, מ'דאַרף װיסן, װי אַזוי צו דערציען אַ קינד! אַ קינד איז נישט קײן װײב, — אַ קינד דאַרף מען פּאָלגן!

נעמט מײן באָיטשיק. ער װערט איצט נײַן יאָר, און איך פּאָלג אים שוין זיבן יאָר. אַזוי װי ער האָט נאָר אָנגעהויבן צו רעדן, האָב איך אים אָנגעהויבן צו פּאָלגן! װאָס, מײנט איר, איז געװען זײַן ערשט װאָרט? „טאַטאַ?" — ניין! — „אָלד מען!"

האָב איך געזען מיט װעמען כ'האָב צו טאָן, — גיב איך אים אַלץ נאָך!

ער הײסט מיך מאַכן זײַן „האָום־װאָירק", — מאַך איך! בין איך שװאַך אין אויסלײגעכץ, אין ספּעלינג, אָבער — אין אַריטמעטיק בין איך דער בעסטער אין קלאַס!

ער האָט געװאָלט כ'זאָל אים אויסלערנען שפּילן פּינאַקל, — האָב איך אים אויסגעלערנט. אַז איך דאַרף אַ „האַנט", נעם איך אים. אַז ער דאַרף אַ האַנט, נעמט ער מיך! בעסער צו פֿאַרשפּילן צו אַן אײגן קינד, װי צו פֿאַרשפּילן צו אַ פרעמדן! װאָס קאָן דאָ זײַן? — פֿאַרשפּיל איך צו אים מײַן „אַלאַוענס"! איך קריג דאָך פון אים יעדע װאָך אַ קװאָדער אַן אַלאַוענס. אָנגעהויבן האָט ער מיט אַ דאַים, און װען ס'איז געװאָרן אַ יקרות, — האָט ער מיר געהעכערט אויף אַ קװאָדער!

כ'האָב אים שוין גענומען אויף די פערד־רעיסעס אויך. אפשר מײנט איר, ער האָט נישט געװאונען, — אַ געזונט אויף אים, — זײַן פערדל איז אָנגעקומען פריער װי מײנס!

לײדיס ענד דזשענטעלמען, האָבן אַ קינד, — דאָס איז נישט קײן קונץ. פרעגט מײַן װײב! אָבער האָבן נחת פון אַ קינד, — איז יאָ אַ קונץ. פרעגט מיך!!!

אויב איר נוצט פּסיכאָלאָגיע, קאָנט איר האָבן נחת!

אין אונזערע צײַטן, אַ קינד האָט געװײנט, — האָט זיך געטאָן חושך! מ'האָט עס געװיגט און געשאָקלט. מ'האָט געזונגען און געשאָלטן. מ'האָט געבעטן און געטסראַשעט. מ'האָט עס אויפגעװיקלט און צוריק־געװיקלט. און אַז ס'קינד האָט אויפגעהערט װײנען, — האָט די מאַמע אָנגעהויבן װײנען!

היינט אַ קינד וויינט, מאַכט מען נישט קיין צימעס. די פּסיכאָלאָגיע זאָגט: ס׳קינד האָט פאַרגעניגן פון וויינען, זאָל עס וויינען! און ווער הערט דען, אַז ס׳קינד וויינט? די מאַמע הערט נישט, — זי שפּילט אין קאָרטן. דער טאַטע הערט נישט, — ער וואַשט ס׳געפעס. דער שכן הערט נישט, — ווייל ביי אים וויינט אויך ס׳קינד!

און וויפיל פּסיכאָלאָגיע שטעקט אין אַ קינדס געוויין?

געוויין — דאָס איז די שפּראַך פון קינד! און אַ טאַטע מיט פּסיכאָ־לאָגיע, פאַרשטייט יעדעס וואָרט, וואָס ס׳קינד וויינט!!! אויב ס׳קינד וויינט — „אָר־אַ״, „אָר־אַ״, „אָר־אַ״, הייסט עס: „די מאַמע איז שוין ווי־דער געגאַנגען שפּילן „בינגאָ״, און איך ליג דאָ אין געהאַקטע צרות?!״

אויב ס׳קינד וויינט — „אָר־הו... אָר־הו... אָר־הו...״, הייסט עס, אַז ס׳קינד בונטעוועט זיך: „ווי לאַנג וועל איך ליגן אין קערידזש? — כ׳וויל אַ „ביואיק״.

און אויב ס׳קינד וויינט — „וואַי... וואַי... וואַי...״, איז עס נישט קיין געוויין, נאָר אַ געבעט: „לאָזט מיך וואַטשן די לעיט־לעיט שאָו?!״

יאָ, היינטיקע קינדער זיינען מער צוגעבונדן צו טעלעוויזשאָן, ווי — צו טאַטע־מאַמע.

וועקט אויף מיין באָיטשיק אין מיטן דער נאַכט, וועט ער אייך אָפּ־זינגען יעדן קאָמוירשל פון אויסנווייניק. און ער פאַרלאַנגט כ׳זאָל אַלע קאָמוירשלס אונטערשטיצן! טו איך אים צוליב, קויף איך סיריעלס, וואָס איך עס נישט; קויף איך ביר, וואָס איך טרינק נישט; קויף איך פּודינגס, וואָס איך פאַרזוך נישט; אָבער דאָס, וואָס ער הייסט מיך קויפן „שעמפּו״ צו די האָר, וואָס כ׳האָב נישט, — דאָס פאַרדריסט מיך! זאָג איך אים: וואָס ווילסטו פון מיר, כ׳האָב נישט אַזויפיל געלט צו ספּענדן! גיט ער מיר נישט, מיינט איר, אַ נייעם קאָמוירשל? — אַ קאָמוירשל פון אַ באַנק, וואו כ׳קאָן קריגן אַ הלוואה!

דאָס זיינען היינטיקע קינדער! סאַיקאָלידזשי!!!

היינטיקע קינדער האָבן פולע שטובן מיט שפּילצייג. ביי מיר אין שטוב זיינען דאָ — ביקסן, רעוואָלווערן, אויסגעשטאָפּטע קאַטשקעס, הילצערנע פערד און אַן עלעקטרישע באַן! עס פעלט מיר בלויז אַ ביעטש און אַ באָארדוואָק, האָב איך אין שטוב מיין אייגענע קוני איילענד!

און אַז כ׳וויל, קאָן איך מיר אויך עפּענען אַן אייגענעם „זו״! כ׳האָב אין ליווינג רום אַ טאַנק מיט פישלעך, וואָס שווימען. כ׳האָב אין קיטשן אַ קאַנאַריק, וואָס זינגט. און כ׳האָב אין פאָיער אַ הינטל, וואָס בילט. און מיין באָיטשיק האָט ליבער דאָס הינטל, ווי מיך! און אַז ס׳הינטל בילט הייזעריק, איז דער טאַטע שולדיק. און וויפיל מאָל קלינג איך אַהיים, און ס׳הינטל קומט־צו צום טעלעפאָן?

אַמאָליקע קינדער האָבן געוואוסט פון אַזוי פיל מתנות ווי היינט? איך האָב געקראָגן בלויז איין מאָל אין יאָר — חנוכה־געלט. היינט געקראָגן, און צומאָרגנס האָב איך עס באַלד אָוועקגעבאָרגט דער מאַמען. און געוואַרט אַ גאַנץ יאָר, ביז צום פרישן חנוכה, זי זאָל עס מיר צוריקגעבן.

אָבער היינטיקע קינדער? — זיי באָדן זיך אין מתנות! אויף חנוכה — אַ מתנה. אויף קריסמעס — אַ מתנה. צום געבורטס־טאָג — אַ מתנה. און אַז ס׳קינד ברענגט אַהיים אַ שלעכטע רעפּאָרט־קאַרד, קומט דאָך אים אָוואַדע אַ מתנה. אויב נישט, סטראַשעט ער, וועט ער גאָרנישט אַהיים־ברענגען!

אַ ברירה האָב איך?! — סאַיקאַלאָדזשי! מ׳מוז פאָלגן אַ קינד. כ׳וועל אים נישט פאָלגן, לאָזט ער נישט עסן. מאַכט ער אַ פּיקעט־לאַין ביים פרידזשידעיר. און ווער פון אונז וועט אַריבערגיין אַ פּיקעט־לאַין?! כ׳וועל גיין וויזן דעם קינד, אַז מיר זיינען סטרייק־ברעכער, „סקעבס״?

איר ווילט מיר אפשר זאָגן, אַז היינטיקע קינדער זיינען ווילד? — גוט אַזוי! ווען ס׳קינד איז שטיל, איז אַ סך ערגער!

ווען ס׳קינד איז שטיל, לויפט די מאַמע מיטן קינד צום דאָקטאָר זיך פרעגן אַן עצה: „וואָס טוט מען, דאָק, ס׳קינד איז מיר צו־שטיל?!״

הייסט זיך קודם דער דאָקטאָר געבן זיינע צען טאָלער פאַרן וויזיט, און דערנאָך נעמט ער זידלען די מאַמען: „דאָס הייסט ביי אייך אַ שטיל קינד?! ער האָט דאָך מיר איבערגעקערט דעם גאַנצן אָפיס מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף! אַלע פּאַציענטן זיינען זיך צעלאָפן! נעמט שוין דעם „באָם״ אַהיים, איידער ער צינדט מיר אונטער ס׳הויז!״

ליידיס ענד דזשענטעלמען, הערט וואָס איך זאָג אייך: לויט דער היינטיקער פּסיכאָלאָגיע, איז אַ ווילד קינד אַ ברכה פון גאָט! טאַטע־מאַמע קאָנען טאַקע דערפון משוגע ווערן, אָבער ס׳קינד איז נאָרמאַל!

דער טאַטע האָט טאַקע צרות, אָבער ס׳קינד האָט נחת. דער טאַטע ווערט יונגערהייט — גראָ, אָבער מיין קינד איז שוין ניין יאָר אַלט, און האָט נאָך נישט קיין איין גראָע האָר!

און זאָל איך נישט אַרן, וואָס ס׳קינד מאַכט שאָדנס אין שטוב. לויטן שאָדן דערקענט איר דעם קינדס אינטעליגענץ. ער האָט ליב צו פאַרפלייצן די וואַנע? — אַ סימן, ער וואַקסט אַ בריק־אינזשיניר. ער מאַכט לעכער אין דער וואַנט? — אַ סימן, ער וואַקסט אַן אַרכיטעקט! ער צעהאַקט די פיאַנע? — אַ סימן, ער וואַקסט אַ מוזיק־קריטיקער! ער צעשניידט די טעלעפאָן־דראָטן? — אַ סימן, ס׳געדולד האָט ביי אים געפּלאַצט, ווייל די מאַמע רעדט צו־לאַנג אויפן טעלעפאָן!

ליידיס ענד דזשענטעלמען, דערציט אייערע קינדער מיט פסיכאָלאָ־גיע, — וועט איר טאָן אַ גוטע זאַך. איר וועט דערפון געניסן, אייערע קינדער וועלן דערפון געניסן און די דאָקטוירים פון סאַיקאַלידזשי — וועלן דערצו אויך נישט דערלייגן!

כ׳האָב געענדיקט!